STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06536

GEVEN A TSAYT

A. A. Goldin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. א. גאלדין

געווען אַ בויט

(דערציילונגען)

פארלאג אידיש לעבן

ניו יאָרק, 1929

Copyright, 1929
by
Dr. Leon Golden

אינהאַלט:

יוגנט	5-19
אין אַ פרילינג	20-56
דורות	57-74
מאַניע	75-82
מירעלע די קורצע	83-86
אין אַ פריוויטיק־אָוונט	87-94
אין וואַלד	95-102
דאָרפיש	103-116
בענדעט־סולטאַן	117-120
ער קאָן ניט פאַרשטיין	121-126

פאָרוואָרט

די דערציילונגען פון דעם בוך (אויסער „אין א פרילינג“ און „ער קאָן ניט פארשטיין“) זיינען געווען געדרוקט אין אָדעסער „גוט־מאָרגן“ א פּאָר יאָר פאַר דער וועלט־מלחמה. אין זיי שפּיגלען זיך אָפּ פיל דערשיינונגען פון אידישן פּראָווינציעלן לעבן (איבערהויפּט פון א געוויסער טייל פון דער יוגנט) אין רוסלאַנד פון יענער צייט.

א. א. גאָלדין

גערווידמעט מיינע יוגנט־פריינט
און סתּם יוגנט־באַקאַנטע
— א. א. גאָלדין

יוגנט

בליומע איז אינגאנצן אלט געווען א יאר אכצן. איר יונגער בויגיקער פרויען קערפער, אירע צוויי שיינע בלויע אויגן, אירע קרייזלדיקע בלאנדע האר האבן דערמאנט אן א וועלט, וואו אלץ איז אייביק יונג, שיין און רייצנד. דאכט זיך, דאס אזעלכע בליומעס זיינען איינציקע פון די לעבעדיקע בלומען, וועלכע באפוצן י ע נ ע וועלט און זיינען, ניט פארשטענדלאך צוליב וואס, צוליב וועמען, פארטריבן געווארן פון דארט, בלאנדזשען ארום אין אונזער ערדישער וועלט און, פארקלעמט, בענקען זיי נאך יענער אייביקער שיינקייט, מיט וועלכער זיי האבן זיך צושיידט.

די צימערן פון אירע עלטערנס הויז האבן זיך איר אויסגעוויזן פיל מיאוס׳ער, ווי זיי זיינען געווען אין דער ווירקלאכקייט; די געסל, וואו ס׳איז געשטאנען דידאזיקע הויז, האט זי פשוט געשראקן מיט איר פאר׳חושכ׳טן, טיף מרה׳שחורה׳דיקן, פארקלעמט־שטומען אויסזען.

איר פאטער, א איד א קרעמער, וועלכער האט געדאוונט אלע טאג, ווייל ער איז צו דעם געוואוינט געווען נאך פון קינדהייט, און איז אמאל געווען א בחור, וואס האט פארשטאנען א בלאט גמרא, — האט זי, בליומעלען זיין טאכטער, זייער ליב געהאט פאר אירע קלוגע און ערנסטע ווערטלאך, וועלכע זי פלעגט אפט ארויסזאגן פאר אים שבת אדער יום־טוב ביים טיש; ער האט זי ליב געהאט, ווייל ער האט געפילט, אז איהר יונגע נשמה איז פיל ריינער און העכער פון זיין קרעמערשע נשמה, — און אפשר, ווער ווייס, אפשר איז זיין ליבע צו איר געווען געגרינדעט אף פרויען־שיינקייט, — אמת, ער איז איר טאטע געווען און זי — זיין טאכטער. דאך פארט איז ער געווען א מאנסבל, און זי איז געווען אזוי מיידלש רייצנדיק, דאס ניטווילנדיק האט ער זיך דערמאנט אן זיינע יונגע יארן, ווען ער האט זייער אפט געקלערט וועגן פרויען.

די מאמע, א פשוט׳ע אידענע פון א יאר פינף און פערציק, וועמעס געדאנקען האבן זיך קיינמאל ניט אויפגעהויבן העכער און ווײ־

טער פון איר קיך און מאנופאקטור־קליטל, — האט זיך אויך באַ־צויגן צו בליומעלען מיט א באזונדערער מוטערלאכער ווייכקייט, וועל־כע זי האט, דאכט זיך, באהאלטן נאר פאר בליומען, — און פסח צום סדר, ווען אין שטוב פלעגט זיין ליכטיק אין אלע ווינקעלאך, פלעגט זי ארויסווייזן אזא מין ווייכקייט אויך צו איר מאן.

דער פאטער און די מוטער האבן שטענדיק אנגעקוועלט פון זייער בליומעלען: א שיינע, א קלוגע, א שטילע, טוט ניט אף צולאכעס. אמת, די לעצטע צייט האט זי אנגעהויבן זיך באגעגענען מיט אזעלכע מיידלאך, פאר וועלכע זיי האבן מורא געהאט, דאס יענע זאלן חלילה ניט ארפפירן זייער בליומעלען פון וועג, — און אפט פלעגן טאקע אריינקומען צו זייער טאכטער אייניגע בחורים, — וועלכע האבן זיך גערעכנט אין שטעטל פאר אויסגעלאסענע; בליומעס עלטערן פלעגט אפט אויסקומען צו הערן, ווי זייער טאכטער פירט א געשפרעך וועגן אזעלכע ענינים, וואס האבן, נאך זייער מיינונג, גאר ניט געפאסט פאר זייער טאכטער, — וועגן ליבע, למשל, און ד. ג. — דאך איז זיי קיינמאל ניט איינגעפאלן אין געדאנק, דאס בליומע רעדט ערנסט פון אזעלכע זאכן און אז אין איר הארצן איז פארבארגן א גאנצע וועלט, פון וועלכער זיי האבן ניט געהאט קיין באגריף.

בליומע האט געליבט אירע עלטערן דערפאר, וואס זיי האבן זי געליבט. — אבער טאקע מער ניט. און פאר וואס עפעס אנדערש האט זי זיי געקאנט ליבן? פאר זייערע געדאנקען? זייענען זיי כאטש וויפיל ס'ניט איז געוועזן ענלאך צו אירע? מילא, פון דער מוטער איז שוין אפגערעדט — א פשוט'ע אידענע און מער ניט, — אבער אפילו דער פאטער, וועלכער האט זיך געהאלטן פאר א קלוגן און פלעגט ליב האבן אפט זיך לוסטיק מאכן איבער זיין ווייב דערפאר, וואס זי האט, נאך זיין מיינונג, זייער ווייניק פארשטאנען אין וועלט־זאכן,— האט ער דען באגריפן יענע געפילן, וועלכע האבן זי, בליומען, אפט גאנצע נעכט ניט געלאזן שלאפן; יענע געדאנקען און קלערונגען, וועלכע האבן ניט אפגעלאזט איר מוח אף איין רגע? האט זי גע־זאלט אויסגיסן פאר אים איר הארץ? — וואלט ער זי דען פארשטא־נען?

בליומעס אינערלאכע וועלט איז געוועזן גאר אן אנדערע. איני־גאנצן אן אנדערע פון יענער, אין וועלכער זי האט זיך געפונען.

געדאנקען וועגן גרויסע שטעט, וואו דאס לעבן רוישט און צווינגט

דאָס האַרץ זיך באַוועגן, פירן מלחמה מיט אַלערליי שטערונגען; וואו דער מענטש האָט די מעגלאַכקייט אַלזייטיק זיך אַנטוויקלען און ברייט, טיף פאַרשטיין דאָס לעבן; וואו ס'זיינען פאַראַן גרויסע געלערנטע, קעמפּפער פאַר דערהויבענע אידעאַלן און נאָך און נאָך, — אַזעלכע געדאַנקען האָבן שטענדיק באַוועגט בליומעס האַרץ און ניט געלאָזן זי הנאה האָבן פון דער וועלטל, אין וועלכער זי האָט זיך געפונען; וואו, כאָטש זייער זעלטן, פלעגן אַמאָל יאָ פאָרקומען שיינע, אַנגענעמע זאַכן.

אָט, למשל, פּסח, — וויפיל פאַרגעניגן האָט דערדאָזיקער יום־טוב פאַרשאַפט בליומען! נאָך ניט מער ווי מיט צוויי יאָר צוריק, געדיינקט זי, איז זי געזעסן אַ ג ל י ק ל א כ ע ביים סדר. וואָס האָט איר דעמאָלט געפעלט? קיינע קלערונגען וועגן גרויסע שטעט האָט זי נאָך ניט געהאַט. דער טאַטע אין ווייסן קיטל איז געזעסן אויף דער היסב-בעט, ממש ווי אַ קייסער; און די מאַמע, — אַ, די מאַמע!... מיט וואָס פאַר אַ ווייכע בליקן האָט זי געקוקט אויף איר בליומעלען, וועלכע איז געזעסן אָנגעטאָן אין אַ ווייסער באַטיסטענער בלוזקע מיט רויטע פּאַטשערקעס אַף דער ראָזיק-ווייסער האַלדז. געזעסן איז באַם טיש אויך איר עלטערער ברודער, וועלכער האָט מיט אַ יאָר צוריק חתונה געהאַט און פאַרן נדן געעפנט אַ קלייטל פון אייזן. אַלע האָבן זיך געפילט גוט, און בליומעלע — גליקלאַך; איר הילכיקער קינדערשער געלעכטער האָט זיך אַלע ווילע צוקייקלט אין אַלע ווינקעלאַך און אַרויסגערופן אַ שמייכל אַף די פּנים'ער פון אירע עלטערן.

פיל פאַרגעניגנדיקע מאָמענטן האָט בליומע איבערגעלעבט אין אירע עלטערנס הויז, — אָבער ווי רויך איז אַלץ פאַרשוואונדן. איר קינדערשע נאַאיווע וועלטל איז צערונען געוואָרן, און איר האַרץ האָט אָנגעהויבן בענקען נאָך אַן אַנדער לעבן אין ווייטע גרויסע שטעט.

זי האָט זיך צעשיידט מיט איר נאַאיוו-קינדערשער וועלטל, — אָבער א ו י ך נ א א י ו ו - פ א נ ט א ס ט י ש זיינען געוועזן יענע געדאַנקען, יענע געפילן, מיט וועלכע זי האָט זיך איבערגעגעבן די גרויסע ווייטע שטעט, וועגן דעם לעבן פון וועלכע זי האָט ניט געהאַט קיין באַגריף.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

וואָס איז אַזעלכעס געשען אין בליומעס לעבן? וואָס האָט גע־ווירקט אַף איר, זי זאָל שטענדיק טראַכטן, חלומ׳ען וועגן ווייטע גרויסע שטעט?

דאָס איז געשען אין דעם זומער, ווען זי איז אַלט געווען אַ יאָר זעכצן. אין יענעם זומער איז פון דער גרויסער שטאָט געקומען צו־פאָרן אין שטעטל אַ יונגער לערער מיטן נאָמען סאָלאָמאָן, וועלכער האָט באַלד באַקומען אַ נאָמען פון אַן אויסגעצייכנטן לערער.

בליומע איז געוואָרן זיינע אַ שילערין.

דורכגעגאַנגען איז אַ קורצע צייט, און סאָלאָמאָן האָט פאַרשטאַ־נען, דאָס בליומע איז ניט אַ געוויינלאַכע שילערין, וואָס נויטיקט זיך נאָר אין דער רוסישער שפּראַך, אַריפמעטיק און ד. ג. — ער האָט אָנגעהויבן בּיסלאַכווייז ריידן מיט איר וועגן זייטיקע זאַכן: וועגן דעם לעבן אין די גרויסע שטעט, וועגן קאַמף וואָס פירט זיך אין לעבן צווישן פאַרשיידענע קלאַסן און פּאַרטייען, וועגן קונסט און ליטעראַטור, און נאָך...

וואָס ווייטער, אַלץ מער האָט סאָלאָמאָן אָנגעהויבן פאַרברענגען מיט בליומען. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּט באַגעגענען אַחוץ דער צייט פון דער „שטונדע״, אַמאָל — הינטערן בית־עולם, אַמאָל — אין אַ גויאישער געסל, אַמאָל — ביי בליומעס עלטערן אין הויז שבת אינ־דערפרי, ווען יענע פלעגן אַוועק אין שול דאַווענען, — מיט איין וואָרט — די צאַרטסטע בלומעלע נעמט איין אין איר בליען אַלע שוועריקייטן, און דאָס יוגנט־לעבן געפינט מיטלען, ווי זיך אויסצור־גיסן.

מיט ליבשאַפט איז סאָלאָמאָן געגאַנגען אַרום בליומען. ווייך. מיט שטילן האַרץ־געפיל פלעגט ער איר דערציילן פונ׳ם גרויסשטאָ־טיקן לעבן, וואו אַלץ איז פריי, געבילדעט און א. וו.

ווי שטילע, זיסע מוזיק פלעגן זיינע רייד איר אַוועקטראָגן ווייט, ווייט פון איר קליין שטעטל אַהין, וואו ס׳געפינען זיך טעאַטערס, גימנאַזיעס, אוניווערזיטעטן, וואו ס׳קומען פאָר אָפּטע פאַרזאַמלונגען, וואו דאָס לעבן איז ניט פאַרשטיקט...

אויסגעוויזן האָט זיך איר סאָלאָמאָן ווי אַ מענש פון אַן אַנדער וועלט, אַ סך אַ שענערע פון איר וועלט, וואו זי איז געבוירן און געוואַקסן כמעט זיבעצן יאָר.

האָבנדיק אַ רייכע פאַנטאַזיע, האָט זיך איר אַלץ פאָרגעשטעלט אין

די רייכסטע פאַרבן, — און דאָס פלעגט ווירקן אַף איר, ווי שטאַרקער וויין, — דער קאָפּ פאַרדרייט זיך, די אויגן בלאָנדזשען אַרום אין דער ווייט און זוכן... זוכן... זוכן... אַ נייעם גאָט... אַ נייעם אידעאַל...

אַלץ שטאַרקער האָט זיך איר יונגע נשמה צוגעבונדן צו סאָלאָ-מאָנען, מער אונטערגעפאַלן אונטער דער ווירקונג פון זיינע גע-שפּרעכן. ביסלאַכווייז, ביסלאַכווייז איז איר יונגער קערפּער נשמה׳דיק געוואָרן און זיך סאָלאָמאָנען אונטערגעגעבן...

ניט באַמערקט האָט זי, ווי ער האָט דאָס ערשטע מאָל זיך גע-נומען שפּילן מיט אירע שיינע בלאָנדע האָר; אַ ניט-באַזיגבאַרע קראַפט האָט זי צו זיך צוגעדריקט און פייערדיק אירע ליפּן אַ זויג געטאָן, — אירע אויגן פאַרחלומ׳ט האָבן אין דער ווייט געקוקט...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ס׳איז געווען איינער פון די לעצטע שיינע זומער-טעג, איינער פון די טעג, ווען דאָס שטרעבונג צום לעבן ווערט אַזוי שטאַרק, אַזוי שטאַרק...

נאָך פון זעקס אינדערפרי זיינען בליומעס עלטערן אַוועק אין שול תפילה טאָן פאַר גאָט, ער זאָל זיי אָנ׳חתמ׳ענען אַ גוט יאָר. ס׳איז געווען יום-כפור!... אפילו דער אַפּטייקער, וועלכער פלעגט אַ גאַנץ יאָר שינדן די הויט פון די אָרימע-לייט און פלעגט ווערן אָנגעצונדן, ווען אַ איד אָדער אַ אידענע פון עלטערן דור פלעגט ריידן צו איהם אַף אידיש: „פּאַניע אַפּטייקער, איך פאַרמאָג ניט צאָלן אַזוי טייער“, אָדער: „פּאַניע אַפּטייקער, האָט רחמנות, איר זיינט דאָך אַ איד“ — אָט דער אַפּטייקער, אַז ס׳פלעגט קומען יום-כיפּור אין שטעטל, האָט ער זיך אויך דערשראָקן פאַר גאָט, געגאַנגען אין שול און געקלאַפּט זיך „על חטא“ אַזוי ערנסט, דאָס עס איז קיינעם ניט איינגעפאַלן, אַז ער האָט ניט אין זיך קיין ברעקל אידיש האַרץ...

געזעסן איז בליומע אין שטוב איינע אַליין. זייענדיק פרום דער-צויגן, האָט זי געפאַסט, געדאַוונט. אמת, שוין פון אַ צייט האָט זי אָנגעהויבן פילן, דאָס איר גלויבן ווערט מער און מער אָפּגעשוואַכט,

סאַלאָמאָנס ווירקונג אױף איר אין רעליגיעזע פראַגן ווערט אַלץ שטאַר־קער, — דאָך ניט־פאַסטן האָט זי עפּעס ניט געוואַגט, רעכענענדיק דאָס פאַר א זינד, וואָס צו באַגיין האָט זי זיך טיף אין האַרצן גע־פילט מאכטלאָז, איבערגעשראָקן. אויטאָמאַטיש האָט זי אויך גענומען דעם מחזור און געדאַוונט — וואָס ווייטער אַלץ ערנסטער, — פאַר וואָס ניט? וואָס וועט דאָס שאַדן? אפשר זיינען טאַטע־מאַמע גע־רעכט...

נידעריקלאַך אַפּן האַריזאָנט איז שוין געשטאַנען די זון, ווען סאַלאָמאָן איז פּלוצלינג אריין צו בליומען, טרעפנדיק זי איבערן מחזור. בליומע איז עטוואָס רויט געוואָרן, פאַרמאַכט דעם מחזור און מיט א טרויערדיקן שמייכעלע געקוקט אױף סאַלאָמאָנען, וועלכער האָט ווי היפּנאָטיש געדריקט איר ווייכע, וואַרימע, ווייסע האַנט. אירע אויגן האָבן, דאַכט זיך, גערעדט: וואָס בין איך שולדיק, זייענדיק פאַרט אזוי דערצויגן און פילנדיק פאָרט א נאָענטקייט צום מחזור. אדרבה, צעשטער מיין לעצט שוואַכע ביסל אמונה . . . ווייז א נייעם וועג... איך בין גרייט...

פאַרשטאַנען האָט סאַלאָמאָן אירע בליקן, א זאָג טוענדיק: אָ, בליומעניו, מער פאַראַכטונג צום אַלטן שימל!... מוטיקער, שטאָלצער וועגדן זיך צום נייעם לעבן!...

אנידערזעצנדיק זיך לעם בליומען, צודריקנדיק זי צו זיך און אנידערלייגנדיק איר קאָפּ מיט די שיינע בלאָנדע צעשויבערטע האָר אױף זיין שויס, האָט סאַלאָמאָן אָנגעהויבן ריידן וועגן די פעלערן פון דעם קליין־שטעטלדיקן לעבן, וואו דאָס שענסטע און פייאיקסטע גייט פאַרלאָרן, ניט האָבנדיק קיין באָדן זיך צו אנטוויקלען. ער האָט גע־רעדט וועגן דער גרויסער שטאָט: וועגן גלענצנדע רעדנער, כלל־טוער, טרייע חברים און חבר'טעס, אויסגעצייכנטע ארטיסטן, מחייהדיקע קאָנצערטן, נוצלאַכע לעקציעס, — וועגן אַלץ וואָס די גרויסע שטאָט פאַרמאָגט און וואָס באַשאַפט אַן אַטמאָספערע, אין וועלכער דער יונגער מענטש קאָן זיך אַלזייטיק אנטוויקלען.

ווי שטילע וואַסער אין א קליין טייכל אין א תמוזדיקן פאַר־נאַכט, וואָס ווערט געטריבן פון א וואַרעמלאַכן ווינטעלע, האָבן גע־פליסט זיינע רייד, געוויגט זיך, אריינגעדרונגען אין איר האַרץ און אוועקגעטראָגן פון דאָרט דאָס לעצטע, וואָס האָט זיך נאָך אָפּגע־שטעלט פון איר קינדערשער וועלט.

מיט פאַרמאַכטע אויגן, ליגנדיק מיטן קאָפּ ביי אים אָפן שויס, האָט זי איינגעזאַפּט אין זיך זיינע רייד.

און אַז סאָלאָמאָן אַ זאָג טועגדיק: „בליומעניו, נייעס לעבן, נייעס לעבן", האָט זי שטאַרקער צוגעדריקט צו זיך און, איינבויגנדיק דעם קאָפּ, זי אין דער יונגער, וואַרימער האַלז אַ קוש געטאָן, — האָט זי אַף אַ ווײַלע געעפנט די שפּיגל-בלויע אויגן, אין וועלכע ס'האָט זיך אויסגעדריקט: מיין לעצט ביסל גלויבן חרוב געוואָרן... וואָס ווייטער?..

„בליומעניו, — האָט סאָלאָמאָן געזאָגט, — דו ביסט דאָך הונגעריק... עס עפּעס און גיב מיר אויך עסן.., איך בין הונגעריק... אין מיין וואוינונג איז ניט מעגלאַך — אפילו ברויט האָט די פרומע באַלעבאָסטע פאַרשלאָסן..."

ברייט האָבן זיך צועפנט בליומעס אויגן, אַ ווײַלע תמ'עוואַטע געקוקט אַף סאָלאָמאָנען, — און, ווי עמיצער וואָלט זי אַ שטאַרקן שטויס געטאָן, איז זי צוגעשפּרונגען צום שראַנק פון עסנוואַרג.

אַ רגע האָט זי עפּעס אַ טראַכט געגעבן, אויפגעעפנט דעם שראַנק, גענומען צוויי שטיקלאַך פלעדל — איינעם זיך, דעם אַנדערן סאָלאָמאָנען דערלאַנגט.

אַ ביס געבנדיק דעם פלעדל, האָט זיך פון בליומעס האַרץ אַרויסגעריסן עפּעס אַ ווילדער היסטערישער געלעכטער, אין וועלכן ס'האָט זיך געהערט אַן אָפּקלאַנג פון אַ ווייטן, ווייטן טרויער נאָך עפּעס אַף אייביק פאַרלוירענעס...

אָבער זי איז באַלד שטיל געוואָרן און אָנגעהויבן עסן מיט גרויס אַפּעטיט.

די יום־כיפור'דיקע סטעאַרין־ליכט איז געשטאַנען אַף מיט אַ שניי-ווייסער טישטוך באַדעקטן טיש און געברענט, ווי ניט זי מיינט מען. געקוקט האָט אַף איר בליומע, פילנדיק, דאָס דער פייער פון איר ביז־איצטיקער וועלט איז שוין אויסגעלאָשן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ טשאַדיקע פינצטערנעש. ניט־ווילנדיק האָבן זיך אירע בליקן געווענדט צו סאָלאָמאָנען, ווי זיי וואָלטן זאָגן: פאַרפאַלן, פאַרפאַלן... צעשיידט זיך מיט דעם, וואָס דו רופסט אָן אַלטער שימל... וואָס ווייטער?...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אַנשטאָט אַ שעה פּלעגט סאָלאָמאָן גאַנץ אָפט פאַרברענגען ביי זיין שילערין בליומע צוויי-דריי שעה. אויסצייכענענדיק זיך אין דעק-לאַמירן רוסישע פּאָעזיע, האָט ער אָנגעשטרענגט זיינע כחות אויס-לערנען זי דידאַזיקע קונסט. זיין אַקצענט, מיט וועלכן ער פלעגט דעקלאַמירן, האָט געקלונגען אין אירע אויערן מוזיקאַליש־זיס.

אַלץ אָנגעשטרענגטער זיינען געוואָרן אירע געדאַנקען וועגן דעם גרויסשטעטיקן לעבן; אַלץ פעסטער האָט זי צונויפגעבונדן אירע גע-דאַנקען מיט סאָלאָמאָנען, וועלכער האָט דער ערשטער געעפנט אירע אויגן צו זען די פינצטערע וויסטקייט, וואָס הערשט אַרום איר; אַלץ שפּעטער האָט זי אָנגעהויבן איינצושלאָפן; אַלץ פאַרפּלאָנטער-טער זיינען געוואָרן אירע חלומות; אַלץ אומגעדולדיקער האָט זי אָנ-געהויבן דערוואַרטן סאָלאָמאָנס דערשיינונג בייטאָג, ווען אירע אָנ-געשטרענגטע נערוון פלעגן אָפּרוען אונטער זיינע שיינע ווערטער.

אין איינעם פון די שפּעטיקע הערבסט־טעג, ווען די קליינשטעטל-דיקע באַלעגאָלעס דרייען זיך אַרום איבערן מאַרק אָנגעטאָן אין לאַנגע, צעקנייטשטע, איינגעריכטע, טונקל־גרויע בורקעס, אַרומגע-גאַרטלט און איינגעהילט דעם קאָפּ אין אַן אַלטן ברודיק־גרויען־געלן קאַפּישאָן, ניט וועלנדיק ליידן פונ׳ם שאַרפן, פראָסטיקן רעגנדל, — און פאַרקרימענדיק די באַלעגאַלישע צורה, ווען איינער לייגט זיי פאָר אָפּפירן אים צום וואָקזאַל, — אַ וויאָרסט צוועלף-פופצן פון שטעטל, — בעטן אויס טייער און זאָגן מיט אַ ביטערן שמייכעלע: „בעסער דינגט זיך ניט, פעטער, — ביי אַזאַ בלאָטיקן, זומפּיקן וועג וועט איר וועלוועלער ניט קריגן", — אין איינעם פון אַזעלכע טעג האָט סאָלאָמאָן זיך פאַרשפּעטיקט קומען צו בליומען. שוין אַ שעה צוויי איז יענע געשטאַנען ביים פענצטער, אַרויסקוקנדיק אויף אים, ווי אַ געטרייע מאַמע קוקט אַרויס אויף איר בן־יחיד, וואָס איז אַוועק זיך באָדן און שפּעטיקט זיך אומקערן.

ענדלאַך האָט זי פון וויטן דערזען סאָלאָמאָנען אין דעם שוואַרצן ישמאָלן פּאַלטאָ און טונקל־בלויער היטל מיטן בלישטשענדיקן דאַשעק.

אַריינגייענדיק אין שטוב און דערלאַנגענדיק בליומען די האַנט, האָט זיך סאָלאָמאָן אָפּגעשטעלט ווי עפּעס פאַרלאָרן.

מיט ברייט צעעפנטע אויגן האָט בליומע געקוקט אויף אים: וואָס איז געשען?...

— בליומעניו, היינט אַכט אין אָוונט פאָר איך. — האָט סאָלאָ-

מאָן אויסגעשאָסן — איך פאַרלאָז דאָס שטעטל, דאָס לעבן וואָס מיך אין שטאָט, דאָס לעבן...

דערשראָקן איז בליומע געשטאַנען. איניגע סעקונדן האָט גע־רוישט אין צימער אַ טויטע שטילקייט...

— וואָס האָסטו זיך איבערגעשראָקן? — האָט סאָלאָמאָן אָנגע־הויבן.

נאָר בליומע איז שוין געלעגן איינגעטוליעט מיטן פּנים אין קישן און האָט געוויינט.

ניט שווער איז געווען צו פאַרשטיין די סיבה, וואָס האָט שנעל באַ־וועגט איר האַרץ און אַרויסגעריסן טרערן פון אירע אויגן. זי האָט זיך געשראָקן פאַר דער קליינשטעטלדיקער מרה־שחורה'דיקער איינזאַמ־קייט, אין וועלכער זי וועט איבערבלייבן נאָך סאָלאָמאָנס אַוועקפאָר. איר ציל — זיך געפינען אין אַ גרויסער שטאָט — דערווייטערט זיך פון איר. פיל, פיל האָט זי דערוואַרט פון סאָלאָמאָנען... און פּלוצ־לינג — אוים סאָלאָמאָן... ....

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איינגעזונקען אין אַ טיפער בלאָטיקער פינסטערניש איז געלעגן די שטעטל, פון וועלכער סאָלאָמאָן אין זיין שמאָלן פּאַלטאָ און בליומע אין איר קורצער וואַרימער קאָפּטע האָבן זיך ווי פאַרברעכער, אַרויס־געגאַנוועט, באַמיענדיק זיך, אַז קיינער זאָל זיי ניט באַמערקן.

בליומע איז געפאָרן באַגלייטן סאָלאָמאָנען, און קיינער האָט פון דעם ניט געטאָרט וויסן: טאַטע־מאַמע זאָלן אַף איר אין כעס ניט זיין, לייט זאָלן פון איר ניט לאַכן...

שטאַרק האָט זיך בליומע צוגעדריקט צו סאָלאָמאָנען מיט איר יונגן וואַרימן קערפּער אין דער קורצער וואַרימער קאָפּטע, ווי זי זאָל וועלן איינזאַפּן אין זיך פון אים זיין ענערגיע, זיין דרייסטן קוק אַפן לעבן און אויך דערוועקן אין אים מער מיטגעפיל צו איר שיקזאַל, ער זאָל ניט פאַרגעסן זיין צוזאָג: שרייבן איר אָפטע בריוו און סטאַרען זיך זי אַרויסנעמען פון שטעטל, פון בלאָטיקן שטעטל...

אין פעלד, וואו ס'שיידן זיך עטלאַכע וועגן צו די אַרומיקע דער־

פער און צום וואקזאל, האט זיי אפגעווארט א באלעגאלע מיט צוויי פוילע פערד און א וואגן מיט א בויד.

זומפיק, שלעכט איז דער וועג געווען. אלע ווייקע האט די פור זיך שיר ניט איבערגעקערט, אדער, דאכט זיך, איינגעזונקען. אבער ניט געפילט האבן דאס בליומע מיט סאלאמאנען. צוגעדריקט, צוגעטוליעט איינער צום צווייטן, ארומגעארעמט זיינען זיי געזעסן אין בויד, איינגעזונקען אין געדאנקען, — שיינקענדיק אפט הייסע שטומע קושן, — דער באלעגאלע זאל חלילה ניט דערהערן...

געקלערט האט סאלאמאן וועגן דער שטאט, פון וואנען ער איז געקומען אין שטעטל און וואוהין ער פארט צוריק. און נאך האט ער געקלערט: וואס וועט זיין מיט בליומען? ווי העלפט מען איר? איר טאטע איז אפילו א איד מיט געלט און וואלט איר געקאנט שיקן אין שטאט זיך לערנען, — נאר ער וועט בעסער זיך אפזאגן פון איר אלס טאכטער, איידער מסכים זיין דערויף. סאלאמאן האט געפילט, דאס אין בליומעס לעבן הויבט זיך אן עפעס טיף־טרויעריקעס, וואס קאן מיט דער צייט טראגיש ווירקן אף איר גאנצן לעבן, — נאר וואס טוט מען, ווי הויבט מען אן, מיט וואס העלפט מען איר? ער, סאלאמאן, זאל זיין א גביר... ער זאל זיין... ער איז דאך א געשניטענער קבצן, וועלכער איז ניט זיכער אליין, דאס מארגן וועט אים ניט אויסקומען לעבן אין גרוים נויט... און אפשר — האט ער ווייטער געקלערט — איז ער באגאנגען א פארברעכן דערמיט, וואס ער האט צעשטערט איר נאאיווע וועלטל, ניט זייענדיק בכוח אויפבויען אין איר הארצן אן אנדער וועלט, א באקוועמערע...

נאר אנדערש האבן געארבעט די געדאנקען אין בליומעס קאפ:

מקנא צו זיין סאלאמאנען. מוטיק פארט ער אין שטאט, פול מיט האפנונג און גלויבן אין זיינע אייגענע פייאיקייטן. אפגעגעבן וואלט זי אלץ, אבי פארהאלטן אים ארום זיך. אזא לעבעדיקער, אזא גייסטיק־אנטוויקלטער, ווייס פון אלץ און אינטערעסירט זיך מיט אלץ. ווען ניט ער, וואלט זי, אפשר, אף אייביק געבליבן א נאאיווע מיידל און קלערן וועגן א חתן, וועגן וואס דער טאטע זארגט שוין די לעצטע צייט. פארוואס איז זי ניט געבארן געווארן אין א גרויסער שטאט, — זי וואלט דאך דאן אויך זיין גייסטיק אנטוויקלט ווי סאלאמאן... פארשטייט ער, ווי זי שעצט אים פאר זיין גוטער באציאונג צו איר? פאר וואס אייגנטלאך טוט ער דאס?... צוליב וואס?

אפשר האָט ער זי ליב?... און זי?... ער איז דאָך אַזוי גייסטיק־אַנטוויקלט, זיינע שטרעבונגען אַזוי דערהויבן...

א געשמאַקער שוידער האָט דורכגעדרונגען איר קערפּער, — און שטייפער האָט זי זיך צוגעטוליעט צו סאָלאָמאָנען, וועלכער האָט זיך דערמאָנט און דערפילט די נאָענטקייט פון א יונגער ווארימער מיידל, וואָס טוליעט זיך צו אים אין בויד הינטער דעם באַלעגאָלעס פּליי־צעס, וועלכע האָבן זיך געטרייסלט און, דאַכט זיך, זיי, די פּלייצעס, ניט דאָס מויל, האָבן געשריען אויף די פוילע פערד: „ניאָ־אָ־אָ! שאָב וואָס כאָליערא זאַבראַלאַן...” פאַרנומען מיט די פוילע פערד זיינען געווען דעם באַלעגאָלעס געדאַנקען, און ער האָט ניט געהערט, ניט געזען, ניט חושד געווען, וואָס הינטער זיינע פּלייצעס טוט זיך...

פון ווייטן האָבן זיך באַוויזן פייערלאַך פון ארום וואָקזאַל, וועל־כע האָבן בליומען און סאָלאָמאָנען דערמאָנט וועגן דער אויסערלאַ־כער וועלט.

— טפּר־ר־רו!

די פוילע פערד מיט דער בויד האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ס'איז געווען נאָך א שעה צום צוג אָנקומען. אין דריטן קלאַס פון וואָקזאַל האָבן זיך אַרומגעדרייט, ווי שאָטנס, עטלאַכע אידן מיט הערבסט־טרויערדיקע אויגן — דאָס זיינען געווען כלומרשט עקספּע־דיטאָרן און כמעט אמת'ע אָרימע־לייט. אין א שמוציקן ווינקל, באַ־לויכטן מיט א ציטערנדיק־רויכיקן פייערל פון א בלעכענעם לעמפּל, וואָס איז געהאַנגען אויף א טשוואָק אין וואַנט, זיינען געלעגן עטלאַכע פויערן און פויערטעס מיט זעקלאַך און קלומקעס. אין צווייטן קלאַס איז געזעסן עפּעס אן אַלטע פּריצטע אין א לאַנגן שוואַרצן מאַנטל מיט א שוואַרצן טוך אויפן קאָפּ. זי האָט אָפּט געהוסט אַזוי שטאַרק און געשנייצט דעם נאָז אַזוי הילכיק־עזות'דיק, ווי זי וואָלט געוואָלט, אַז די גאַנצע וועלט זאָל וויסן, דאָס דאָ זיצט א מיוחס'דיקע פּריצטע, וועלכע האָט זיך פאַרקילט און באַקומען א הוסט מיט א קאַטאַר. די

קאסע איז געווען צוגעמאכט, — צו בילעטן געבן — נאָך ווייט. דער זשאַנדאַרם, וואָס פלעגט אַלעמאָל קומען צום צוג אַ פאַרשלאָפענער מיט פאַר׳שיכור׳טע אויגן, איז ניט געווען.

אַ פאָר עקספּעדיטאָרן האָבן געקאָנט בליומען מיט סאָלאָמאָנען, אָנגעקוקט זיי מיט התפעלות׳דיקע אויגן, ווי זיי זאָלן זיך אַף עפּעס אָנשטויסן און פרעגן: בליומקע, יוסף דעם שניט־קרעמערס טאָכטער, מיט דעם לערער?... עפּעס איז דאָס ניט אַזוי גלאַט.

פילנדיק זיך ניט אָנגענעם אין וואָקזאַל, זיינען סאָלאָמאָן מיט בליומען אַרויס אין דרויסן, אַוועק ווייט איבער די רעלסן, — און זיך אַנידערגעזעצט אַף די שפּאַלן, וואָס זיינען געלעגן אָן אַ זייט.

שטום האָט געקוקט אַף זיי דער וואָלקן־פינצטערער הימל. דער סודות׳דיקער פינצטערער וועלדל ניט ווייט פון זיי האָט, דאַכט זיך, חושד זייענדיק זיי אין ליבע, זיך נאָענטער צוגערוקט און איז שטילער געוואָרן, כדי זיך צוהערן, וואָס וועט ריידן דער געפיל פון יוגנט־ליבע, דער סימבאָל פון פרילינג, אין דער קאַלטער, פינצטערער נאַכט פון הערבסט. זעענדיק אָבער, ווי דאָס יונגע פּאָרל צעפלאַקערט זיך ניט תאווה׳ש, האָט זיך גע׳חידוש׳ט דער וועלדל, ווי איינער רעדט: אַזאַ געניטער אין הילכות־ליבע, אַזוי פיל ליבע־סצענעס זיך אָנגע־קוקט אין די שאָטנס פון זיינע צווייגן, — איז מעגלאַך, ער זאָל האָבן אַ טעות?...

אָנגעהויבן האָט סאָלאָמאָן:

— זאָלן זיי אָפּריידן וועגן וואָס זיי האָבן צו טאָן... ער פאָרט אַוועק... זי בלייבט אַליין... נאָר בריוו וועט זי באַקומען פון אים אָפט, אין וועלכע ער וועט איר אָנווייזן, וואָס זי זאָל טאָן, — בתנאי אָבער, זי זאָל אים שטענדיק ענטפערן און באַציען זיך ערנסט צו זיינע רייד...

געשוויגן האָט בליומע. עפּעס האָט זי געפילט דאָס אין האַלדז שטיקט זיי...

— וואָס שווייגט זי, בליומעניו? זאָל זי אים גלויבן — ער ווייס ניט פאַר וואָס — זי איז אים אַזוי טייער, אַזוי טייער...

ניט־ווילנדיק האָבן זיך דידאַזיקע ווערטער אַרויסגעריסן פון סאָ־לאָמאָנס מויל, — ניט דאָס האָט ער געוואָלט, געדאַרפט זאָגן, נאָר ער האָט דאָס געזאָגט, אפשר, דערפאַר וואָס ער האָט עפּעס אַנדערש ניט געהאַט צו זאָגן דער מיידל, וועלכע איז געזעסן צוזאַמען

מיט אים אף די שפּאַלן און גערעכנט אים פאַרן איינציקן, וואָס קאָן איר העלפן און צו אַ נייעם לעבן פירן...

אַ מאָדנער היסטעריש־וויינענדיקער געלעכטער האָט איבערגע־שראָקן דעם שטומען וועלדל: בליומע האָט וויינענדיק געלאַכט, בליו־מע האָט מיידלש גערעדט:

— ער וועט איר שרייבן בריף, געבן עצות. ווי אָבער וועט זי פאַרווירקלאַכן איר אידעאַל?... ווי וועט זי זיך ארויסרייסן פון שטעטל, אַז טאַטע־מאַמע ווילן פון דעם ניט וויסן?... ניט זעגנענען זיך מיט זיי? מיט וואָס וועט זי לעבן אין שטאָט? איז זי דען פייאיק צו פאַרדינען און לעבן זעלבסטשטענדיק?...

געפילט האָט סאָלאָמאָן דעם גאַנצן טיפן אמת פון אירע ווער־טער, — נאָר עפּעס האָט געריסן פון זיין מויל גאָר אַנדערע ווערטער, נישט די, וועלכע ער האָט באַדאַרפט זאָגן:

— זאָל זי, בליומעלע, זיך ניט מייאש זיין, — מיט דער צייט וועט אַלץ מעגלאַך ווערן...

ו ו ע ן מיט דער צייט, ו ו אָ ס וועט מעגלאַך ווערן, האָט ער אליין ניט געוואוסט.

— זאָל זי, בליומעלע, אים גלויבן, — האָט ער ווייטער גערעדט,— קיינמאָל וועט ער זי ניט פאַרגעסן...

בליומע האָט פון זיינע ווערטער געפילט, אַז ער האָט זי ליב. און זי? האָט זי דען געקאָנט ניט ליב האָבן אַזאַ גוטן, קלוגן בחור, מיט אַזוינע דערהויבענע שטרעבונגען?

האָט בליומע זיך פאַרגעשטעלט, ווי ארום דער שול האָבן זיך צונויפגעקליבן אַ מענטשן עטלאַכע הונדערט. כמעט דאָס גאַנצע שטעטל: בחורים, מיידלאַך אַלערליי. קלעזמער שפּילן, משה־יונה דער אַלטער פּויקער, אין לאַנגן פאַרשמאַלצענעם קאָרטענעם קאַפּטן, פּויקט מיט אַזאַ התלהבות, דאָס זיין פּויקן דונערט און פאַרהילכט כמעט די פידל, פליוט, באַנדורע, די גרויסע טרובע און די קליינע טרובע. אין מיטן דער גרויסער מחנה שטייט אַ חופּה, אונטער וועל־כער ס׳שטייען... זי מיט סאָלאָמאָנען... זי פילט, דאָס הונדערטער אויגן קוקן אף זיי. נאָך אַ ווײַלע און זי מיט סאָלאָמאָנען — מאַן און ווייב... אף שטענדיק... ער איז אירער, אירער ביזן טויט... זי איז זיינע, זיינע ביזן טויט... און וואָס ווייטער?...

דער קאָפּ האָט זיך איר פאַרדרייט... זי האָט שוין ניט געקלערט...

ער האָט שוין ניט געקלערט... ווי אין בויד הינטער דעם באַלעגאָלעס פּלייצעס, האָבן זיך ביידע פאַרגעסן... און דער פינצטערער וועלדל האָט, דאַכט זיך, פינצטער געשמייכלט: פּאַרט זיך ניט אָפּגענאַרט... מאַכטייסע... פון אייביק אָן גיסט זיך דאָס יוגנט־לעבן אוים אין קושן און דריקן זיך... זאָל זיי וואויל באַקומען...

אַ פייף האָט דורכגעבויערט די הערבסט-לופט, אַליין צערייסנדיק זיך אויף שטיקלאַך, — ס׳איז אָנגעקומען דער צוג.

פאַראיבער אַ פערטל שעה. ווי אויף צופלייסן, האָט זיך דער צוג אָנגעהויבן רירן, — אַלץ ערנסטער און שנעלער איז זיין באַוועגונג געוואָרן — אַלץ שטאַרקער האָט זיך באַוועגט בליומעס האַרץ, אַלץ אָנגעשטרענגטער איז געוואָרן איר בליק.

ערשט, ווען פון צוג איז שוין קיין שפּור ניט געווען, האָט זי זיך דערוואַכט און געפילט דאָס אָן אומגעהויער שווערע איינזאַמקייט שלעפּט זי, דאַכט זיך, אין אַן אָפּגרונט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ לאַנגער ווינטער איז פאַראיבער, זינט סאָלאָמאָן איז אוועק־געפאָרן פון שטעטל.

איינזאַם איז בליומע געזעסן באַם אָפענעם פענצטער אין אירע עלטערנס הויז. אירע פאַר׳חלומ׳טע אויגן האָבן געבלאָנדזשעט אין דער ווייט.

ניט באַמערקט האָט זי, ווי די פרישע קילע סיוון־לופט שווימט לייכט אין אירע לונגען דורך איר עטוואָס אָפענעם מויל.

פון דערווייטן האָבן זיך געזען פויערטעס מיט באָרוועסע פיס אויף די פעלדער און גערטנער, וועלכע זיינען רואיק געלעגן און קאָ־קעטיש געקוקט אויף די פאַרליבטע און ווייכע זון־שטראַלן.

ס׳איז געווען אַ זייגער פיר באַטאָג. שיין האָט אויסגעזען גאָטס וועלט, אָבער אויך שיין איז געווען בליומע מיט אירע פאַר׳חלומ׳טע, בלויע, פייכטלאַכע אויגן און צעשויבערטע לאַנגע, בלאָנדע האָר, צע־וואָרפענע ארום איר ראָזיק-ווייסן האַלדז. די נאַטור האָט ווי געפילט, אַז בליומעס שיינקייט איז די נשמה פון איר אייגענער הערלאַכקייט,

— און מוטערלאַך געוואונקען צו בליומען: נשמה טייערע, פאַרוואָס ביזטו אַזוי פאַראומערט? זיי עטוואָס פרייליכער, וועל איך זיך אויך פילן לייכטער, מונטערער...

נאָר די נשמה האָט געחלומ'ט טרויעריק...

וועגן אירע עלטערן, וועגן גרויסע שטעט, וועגן... סאָלאָמאָנען...

בליומע האָט געטראַכט:

...וואָס וועט זיין? טאַטע-מאַמע קענען זי ניט פאַרשטיין... און, אפשר, ווייל דער טאַטע זי ניט פאַרשטיין? מילא, די מאַמע איז זייער אַ פשוט'ע אידענע און קאָן טאַקע לחלוטין ניט פאַרשטיין אירע שטרעבונגען. אָבער דער טאַטע, פאַרט האָט ער אין דער יוגנט געלערנט גמרא און געלייענט העברעאישע ביכלאַך, ער וואָלט יאָ פאַרשטאַנען, נאָר ער האָט ניט געוואָלט, פאַרלאַנגענדיק דאָס זיין טאָכטער זאָל חתונה האָבן און לעבן, ווי אַלע ווייבלאַך לעבן: האָבן אַ מאַן מיט אַ קלייט און ניט דענקען וועגן אידעאַלן...

אידעאַלן... וויסנשאַפט... פאַרשטיין דאָס לעבן... שטרעבן צו זיין העכער פון די פשוט'ע יענטעס, חייקעס, שרה'ס...

שימל... אַלטער שימל... סאָלאָמאָנס ווערטער.

סאָלאָמאָן... ער האָט זי פאַרגעסן?... זי וועט אים מער ניט זען?... זיינע בריוו די לעצטע צייט קומען זעלטן...

האָט בליומע געטראַכט:

...ס'גייט די צייט, זי ווערט אַלץ עלטער... וועט זי דען זיך ארויסרייסן אין אַ גרויסער שטאָט און פירן דאָרט אַ לעבן, צו וועלכן זי שטרעבט, בענקט? קיינמאָל?... קיינמאָל... דער טאַטע וועט איר ניט געבן מאַטעריעלע שטיצע?... ניין?... ניין... זי וועט חתונה האָבן און לעבן ווי אַלע ווייבלאַך לעבן: האָבן אַ מאַן מיט אַ קלייט און ניט דענקען וועגן אידעאַלן?... אירע שטרעבונגען, איר בענקעניש, וועלן קיינמאָל ניט דערפילט ווערן?.. זי איז מוטלאָז, שוואַך?...

טרערן פון הייסער בענקעניש און קאַלטער פאַרצווייפלונג האָבן באַשפּיגלט אירע בלויע אויגן.

און די נאַטור האָט געקוקט אַף איר ליבער בליומעניוס טרערן מיט אַזאַ שטראַלן-אומעט...

אין אַ פרילינג

שטיל האָט די אויסגעשטערנטע פרילינג־נאַכט געטראַכט איר גרויסע, טיפע פרילינג־מחשבה.

אין דער ברייטלאַכער שול־געסל לעבן זיין עלטערנס הויז איז סאָלאָמאָן אַף אַ הילצערנער באַנק געזעסן. קעגנאיבער איז די טונקל־ווייסלאַכע שול מיט איר פּונ'ם נר־תמיד טריב־באַלויכטענע פענצטער געשטאַנען און שטום געקוקט אין דער נאַכט אריין. עטלאַכע מאָל האָבן זיך פאַרביי אים פאַרשפּעטיקטע יונגע פּאָרלאַך דורכגעטראָגן.

אין דער שטילקייט פון דער פרילינג־נאַכט זיינען שאַרפער, בולט'ער געוואָרן זיינע מחשבות און געפילן: וועגן בליומען, וועלכע ער האָט אויפגעהערט ליבן; וועגן שולמיתן, צו וועלכער זיין האַרץ האָט אזוי געצויגן שטאַרק; וועגן חאַסיען, מיט וועלכער ער איז געוואַקסן אין איין געסל, אין דער זעלביקער שול־געסל, וואו ער איז איצט געזעסן. חאַסיע, חאַסיע... ווי היים ער האָט זי געליבט די לעצטע צוויי יאָר פאַר איר פריצייטיקן טויט.

צוליב וועמען — האָט ער געקלערט — איז בליומע אהער אין שטאָט געקומען? צוליב אים? פילט זי דען ניט, אַז צווישן זיי האָבן זיך שוין איבערגעריסן די לעצטע פעדים, וואָס האָבן זיי ווען עס איז פאַראייניקט? אפשר מיינט זי, אַז ער, סאָלאָמאָן, האָט זי נאָך ליב...

ווי האָט אים היינט אין אוונט דערעסן דאָס זיצן בא איר.

אין אַ לאַנגלאַך־שמאָלן צימער זיינען זיי געזעסן, — ער, בליומע, בליומעס חבר'טע, וועלכע האָט צוזאַמען מיט איר אַ יאָר צוויי צוריק גימנאַזיע געענדיקט און שלמ'קע דער הינקעדיקער.

זיי האָבן טיי געטרונקען און בשעת־מעשה גערעדט: וועגן די אַקטיאָרן, וואָס זיינען געקומען אין דערדאָזיקער אויעזד־שטאָט שפּילן טעאַטער און האָבן ניט געהאַט מיט וואָס אָוועקפאָרן, ווייל די היגע איינוואוינער האָבן זיך וויניק אינטערעסירט מיט קונסט... און זייער נען דערצו געווען גרויסע קבצנים; וועגן דעם איינציקן קינעמאַטאָגראַף פון שטאָט, וואָס איז שטענדיק ליידיק געווען, ווייל קיינעם איז

ניט געלעגן אין זינען גיין זען „צאַצקעס“ און באַצאָלן דערפאַר געלט; וועגן דעם, וואָס דאָס לעבן אין דערדאָזיקער שטאָט איז טויט... סאָ־לאָמאָן האָט געפילט, אַז דער גאַנצער שמועס האָט ניט געהאַט קיין זין, ווען אין דרויסן איז געשטאַנען אַזאַ שיינער פרילינג־אָוונט, און דאָס האַרץ האָט געוואָלט ליבן און פאַרגעסן אַלע קלייניקייטן אין לעבן.

נאָכן טיי האָט דער הינקעדיקער פאַרגעלייגט גיין שפּאַצירן: „אין דרויסן איז אַ מחיה, אַן אמת׳ער פרילינג־אָוונט, פרישע לופט, — זיצן אין הויז אין אַזאַ אָוונט איז פּשוט נאַריש“. אוודאי איז ער גערעכט געווען. נאָר בליומע האָט ניט געוואָלט גיין שפּאַצירן, — זי איז מיד, אַזוי האָט זי געזאָגט, — און סאָלאָמאָן האָט געטראַכט: אפשר האָט זי מורא, זי זאָל אים אין דרויסן ניט פאַרלירן. זיי זייַ־נען אין ענגן צימער פאַרבליבן.

בליומעס חבר׳טע, אַ דאַרע מיידל מיט אַ קלייענדיקן פּנים, מיט גרויע אויגן, וועלכע האָבן שטענדיק געשמייכלט, האָט אָנגעהויבן זינגען:

דער אָטעם פון נאַכט איז צאַרט־תאווה׳ש געווען;
געשטאַנען באַם פענצטער בין איך, ווי פאַר׳כישופ׳ט;
פאַרזוכן פון גליק האָב איך משוגע געדאַרשט, —
געדאַרשט און געהאָפט אַף דיין קומען . . .

ער, סאָלאָמאָן, איז אַף אַ שטול געזעסן אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָפן פאַרענצל, און מאַטע, נעבלדיקע זיינען זיינע מחשבות געווען. קעגן אים אַף אַ בעט איז בליומע געזעסן, אַנידערלייגנדיק איר פּנים אַף איר האַנט, וואָס איז אָפן טישל געלעגן. אויף דער זעלביקער בעט איז האַלבגעלעגן דער הינקעדיקער און זיך אין דער ליד איינגעהערט. ווי ניט־ווילנדיק האָט זיין לינקע האַנט בליומען באַרירט. סאָלאָמאָן האָט שוין לאַנג באַמערקט אַז ער איז אין בליומען פאַרליבט. מיט וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן פלעגט ער צוהאַלטן דעם שפּיגל קעגן איר פּנים, ווען זי פלעגט פאַרקאַמען אירע שיטערע בלאָנדע האָר; ווי ער איז תמיד גרייט געווען צודערפילן אירע פאַרלאַנגען. און זי? זי האָט ליב געהאַט אים, סאָלאָמאָנען... האָט זי אים באמת ליב גע־האַט?... אפשר האָט זי געמיינט, אַז ער ליבט זי נאָך, נאָר ער

ווייל עס איר ניט ארויסזאָגן. א ביטערער טעות, — אז ער האָט גע־ליבט, האָט ער געזאָגט, — און אז ער האָט געשוויגן האָט ער ניט געליבט...

בליומעס חבר׳טע איז אָפן אושאק פונ׳ם אָפענעם פענצטער גע־זעסן און געזונגען א ליד נאָך א ליד. וואָס ווייטער איז איר דינער קולי׳כל ריינער און הארציקער געוואָרן, איר פנים עטוואָס באַ׳חנ׳טער. אָט קלינגט דער לעצטער פערז פון א קליינרוסישער ליד:

ווייסן, עך, ווייס איך,
וועמען ליב איך הייס,
אָבער איך ווייס ניט,
ווער איז מיר באשערט.

שטום האָט די שול מיט אירע טריב־באַלויכטענע פענצטער גע־קוקט.

און סאָלאָמאָן האָט געטראַכט:

ליבט ער באמת שולמיתן טיף?... איז ער דען איצט, נאָך זיינע פיל איבערלעבונגען אין דער גרויסער רוסישער שטאָט, מסוגל צו ליבן טיף?... אזוי ווי ער האָט, אַלט זייענדיק א יאָר ניינצן, געליבט חאַסיען, אָדער ווי ער האָט נאָכדעם, אין א יאָר צוויי ארום, ליב גע־האָט בליומען?...

פאַרוואָס איז זי, חאַסיע, געשטאָרבן אזא יונגע?!... נאָך קיין גאַנצע אָכצן יאָר ניט אַלט געווען. זי איז שוין לאַנג צופוילט אין קבר און ווייס ניט, אז א מענטשנס נשמה בענקט נאָך איר אין א פרילינג־נאַכט.

מאָרגן, — האָט ער באשלאָסן, — גייט ער זען איר קבר.

ער איז אוועק שלאָפן.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

פון דער סוחר׳שער ברייטער גאַס האָט סאָלאָמאָן זיך פאַרקערע־וועט אין דער שמאָלער בית־עולם־געסל, דורך וועלכער ער איז ארויס

אַף אַ ברייטער באַגרינטער לאָנקע. די שטאָט איז הינטער אים גע־לעגן. די פרישע, דורכגעשטראַלטע פרילינג־לופט האָט זיך צווישן בלויען הימל און ערד געשפּילט. פון ערגעץ ווייט אין דער הויך איז אָן־אַ־סדר אַ קליינע מחנה פויגעלאַך געשוואומען. ניט ווייט האָט זיך געזען דער אַלטער אידישער בית־עולם מיט זיינע פיל־צווייגיקע הויכע, ווילדע בוימער. פון די שפּיצן פון די בוימער האָבן מאָדנע געקוקט צענדליקער ראָבן־נעסטן.

אין פּאַרקאַן פון בית־עולם איז געשטאַנען אַן אַלטע נידעריקע הייזל מיט דריי פענצטערלאַך צו דער לאָנקע. דאָ האָט געוואוינט דער בית־עולם־שומר.

דער שומר איז געשטאַנען לעבן הייזל. אַן אַלטער גרויער מאַן מיט צוויי פאַראייטערטע שוואַרצע אויגן. פון אונטער זיין לאַנגן אַלטן טונקל־גרויען קאַפּטן האָבן זיך אַרויסגעזען אָפּגעקראָכענע העל־געלבלאַכע קאַלאָשעס פון הויזן. זיינע פּאַנטאָפל האָבן ניט פאַר־דעקט אינגאַנצן די רויטע זאָקן מיט שוואַרצע געצירעוועטע לאַטעס. זיין גרויע געדיכטע באָרד האָט זיך צונויפגעפלאָנטערט מיט זיינע גרויע דיקע וואָנצן, געלבלאַך־ברודיקע פון שמעקן טאַבאַק.

— איר האָט דאָ עמיצן אַפן בית־עולם? — האָט ער סאָלאָמאָנען געפרעגט מיט אַ בייזלאַך־גרויען שמייכל, אַפּדעקנדיק זיינע געלבלאַכע נאָר געזונטע ציין.

סאָלאָמאָנען האָט זיך ניט געוואָלט זאָגן דעם אמת, אַז ער איז געקומען צו חאַסיעס קבר.

— מיין באָבע, עליה השלום, ליגט דאָ, — האָט ער געענטפערט, קלערנדיק בשעת־מעשה, אַז אפילו אַף דעם שוועל פון דער אמת'ער וועלט מוז מען אויך אָפּט זאָגן אַ ליגן.

— ווער איז געווען אייער באָבע?

— ר' משה דעם דיינ'ס ווייב.

— אוי־וואַ, אוי־וואַ, אַ צדקת אַ אידענע געווען, — און איר, האָט קיין פּאַראיבל ניט, זיינט אַ גלות.

זיין שמייכל איז עטוואָס בייזער געוואָרן.

— היינט איז אַזאַ מאָדע, זיידע, — אַלע גאָלן די בערד, און אַנדערע גאָלן אפילו די וואָנצן. ס'איז אַ וועלט אַזאַ...

— יע, יע, אַ נאַרישע וועלט. מ'וועט זיך באַלד די נעזער אָפּ־שניידן.

ער האָט סאַלאָמאָנען אַנגעוויזן דעם קבר פון זיין כלומרשטדיקער באָבע און אים איבערגעלאָזט אליין.

סאַלאָמאָן איז א ווײַלע געשטאַנען פאַר אַן אַלטער, ווייסלאַך־גרויער שטיינערנער מצבה. די אויסגעקריצטע באַגילטע אותיות זיינען מיט שטויב באַדעקט געווען. דערציילט האָבן די עטלאַכע שורות אַף דער מצבה וועגן עפּעס אַן אישה צנועה פון א רב א מפורסם.

ער האָט גענומען גיין צווישן די קברים, זוכנדיק חאַסיעס קבר. צווישן די קברים ,וואו ס'זיינען געלעגן צופוילטע די פריערדיקע מענטשן פון דער שטאָט, האָט ער בעסער באַגריפן דאָס לעבן פון די מענטשן, וועלכע זיינען ארומגעגאַנגען איבער די גאַסן.

איבערן ריינעם, מיט פרילינג־ליכט באַגאָסענעם, בלויען הימל האָבן זיך דאָ און דאָרט לאַנגזאַם באַוועגט רויכיק־ווייסע וואָלקנדלאַך. א דרום־מערב'דיקער ווינטל האָט זיך שטיל צווישן די פריש־באַ־גרינטע בוימער געטראָגן. געוואָלט האָט, דוכט זיך, דער ווינטל אין די קברים אריינדרינגען און מודיע זיין די שוכני־עפר, אז א פרילינג איז אַף דער וועלט אָנגעקומען, א יונגער פרילינג, וואָס דערפרישט אַלטע האָפנונגען... צענדליקער שוואַרצע ראָבן האָבן מיט זייערע צור־שפּרייטע שאַרפע פליגלען דורכגעשניטן די ריינע לופט איבער די בוימער, געדרייט זיך און געשריען: „קר־ר־א, קר־ר־א!" און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי שרייען: „קר־ר־א, קר־ר־ראן, פרילינג איז אַף דער ערד, און מתים ליגן אין דער ערד! קר־ר־רא, קר־ר־רא! פרילינג און מתים! מתים און פרילינג!..."

סאַלאָמאָן האָט אָפּגעזוכט חאַסיעס קבר. צניעות'דיק איז אָפן קבר געשטאַנען א פאַרשטויבטע הילצערנע ברעטל מיט אַן אויפשריפט, וואָס האָט דערציילט, אַז דאָ איז באַהאַלטן די בלום חאַסיע בת דוד, וועלכע איז פאַרשניטן געוואָרן אין איר לעבנס־פרילינג...

שטיל איז ער פאַר דער מצבה שטיין געבליבן. שאַרף זיינען זיינע זכרונות וועגן חאַסיען געוואָרן. פיל פּרטים פון איר לעבן האָט ער זיך דערמאָנט. אירע בלוילאַך־גרויע, ווייכע, עטוואָס אומעטיקע אויגן, אירע טונקל־בלאָנדע געדיכטע האָר, איר קלינגענדיקער גע־שמאַקער קול, איר שיינע, הויכלאַכע, עטוואָס פאַראוים אָנגעבויגענע פיגור, אירע קינדערש־מיידלשע רייצנדיקע תנועות, פיל שיינע תענוגי־פולע מאָמענטן, וואָס זי האָט אים פאַרשאַפט, — אַלץ האָט איצט פאַר אים אויפגעלעבט. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זי, חאַסיע, שטייט

פאַר אים און שמייכלט פריינטלאַך: „נאַרעלע, גלויבסטו דען, אַז איך בין טויט, אַז איך בין צופוילט אין קבר?...“

קר־ר־ראַ קר־ר־ראַ! — האָט אין דער לופט געהילכט, — קר־ר־ראַ, קר־ר־ראַ! פרילינג איז אַף דער ערד און מתים ליגן אין דער ערד! קר־ר־ראַ, קר־ר־ראַ! פרילינג און מתים מתים און פרילינג!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אויפוואַכנדיק אַ זייגער צען אינדערפרי פון שלאָף, האָט סאָלאָמאָן זיך דערפילט גוט. נאָך די לעצטע וואָלקנדיקע און רעגנדיקע טעג האָט די זון יום־טוב׳דיק באַלויכטן די וועלט און געוואָרפן בינטלאַך פריילאַכע שטראַלן אין זיין צימער דורכן פענצטער.

ער האָט באַשלאָסן דעם טאָג פאַרברייננגען אין דרויסן, — אַראָפּוואַרפן פון זיך דאָס לעצטע ביסל שימל פון ווינטער.

אַ שעה דריי האָט ער איינער אַליין שפּאַצירט איבערן ברעג. ער האָט זיך צוגעקוקט צום טייך, וואָס האָט זיך לייכט און שפּילעוודיק געכוואַליעט פונ׳ם פרילינג־ווינטל, — און ער האָט געפילט, ווי לייכט זיינע געפילן און געדאַנקען באַוועגן זיך.

ער האָט זיך פאַרגעסן אָן די אַלע איבערלעבונגען זיינע אין די לעצטע טעג און אין די שלאָפלאָזע נעכט. די גרינגע וועלעכלאַך האָבן, דאַכט זיך, אים פאַרטרויט סודות פון זייער לעבן. אונטערן אייז זיינען זיי אַ גאַנצן ווינטער, אַ לאַנגן שרעקלאַכן ווינטער, געלעגן, — און גאַרניט... דער פרילינג איז געקומען און האָט זיי באַפרייט פונ׳ם אייז־יאָך, — און ווידער זיינען זיי לעבעדיק, מונטער און פריי. וואָס זשע איז דאָ צו זאָרגן. איז ער דאָך פריי, און פילט אין זיך גענוג כוח און מוט צו שטרעבן ווייטער צו לעבן און פאַרגעניגן.

ניין, זיינע האָפנונגען, האָט ער דערפילט, זיינען נאָך ניט פאַרלאָרן. אַ גרויסע פרייע וועלט ליגט פאַר אים אָפן.

שולמית?... אוודאי האָט ער געוואָלט, אַז זי זאָל זיין זיינע.

זי איז שיין און יונג, אין אירע ערשטע פרילינג־יאָרן, — און אים ציט צו איר. זאָל עס זיין ליבע?...

אין מיטן טייך זיינען פויערן געשוואומען אף לאנגע פאסן גע־הילץ. מיט אנשטרענגונג האבן זיי די פאסן געשטויסן מיט לאנ־גע ליאסקעס אין די הענט. לאנגזאם זיינען די פאסן געשוואומען. פון ערגעץ א נאענטן שטעטל האט זיך געטראגן צום ברעג צו א קליין פאראכאדל. זיין פייפן האט א ווײלע געשטערט סאלאמאנען צו טראכטן, — אבער באלד האט ער ווידער געקלערט וועגן שולמיתן.

מיט עטלאכע חדשים צוריק האט ער זי, שולמיתן, צופעליק אף דער באן־סטאנציע באגעגנט. איר זיידע, וואס איז געווען צוזאמען מיט איר, און וועלכער האט אים געקענט, האט אים א זאג געטאן: „אפשר, ווילסטו זיך באקענען מיט מיין שולמיתן?" סאלאמאן האט זי דערזען און האט זיך דערמאנט אז מיט עטלאכע יאר צוריק, פאר־ברענגענדיק זומער־צייט אין איר שטעטל, האט ער זי געקענט. א יאר דרייצן איז זי דעמאלט אלט געווען. א יונגינקע מיידעלע אין א שמאל־קורצער קליידל מיט א בלויען זשאקעטל, עטוואס פארויס געבויגן און טראגט ביכלאך אונטערן ארם, — דאס איז געווען שולמית'ל. שוין לאנג האט ער עס פארגעסן, — און ווען איר זיידע האט זי פאר אים פארגעשטעלט, האט ער זיך אן דעם דערמאנט.

פאר אים איז געשטאנען א הויכלאכע שיינע מיידל פון א יאר אכצן. זי האט זיך מיט אים צורעדט און דערציילט, אז זי דענקט פארן אין ווארשע אף די פרעבל־קורסן פאר אידישע לערערקעס. זי האט געוואלט ווערן זעלבסשטענדיק.

קיין סך צייט האט ער מיט איר ניט פארבראכט, די צייט איז געווען צו קורץ, — א האלבע שעה פארן צוג, מיט וועלכן זי איז אוועקגעפארן אין איר שטעטל.

זייער צווייטע באגעגעניש, וואס האט געהאט א וויכטיקע באַ־דייטונג פאר זייער פריינטשאפט, איז פארגעקומען מיט עטלאכע וואכן שפעטער.

אים האט זיך פלוצלינג פארוואלט פארן אין דער שטעטל, וואו שולמית האט געוואוינט, און וואו ער האט מיט עטלאכע יאר צוריק פארבראכט זומער־צייט און האט דארטן געהאט פיל באקאנטע.

אין א שיינעם ווינטערדיקן פרייטיק פארנאכט איז ער אנגע־קומען אין שטעטל. א גאנצן אוונט האט ער פארבראכט מיט אלטע באקאנטע.

אף מארגן באטאג האט ער, שפאצירנדיק איבערן מיט־שניי־בא־

דעקטן שטעטל, ווי צופעליק, באַגעגנט שולמיתן מיט נאָך צוויי יונגע מיידלאַך. ער איז צו זיי צוגעגאַנגען און אַוועק מיט זיי שפּאַצירן. אָבער אין עטלאַכע מינוט אַרום איז ער, ניט באַמערקנדיק ווי אַזוי ס'איז פּאָרגעקומען, פאַרבליבן מיט שולמיתן אַליין.

ווייט הינטערן שטעטל זיינען זיי מיט'ן שליאַך אַוועק.

זיי האָבן גערעדט וועגן לעבן און מענטשן. ער האָט אַנטוויקלט דעם געדאַנק, אַז ס'איז ניט כדאי פּאַר אַ יונגער מיידל פאַרלירן אי־רע בעסטע יאָרן כדי צו ווערן אַ לערערקע.

ער האָט געקוקט אויף איר הויכלאַכע בויגיקע פיגור, אויף איר יונגן שיינעם שוואַרצ'חנ'עוודיקן פּנים מיט טונקל־ברוינע אומעטיקלאַך־שמייכלענדיקע אויגן, — און זיינע געדאַנקען־געפילן האָבן מאָדנע שנעל געאַרבעט, און זיינע רייד זיינען אַלץ ווייכער און האַרציקער געוואָרן, זיין קול — אַלץ טיפער און שטילער, ביז ער האָט פּלוצלינג שטיל געזאָגט, אַז ער ליבט זי... ער ליבט זי נאָך פון זינט ער האָט זי צום ערשטן מאָל באַגעגנט אויף דער באַן־סטאַנציע, — און אפשר נאָך פון זינט ער האָט זי געקענט אַלס מיידעלע אין אַ קורצער קליי־דעל מיט ביכלאַך אונטערן אָרם.

לכתחילה האָט זי ניט געגלויבט, אַז ער מיינט עס ערנסט. שווער איז אים אָנגעקומען ביז ער האָט אַרום פאַרנאַכט צו באַקומען איר וואָרט, אַז זי וועט זיך באַקלערן.

אויף מאָרגן האָט ער נאָך מיטאָג פאַרבראַכט מיט איר עטלאַכע שעה באַ אירע עלטערן אין הויז. ער האָט איר אַלץ דערקלערט, ווי גליקלאַך ער וועט זיך פילן, ווען זי וועט וועלן זיין זיין חבר אין לעבן. אָבער זי האָט אים ניט געוואָלט צוזאָגן. זי האָט אים נאָר געזאָגט, אַז זי וועט אים שרייבן, אויב זי וועט באַשליסן צו ווערן זיינע.

אין אַ טאָג אַרום איז ער צוריק געפאָרן אין דער גרויסער שטאָט, וואו ער האָט שטודירט אין אוניווערסיטעט, און פאַרדינט אויף צו לעבן פון לערעריי.

פון דעמאָלט אָן האָט ער זיך מיט איר איבערגעשריבן. ער איר — לאַנגע און הייסע בריוו, פול מיט בענקעניש נאָך איר; און זי אים — קורצע פריינטלאַך־לעבלאַכע בריוועלאַך מיט ניט־דייטלאַכע פאַר־שפּרעכונגען.

אַליין אויף אַ באַנק באַם ברעג פון טייך איז ער איצט געזעסן,

געקוקט אף די שפּיגלדיק־שפּילעוודיקע וועלכעלאַך, וואָס האָבן מיט זייערע שטילע באַוועגונגען געוועקט אין אים שטילע בענקעניש נאָך איר, נאָך שולמיתן.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

די לעצטע וויכע זון־שטראַלן האָבן זיך אין די שויבן פון די פענצטער אָפּגעשפּיגלט. ס׳איז געווען אַ זעלטענער פרישער פרילינג־פאַרנאַכט. סאָלאָמאָנען האָט געצויגן אין דרויסן.

די ברייטע הויפּט־גאַס פון אויעזד־שטאָט איז פון ביידע זייטן געווען מיט מענטשן באַשאָטן. אַלע האָבן הין און צוריק איבער די טראָטואַרן געשפּאַצירט, גערעדט, געשוויגן, באַקוקט שפּאַצירנדע, גע־גריסט זיך צו באַקאַנטע און געשמייכלט.

צווישן די הונדערטער שפּאַצירנדע זיינען אין דער לענג אַפן ברוק עטלאַכע דראָזשקעס מיט אויסגעהאָרעוועטע פערד געשטאַנען. הין און צוריק זיינען אייניקע בחורים און מיידלאַך אף וועלאָסיפּעדן גאווה׳ש געפלויגן. אף אַ ראָג פון גאַס זיינען צוויי גאָרדאָוואָיעס געשטאַנען און האָבן פריינטלאַך געשמועסט, — אפשר וועגן עפּעס אַ שיקסע פון אַ נאָענטן דאָרף, וועלכע האָט געדינט אין שטאָט און באַגעגנט זיך מיט זיי אין די אוונטן...

איינער אַליין האָט סאָלאָמאָן איבערן טראָטואַר געשפּאַצירט. באַגעגענען זיך מיט בליומען האָט ער ניט געוואָלט. מענטשן האָבן אים אָנגעקוקט ווי פאַרוואונדערט, ווי זיי וואָלטן פרעגן מיט זייערע בליקן: „וואָס שפּאַצירט ער עפּעס אַליין ?...“

קלערט סאָלאָמאָן: וואָלט ער כאָטש בליומען ניט באַגעגענט.

— אַ גוטער אוונט ,סאָלאָמאָן וואוהין גייסטו איינער אַליין ?..

פאַר אים איז פון ערגעץ אויסגעוואַקסן בליומע אין איר שוואַרצער ברייטער האַלב־מענערשער הוט, אין איר שמאָלן, קורצן, שוואַרצן זשאַ־קעטל, אין אַ קורצער שמאָלער טונקעלער קליידל. איר שלאַנקע, הויכ־לאַכע פיגור האָט זיך לייכט געוויגט; אירע בלויע אויגן האָבן פאַר־דראָסיק געשמייכלט; איר צאַרט־ווייסער פּנים מיט די עטוואָס איינגעפאַלענע באַקן איז מיט אַ שטילן אומעט באַדעקט געווען. אין

דער פּאַרנאַכטלאַכער ליכט האָט זי אויסגעזען באַחנ׳טער ווי גע־וויינלאַך.

איינגנטלאַך, — האָט סאָלאָמאָן אַ קלער געטאָן, — איז זי נאָך שיין און באַחנ׳ט, — נאָר אירער וועט ער שוין ניט זיין, קיינמאָל.

לעבן בליומען זיינען געשטאַנען איר חבר׳טע מיט שלמ׳קע דעם הינקעדיקן, וועלכער האָט ניט אָפּגעטראָטן פון בליומען.

סאָלאָמאָן האָט זיך געפילט, ווי אַ פידלער, ווען אין מיטן שפּילן פּלאַצט באַ אים אַ סטרונע.

— אָט גייט ער זיך אַזוי...—האָט ער ניט ווילנדיק געזאָגט, — און באַלד האָט ער חרטה געהאַט, פּאַרוואָס ער האָט ניט געזאָגט אַ ליגן, אַז ער מוז גיין ערגעץ וועגן אַ נויטיקן ענין. ער וואָלט דאָך פּטור געוואָרן פון אַ פּאָר ניט אַנגענעמע שעה.

— קינדער, — האָט בליומע אַ זאָג געטאָן מיט אַ געמאַכטן פרייל־אַכן קול, — לאָמיר גיין צום ברעג.

איר חבר׳טע מיט שלמ׳קען האָבן איינגעשטימט. שווייגנדיק האָבן זיי אַף סאָלאָמאָנען און בליומען געקוקט. זיי האָבן זיך געווים אָנגע־שטויסן, אַז זייערע באַציאונגען זיינען עפּעס הינטער־ארומיקע: בליו־מע האָט איבער זיך קיין שליטה ניט געהאַט און האָט זיך מיט יעדן טאָן אַרויסגעגעבן.

שוואַך, גלייכגילטיק איז געווען סאָלאָמאָנס ענטפער: „זאָל זיין צום ברעג“.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

זיי האָבן זיך פאַרקערעוועט אין אַ שטילער שמאָלער געסל, וועלכע לאָזט זיך אַראָפּ משופּעדיק צום ברעג צו.

שלמ׳קע האָט מיט זיין הייזעריקער באַס־שטימע דערציילט עפּעס וועגן זיינער אַ נסיעה אַמאָל אין אַ קליין שטעטל. די ערשטע דריי־פיר טעג האָט ער דאָרטן זייער פריילאַך פאַרבראַכט, — נאָר נאָכדעם האָט אים דאָס קליינשטעטלדיקע לעבן און די קליינשטעטלדיקע נאַאי־ווע מיידלאַך אַזוי דערעסן, דאָס ער איז פּשוט פון דאָרטן אַנטלאָפן. בליומעס חבר׳טע האָט הילכיק געלאַכט, — זי מעג דאָך לאַכן פון די קליינשטעטלדיקע: זי איז געוואַקסן אין דער אויעזד־שטאָט... בליו־מע האָט אַריינגעוואָרפן עטלאַכע גוטע ווערטער אַפן חשבון פון די

קלײנשטעטלדיקע: זי אַלײן איז דאָך פֿון אַ קלײן שטעטל. דאָך האָט זי אױך געלאַכט. איר געלעכטער האָט געמוזט האָבן אַ שײכות צו סאָלאָמאָנס שװײגן, װאָס זי האָט געפֿילט מער פֿון אַלע.

סאָלאָמאָן האָט געשװיגן און געטראַכט װעגן שולמיתן.

שלמ׳קע דער הינקעדיקער האָט ליב געהאַט בליומען, — האָט ער דערצײלט... האָט געװאָלט בליומען פֿאַראינטערעסירן, האָט ער גערעדט, און זײן קול איז ניט זיכער געװען. אין בליומעס כלומר׳שטדיקן לאַכן האָט זיך געפֿילט, אַז זי האָט ניט געהערט װאָס שלמ׳קע האָט גערעדט: אירע מחשבות זײנען געװען פֿאַרנומען מיט סאָלאָמאָנס שװײגן, װאָס האָט געװעקט אין איר האַרצן עפּעס טרױעריקס. סאָלאָמאָן האָט עס דערקענט פֿון אירע בליקן װאָס זי האָט געװאָרפֿן אױף אים אַלע װײלע. בליומעס חבר׳טע האָט געלאַכט פֿונם גאַנצן האַרצן: זי האָט קײנעם ניט געליבט... מאַכטײסע, שלמ׳קען האָט זי געװאָלט פֿאַר אַ חתן: ער האָט דאָך געהאַט רײכע עלטערן, און זי האָט ניט געהאַט קײן נדן... מילא הינקט אונטער שלמ׳קע... אַלא ער װעט זי ניט װעלן, װעט זי טרעפֿן אַן אַנדער חתן... אָבער לאַכן פֿרײ, הילכיק מעג זי דאָך, — אַרום האָט זיך געפֿילט דאָס מחיה׳דיקע אָטעמען פֿון אַ פֿרילינג־פֿאַרנאַכט.

אױפֿן ברעג האָבן אַ פּאָר צענדליק בחורים און מײדלאַך שפּאַצירט. אָט גײט אַ יונגער הױכלאַך־דאַרער טעלעגראַפֿיסט מיט אַ קריסטלאַכער גימנאַזיסטקע. מיט אַ פֿרעך־תאװה׳דיקן שמײכל קוקט ער אױף איר און זי שמײכלט צו אים קאָקעטיש. דאָרט גײט אַ הױכע בלאָנדינקע מיט אַ ברונעט פֿון מיטעלן װאוקס. בײדנס פּנים׳ער זעען אױס חתן־כלה׳דיק.

אומבאַמערקט האָבן זיך די אװנט־שאָטנס איבערן ברעג, איבערן לאַנגן ברײטן טײַך אױסגעשפּרײט. ס׳איז עטװאָס קיל געװאָרן. סאָלאָמאָן, בליומע, איר חבר׳טע, און שלמ׳קע האָבן זיך געזעצט אױף אײנער פֿון די בענק, װאָס זײנען געשטאַנען אין דער לענג פֿון ברעג. פֿון שטאָט, װאָס איז הינטער זײ געלעגן, האָט זיך אַ טױבער גערױש געטראָגן און האָט זיך צונױפֿגעגאָסן מיט דער רױשיקער שטילקײט, װאָס האָט, שװעבנדיק פֿון ערגעץ װײט, זיך דערנענטערט צום צװײטן ברעג, אױף אַ װײלע זיך פֿאַרטראַכט, און געלאָזט זיך שװימען לאַנגזאַם צום שטאָט צו.

ניט װײט פֿון זײ זײנען אױפֿן טײַך געשטאַנען צװײ קלײנע בוק־

סיר־פּאַראַכאָדן. אַרום איינעם האָבן אַפן ברעג גע'עוסק'ט עטלאַכע יונגע מאַטראָסן מיט צוויי אידן, וועלכע האָבן מיט די מאַטראָסן גערעדט רוסיש און צווישן זיך אידיש. די אידן האָבן ערגעץ אָפּגע־שיקט מיטן פּאַראַכאָד אייזן. דער קלונג פון'ם אייזן, וואָס די מאַט־ראָסן האָבן אַפּן וואָג און פון וואָג געשלעפּט, האָט זיך הייזעריקלאָך צונויפגעגאָסן מיט די האַרבע רוסישע ווערטלאָך פון די מאַטראָסן, וועמען די אַרבעט איז שווער געווען. אַפן צווייטן פּאַראַכאָד זיינען עטלאַכע מאַטראָסן געזעסן און געגעסן.

די טייך איז געלעגן אַ בלישטשענדיק־שוואַרצע. וואו־ניט־וואו האָבן זיך אין איר אָפּגעשפּיגלט ציטערנדיקע פייערלאָך פון בערלינס און באַרקעס, אַף וועלכע פויערן האָבן זיך אוודאי צוגעגרייט שלאָפן, כדי מאָרגן באַגינען־צו־טאָגן אוועקשווימען ערגעץ ווייטער צו אַן אַנ־דער ברעג. ווייטער, לינקס, האָט אַ קאָסטער געברענט אַף פּאָסן פון צונויפגעשלאָגענע קלעצער. דאָס פייער פון'ם קאָסטער, האָט, דאַכט זיך, געברענט אַפן וואַסער, אין וואַסער, און באַלויכטן שוואַך די לאַנגע שמאָלע פּאָסן מיט די עטלאַכע הילצערנע ביידלאָך אַף זיי, אין וועלכע די מענטשן, וואָס שווימען אַף די פּאָסן, באַשיצן זיך אין אַ צייט פון רעגן. עס האָט געציטערט דער פייער אומרואיק, ווי ער וואָלט געפילט די אומגעהויערע פיינטלאַכע מאַסע וואַסער, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט.

קעגן זיי אין מיטן טייך איז געשטאַנען אַ וועש־הויז, די פענצטער פון וועלכן זיינען געווען טריב באַלויכטן. דאָרט האָט זיך געהייצט. פּאָרזיכטיק האָבן זיך געצויגן פון קוימען אַרויס מחנות קליינינקע פונקען, — נאָר די פינצטערניש, דאַכט זיך, האָט געלאַכט איבער זייער פּאָרזיכטיגקייט און געשלונגען זיי געלאָסן הונדערטערווייז. נאָר אָט האָט זיך העלדיש אַריינגעריסן אין דער פינצטערניש אַ צען־מאָל־גרעסערע מחנה ווי פריער, די פינצטערניש האָט עטוואָס אַ ציטער גע־געבן און צולאַכט זיך באַלד איבער די נאַרישע, שטאָלצע פונקען און, לאַכנדיק, געשלונגען זיי טויזנטערווייז. אַ ווייַלע האָט מען געזען נאָר איינצלנע פונקען, וואָס זיינען, דאַכט זיך, ווי מיט גוואַלד אַרויס־געשטויסן געוואָרן אין דער פינצטערער לופט דורך זייערע חברים, וואָס האָבן זיך געטוליעט ערגעץ אין קוימען און האָבן מורא געהאַט אַרויס פון דאָרטן. האָבן זיך די איינצלנע פונקען געראַנגלט מיט דער פינצטערניש, זיך איבערגעקוקט דערשראָקן און געוואָרן פאַרשלונגען.

בליומעס חבר'טע האָט שוין ניט געלאַכט. שלמ'קע האָט באַמערקט: „אַ זעלטענער שיינער פרילינג־אָוונט!“ ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אַף זיין שטעקל און געשוויגן. וועגן וואָס האָט ער געקלערט? וועגן בליומען? נאָר בליומע איז לעבן סאָלאָמאָנען געזעסן און האָט, ווי ניט ווילנדיק, אַלע ווײַלע באַרירט זיין האַנט. סאָלאָמאָן האָט געקוקט אַפן טייך, אין דער ווייט, אַפן אויסגעשטערנטן, טיפן, קאַלטלאַכן הימל. אַף אַ וויילע האָט ער די אויגן פאַרמאַכט: ער האָט זיך פאָרגעשטעלט אין דמיון דאָס גאַנצע צויבערדיקע בילד, וואָס איז געלעגן פאַר אים, כדי ער זאָל עס ניט פאַרגעסן.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און סאָלאָמאָן האָט געטראַכט:

טיף האָבן געמוזט זיין אדמ'ס יסורים אין גן־עדן. אַרום האָבן געגרינט די ריזיקע ביימער; אַ שטילער ווינטל האָט לייכט געוויגט די גרינע הויכע געדיכטע גראָזן; בלומען האָבן געשטראַלט פון אומאויסדריקלאַכן נחת; פון צווישן די צווייגן האָבן אַלערליי פויגעלאַך געשיקט ליבע־געזאַנגען צום ריינעם טיפן בלויען הימל, — און אדם האָט זיך געפילט איינזאַם, אומגליקלאַך... אים האָט עפּעס געפעלט, עפּעס אַזעלכעס, וואָס אָן דעם, האָט ער געפילט, איז זיין לעבן זינלאָז, פינצטער. אין זיין האַרצן האָט געברענט עפּעס אַ שרעקלאַכער פייער, וועלכן דער צויבער פון גן־עדן האָט ניט געקאַנט לעשן. ניט וואַסער לעשט יענעם פייער, נאָר עפּעס אַנדערש... און גאָט האָט פאַר אדמ'ען די רייצנדע חווה'ן באַשאַפן... דער פייער איז ניט אויסגעלאָשן געוואָרן, נאָר פאַרוואַנדלט זיך אין עפּעס זיסעס, שטאַרקעס, פאַר'שיכור'נדעס, פאַר וואָס די איינזאַמקייט איז ווי רויך פאַרשוואונדן געוואָרן...

די שטערן ווינקען אינ'ם טונקל־בלויען הימל, — און דאָס האַרץ דריקט אַ באַוואוסטזיניקער פחד, דאָס אַלץ וועט פאַרשוואונדן ווערן... ניין, דאָס אַלץ וועט פאַרבלייבן אַף אייביק, — נאָר דו אַליין וועסט פאַרשוואונדן ווערן, זיך אויסמישן אינ'ם אַ ל ץ, אינ'ם פאָרמלאָזן, זינלאָזן כאָאָס.

און וואָס איז דיין ליבע? דו האָסט דאָך געשוואָרן אייביק, אייביק ליבן... צו וואָס האָסטו פאַלש געשוואָרן? האָסט אין יענער רגע פאַרגעסן, אַז דו שטאַרבסט, דו פוילסט אין דער ערד, ווערסט צופוילט און ביזט גאָרנישט, גאָרנישט?! און זי, וועמען דו האָסט

געשוואָרן, האָט געגלויבט: זי האָט אויך פאַרגעסן, אַז זי וועט פאַר־
לירן איר גאַנצן חן, וועט שטאַרבן און ווערן גאָרנישט.

שולמית, שולמית, — זאָל זי קומען צו אים. שווערן וועט ער
איר, אַז אייביק וועט ער זיין אירער, אייביק, אַף זיין קורצער איי־
ביקייט... נאַרן וועט ער זי ניט. פריער וועט ער איר זאָגן, אַז ער
וועט שווערן פאַלש, ווייל קיין אמת'ע שבועה קאָן ער איר ניט געבן.
קיינער קאָן עס איר ניט געבן, אפילו גאָט... ווייל זי אַליין איז
ניט קיין אייביקע, זי אַליין וועט צופוילט ווערן... זי שרייבט אים,
אַז אינגיכן וועט זי אַהער אין שטאָט קומען. דעמאָלט וועט ער פאַר
איר זיין האַרץ אויסגיסן, ער וועט איר זאָגן אַלץ... און וואָס טוט זי
איצט? אין איר צימער אין דער גרויסער שטאָט, וואו זי וואוינט די
לעצטע עטלאַכע וואָכן, זיצט זי אפשר איבער אַ ראָמאַן און איר האַרץ
צאַפּלט זיך פון יסורים: אַ גרעפין — אַ שיינהייט האָט זיך ערגעץ
אוים ליבע אונטער אַ צוג געוואָרפן... שולמית, טייערע, זאָל זי בע־
סער קומען צו אים און פאַרטרייבן פון אים די איינזאַמקייט אין
אַזאַ פרילינג־נאַכט, אין אַזאַ פרילינג־נאַכט.

בליומעס קול האָט אים דערמאָנט די ווירקלאַכקייט. פּלוצלינג
האָט זי אַ קעלט דערפילט. אַהיים האָט זיך איר פאַרוואָלט. אין
איר קול האָט זיך געפילט טיפע בענקעניש. אירע קאַלטלאַכע פינ־
גער האָבן זיין האַנט באַרירט.

זיי זיינען אוועק פונ'ם ברעג.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— אַ גוטע נאַכט, סאָלאָמאָן.

ווי ווייך, בעטנדיק איז בליומעס קול געווען.

— אַ גוטע נאַכט, בליומע.

געפילט האָט סאָלאָמאָן, ווי שוואַך, אָן אַ פונק פון צערטלאַכקייט,
ער האָט איר נאָמען אויסגערעדט.

בליומעס חבר'טע האָט געקוקט אַפן אויסגעשטערנטן הימל און
האָט געשמייכלט; שלמ'קע דער הינקעדיקער האָט ערנסט אַף בליומען
געקוקט.

— א גוטע נאַכט.

— א גוטע נאַכט.

סאָלאָמאָן און שלמ׳קע זיינען אוועק. הינטער זיי האָט זיך גע־הערט דאָס געלעכטער פון בליומעס חבר׳טע.

די געסלאַך, דורך וועלכע זיי זיינען געגאַנגען, זיינען שטיל גע־שלאָפן. קיין לעבעדיקער נפש, קיין שטראַל פון א פייערל דורך א שפּאַרונע פון א לאַד. אױף די פאַרשלאָפענע הייזער האָבן די לבנה־שטראַלן שלעפעריק געפליסט דורך דער טונקל־בלויער נאַכט.

צוקומענדיק צו דער סוחר׳ישער גאַס, האָבן זיי זיך א ווײַלע אָפּ־געשטעלט. ס׳איז שוין געווען האַלבע נאַכט. שטיל איז די ברייטע סוחר׳ישע גאַס געלעגן פאַר זיי. קעגנאיבער לעבן פּאָליציי־הויז איז אומבאַוועגלאַך געשטאַנען א גאָרדאָוואָי און האָט, דאַכט זיך, גע־טראַכט וועגן דער רואיקער לבנה־נאַכט, וואָס האָט אים ווי געפרעגט:
„וואָס שטייסטו דאָ? האָסטו פאַרגעסן יענע שיינע פרילינג־נעכט, ווען מיט שקצים און שיקסעס צוזאַמען האָסטו אין דאָרף לוסטיק פאַרבראַכט?...“

שלמ׳קע האָט געשוויגן. ער איז געווען פאַרטראַכט. אפשר, וועגן בליומען.

מיר וועלן נאָך שפּאַצירן אביסל, — האָט סאָלאָמאָן געזאָגט, — עס ווילט זיך ניט גיין אין הויז.

— לאָמיר גיין.

— לינקס צו רעכטס?

— מיר איז אַלץ איינס.

סאָלאָמאָנען איז אויך געווען אַלץ איינס וואוהין. געפילט האָט ער צו גיין ערגעץ ווייט, ווייט. זיי האָבן זיך גענומען לינקס.

סאָלאָמאָן האָט אונטערגעפייפט עפּעס א מעלאָדיע, די ווערטער פון וועלכער ער האָט שוין לאַנג פאַרגעסן. שטיל איז געווען ארום. זייערע שאָטנס זיינען זיך פאַראויס געשוואומען איבערן שמאָלן שטיי־נערנעם טראָטואַר.

אױף א גאַנעק פון א נידעריקער הילצערנער הויז זיינען געזעסן דריי באַקאַנטע מיידלאַך מיט א בחור. זיי האָבן געלאַכט, געשטיפט.

איינע פון די מיידלאַך, א הויכלאַכע און א דאַרע, איז פונ׳ם גאַנעק אראָפּגעשפּרונגען מיט א געשריי: שלמ׳קעלע, מיין גאָלד, מיין האַרץ!... קום פאַרברענג מיט אונז, — איך האָב דאָך דיך אזוי ליב!...

איר געלעכטער האָט שטיפעריש געהילכט אין דער נאַכט־שטילקייט.

„כאַ, כאַ, כאָ!" — האָט דער בחור אַפן גאַנעק געלאַכט און האָט, זיך שאָקלענדיק, געפּאַטשט מיט דער האַנט די מיידל, וואָס איז געזעסן לעבן אים, איבער די קני. יענע האָט זיך כלומרשט געכּעס׳ט און געקוויטשעט.

— מיר האָבן קיין צייט ניט, — האָט שלמ׳קע געזאָגט.

שלמ׳קע איז געווען אַ קלוגער און האָט זיך אָפּט אויסגעדריקט זייער וויציק. אים איז געווען אַלץ איינס וואוהין צו גיין, — נאָר זעצן זיך נאַריש מאַכן מיט די מיידלאַך, האָט ער איצט קיין חשק ניט געהאַט. זיינע געדאַנקען זיינען אוודאי שטאַרק פאַרנומען געווען מיט בליומען.

די מיידל וואָס האָט אים גערופן, דערהערנדיק זיין ענטפער, האָט די הענט אַראָפּגעלאָזן, אָנגעשטעלט קעגן דער לבנה אירע ליפּן, געשאָקלט כלומר׳שט טרויעריק דעם קאָפּ, — און פּלוצלינג האָט זי אויסגעשאָסן אַ געלעכטער, געגעבן זיך אַ דריי, אַ טאַנץ, אַ שפּרונג צוריק אַפן גאַנעק, אויסשרייענדיק: „גיי זיך, גיי, שלמ׳קע, איך האָב דיך פיינט, ווי אַ שפּין. ער וויל נאָך ניט...

— סאָלאָמאָן, און איר? — האָט איינע פון די מיידלאַך געפרעגט.

— איך האָב אויך קיין צייט ניט, — האָט סאָלאָמאָן געענטפערט.

אַ הילכיקער געלעכטער האָט סאָלאָמאָנען און שלמ׳קען באַגלייט.

די סוחר׳שע גאַס האָט זיך שוין געענדיקט. זיי זיינען אַרויס הינטערן שטאָט.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

שווייגנדיק האָבן זיי געטראָטן איבער אַ וועג צווישן גערטנער און שוואַרצע פעלדער, פון וועלכע ס׳האָט זיך אין דער לופט געפילט אַ פייכטלאַכע פרילינג־פרישקייט.

ווייט אַפן ברעג האָריזאָנט האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַ לענגלאַך־שמאָלער פּאַס פון בלאַס־רויטלאַכן שיין: פויערן האָבן ערגעץ בלאָטעס געטריקנט אָדער וואָרצלען פון אויסגעהאַקטע ביימער אויסגעברענט. פון ערגעץ אַ נאָענטן דערפל האָט זיך אַ בילן פון הינט געהערט. איבער זיי האָט זיך געשפּרייט אַ טונקל־בלויע גרונטלאָזע טיפקייט מיט מיליאָנען שטערן.

סאָלאָמאָן האָט פּלוצלינג דערפילט די אייביקע אומענדלאַכקייט.

ער האָט דערפילט, ווי ער אַליין איז עפּעס אַנדערש, — איז ניט געבאָרן געוואָרן און וועט ניט שטאַרבן. צו אַלץ איז ער ניט נאָענט, און פון אַלץ איז ער ניט ווייט. אויס עבר און עתיד, אויס דאָ און דאָרטן, אויס קלוג און נאַריש, — אַן ענדלאָזער איצט, אַ ברעג־און מאָסלאָזער דאָ...

מאָדנע האָט אַף אים די וואונדערבאַרע פרילינג־נאַכט געווירקט. אַן אומאויסדריקלאַכער געפיל האָט אים דורכגעדרונגען. אַן־אַ־סדר האָבן געאַרבעט זיינע געדאַנקען:

מענטשן לעבן, בויען הייזער, ליבן, געבוירן קינדער, פירן מלחמות מיט אַנדערע מענטשן, מיט דער נאַטור, מיט זיך זעלבסט, מיטן יצר־הרע און יצר־טוב, מיט געדאַנקען און גלויבנס.

מענטשן לעבן, בויען הייזער און באַהאַלטן זיך אין זיי איינער פאַרן צווייטן. יעדערער אין זיין ווינקעלע האָט נחת און פּלאָגט זיך, לאַכט און וויינט, האָט ליב און פיינט. האָבן דען ניט אַלע מענטשלאַכע איבערלעבונגען איין זין, איין ווערט? זאָלן צוויי מענטשן שטיין צוזאַמען, איינער זאָל וויינען, רייסן אַף זיך די האָר פון טיפע יסורים, דער צווייטער זאָל זיך האַלטן באַם בויך פון פרייליכן געלעכטער, — די אייביקע גרענצלאָזיקייט וועט אַראָפּקוקן אַף זיי רואיק, שטום, — ווי דאָס וויינען און לאַכן זאָלן ניט זיין צוויי באַזונדערע דערשיינונגען, נאָר עטוואָס איינס, אַ חלק פון דער אייביקער איינהייט.

מענטשן זאָלן זיך ניט פוילן, פאַרלאָזן זייערע ענגע, שמוציקע ווינקלאַך, אַרויס אין אַזעלכע וואונדערלאַכע פרילינג־נעכט אין פרייען פעלד, איינאָטעמען אין זיך פרישע לופט, אַרומקוקן זיך אין אַלע זייטן, הויך און נידעריק, וואָלטן זיי פילן און באַגרייפן:

אַז שעמען זיך איינער פאַרן צווייטן איז לעכערלאַך פאַר זיך זעלבסט, ווייל איינער פון צווייטן איז ווייט אַף מיליאַרדן מייל, — זיי דוכט זיך נאָר, דאָס זיי זיינען נאָענט איינער צום אַנדערן און עס פּאַסט ניט אַרויסווייזן פאַר יענעם זייערע געפילן;

אַז דערציילן יענעם, וואָס באַ זיך אין האַרצן טוט זיך, הייסט אויסהערן זיך זעלבסט, און אויסהערן דעם צווייטן הייסט אויסגיסן דאָס אייגענע האַרץ, וואָרום אַלע מענטשלאַכע איבערלעבונגען זיינען פון איין מקור און האָבן איין אינהאַלט, איין תכלית;

אַז ס'איז ניט כדאי צו שווייגן און פאַרשטיקן באַ זיך אין האַרצן

צער און פרייד, ווען מ׳קאָן עס אַרויסזאָגן פאַר׳ן צווייטן, — וואָרום ווענען און ווען וועסטו ברענגען נוצן מיט דיין שווייגן?

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ווייט הינטער זיי איז שוין די שטאָט געלעגן. באַם וועג איז אַ קלאָץ געשלאָפן. זיי האָבן זיך צוגעזעצט.

שלמ׳קע האָט פּלוצלינג געזאָגט:

— ווי איז אַז דו ליבסט, און יענע באַציט זיך צו דיר גלייכגילטיק...

ער פילט אוודאי, אַז בליומע איז צו אים גלייכגילטיק.

און סאָלאָמאָנען האָט אַ מאָדנער פאַרלאַנג אַרומגעכאַפּט — ווערן אַ ווייַלע אַן אַנדערער. אים האָט זיך פאַרוואָלט פּרואוון אַ ווייַלע דענקען עטוואָס אַנדערש, ווי ער האָט געדענקט און גע־פילט געוויינלאַך, אַרויסזאָגן מייַנונגען, וואָס זיינען געווען קעגן זיינע אמת׳ע געפילן, — אַזעלכעס, וואָס זאָל שטאַרקן דעם אומגליקלאַכן שלמ׳קעס מוט און איינשטילן זיין, סאָלאָמאָנס, אייגענע טיפע בענקע־ניש נאָך ליבע אין אַזאַ כישופדיקער פרילינג־נאַכט. ער האָט גע־זאָגט:

— באַדאַרף מען זיך צום האַרצן ניט נעמען און זוכן אַן אַנדערע, — נאָר ניט געדאגה׳ט...

ער האָט געקלערט וועגן שולמיתן, וועגן אירע שיינע אָרעמס, וועגן... שולמית, שולמית!... און וועט ער אפשר האָבן דעם זעלבן מזל, וואָס שלמ׳קע, ווען ער וועט אַרויסזאָגן זיין ליבע צו איר, און זי וועט עס, אפשר, אויסהערן גלייכגילטיק...

— וואָרום — האָט סאָלאָמאָן ווייטער געזאָגט — אַ מענטש מוז קאָנען ליבן וועמען ער וויל, דאָס הייסט, אַ מענטש מוז קאָנען שאַפן ליבע...

ווי פאַלש ער רעדט — האָט ער געקלערט. פאַרוואָס קאָן ער ניט שאַפן ליבע אין זיך צו בליומען? פאַרוואָס האָט ער ליב דווקא שולמיתן?

— האָסטו ווען געליבט ערנסט?

סאָלאָמאָן האָט אַ שמייכל געטאָן און געענטפערט:

— איך האָב עטלאַכע פרויען געליבט, איצט ליב איך אויך איי־נע, און ווייטער, מסתמא, וועל איך נאָך ליבן...

— טאָ וואָס מיינסטו איז ליבע?

— אַלנפאַלס איז זי ניט קיין פּלאַטאָנישע. איך פאַרשטיי און פיל, דאָס מיין לעבן איז גאָרנישט, מיינע ליבעס זיינען פאַלש, ווייל קיין אמת׳ע ליבע איז ניטאָ... איך גלויב, אַז איך וואָלט זיך געקאָנט מוסר־נפש זיין אויס ליבע, — אָבער מיין מסירת־נפש וואָלט ניט גע־ווען אַ פּועל־יוצא פון מיין מיינען ,אַז דידאָזיקע ליבע איז דער עיקר פון מיין לעבן, און ווען ניט דידאָזיקע ליבע, איז ניט כדאי צו לעבן. מיין מוסר־נפש־זיין־זיך אויס ליבע וואָלט געקאָנט זיין אויס קאַפּריז, — ווארום איך פאַרשטיי, אַז איך וועל סיי־ווי־סיי שטאַרבן, אָדער, אפשר, ניט אויפהערן לעבן, דאָס הייסט, זיין אַ חלק פונ׳ם ענדלאָזן אַלזיין... איך ליב, ווייל איך וויל ליבן, ווייל מיר איז אנגענעם צו שאַפן אין זיך ליבע־שטימונג, ליבע־געפיל...

און שולמית — האָט סאָלאָמאָן געקלערט — האָט ער דאָך ליב ניטווילנדיק.

אָבער זיין פאַרלאַנג צו ריידן ניט דאָס, וואָס ער האָט געפילט און געדענקט געוויינלאַך איבער ליבע האָט אים אַזוי באַהערשט, דאָס אים איז איינגעפאַלן דערציילן שלמ׳קען אַן אויסגעטראַכטע פּאַסי־רונג פון זיין לעבן, וואָס זאָל יענעם איבערצייגן, אַז זיין איצטיקע מיינונג פירט ער דורך אין לעבן.

ער האָט שלמ׳קען דערציילט וועגן כלומר׳שט אַ מאַדאַם וויינבוים אין דער גרויסער שטאָט וואו ער האָט שטודירט. ער האָט גע־וואוינט באַ איר אין אַ צימער. ער פלעגט אין זיין צימער זיצן און לערנען, און זי, מאַדאַם וויינבוים, פלעגט ליגן באַ זיך אין עס־צימער אויף אַ ווייכער סאָפע און לייענען עפּעס אַ ראָמאַן. פלעגט אים זיין לערנען דערעסן, פלעגט ער אריין צו איר, זיך זעצן לעבן איר, און זיי פלעגן שמועסן וועגן קונסט, וועגן יוגנט־און ליבע־שמערץ, וועגן איינ־זאַמקייט...

— מיט איר מאַן האָט זי חתונה געהאַט אויס ליבע. אָ, ווי זי האָט אים ליב געהאַט... און איצט...

זי פלעגט האָבן אַ טבע ניט פאַרענדיקן אירע רייד, — נאָר אירע אומעטיקלאַך־ווייכע שווארצע אויגן פלעגן אָפן דערציילן וועגן אַ

פרויען־נשמה וואָס בענקט... איר מאַן איז אין געשעפט פאַרטאָן, — און זי וועלקט פון בענקעניש...

ווי רייצנד עס איז געווען איר יונגע, עטוואָס דיקלאָכע פיגור, ווען זי פלעגט ליגן אַף דער ווייכער סאָפע. ער האָט ניט אויסגעהאַלטן און צוגעפאַלן צו איר...

ניין, זי האָט זיך פאַרטיידיגט: זי האָט א מאַן... ניין, זי פאַרערט אים... אָבער ניט אַף אזוי פיל, אַז זי זאָל זיך פאַרגעסן...

אפשר האָט זי עס געמיינט ערנסט, — אפשר האָט זי נאָר געמאַכט אַן אָנשטעל... צופיל אנשטרענגען זיינע נערוון האָט ער ניט געוואָלט. ער האָט זי ליב באַקומען, — נאָר א דראַמע מאַכן פון דעם האָט ער ניט געוואָלט. ער האָט אָנגעהויבן זוכן אַן אַנ־דערע...

שלמ'קע האָט געשוויגן. סאָלאָמאָן האָט ווייטער גערעט:

— ליבע, ווען זי איז נאַאיוו, איז זי לעכערלאַך: אזוי ליבן א פויערשער שייגעץ אָדער א שיקסע, אזוי ליבט א שוטה... ליבע־געפילן דאַרפן ניט זיין תמ'עוואַטע, נאָר פרייע, לוסטיקע, — דעמאָלט וועט זי ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין א טראַגעדיע. איך האָב דיך ליב, איך וויל דיר שענקען מיינע בעסטע געפילן, מיינע פרישסטע, מונטער־סטע לעבנס־שעה'ען. האָסטו מיך אויך ליב, טאָ קום מיט מיר ער־גע'ץ, וואו קיינער וועט אונז ניט זען. דאָרטן וועל איך דיר זינגען מיין שיר־השירים... ווילסטו מיך ניט ליבן, באַדאַרף מען ניט, וואָרט אַף אַן אַנדערן, וועלכער וועט, אפשר, צו דיר קיינמאָל ניט קומען. און אַלטע באָבע וועסטו ווערן מיט אויסגעפוילטע ציין, מיט איינגעפאַלע־נע, פאַרוועלקטע בריסטן, מיט א הויקער. הוסטנדיק און קרעכצנדיק וועסטו שטיל באַדויערן דיינע יונגע יאָרן, וואָס זיינען אָן ליבע פאַר־שוואונדן. דעמאָלט וועסטו פילן דיין שולד קעגן מיר און זיך זעלבסט, — מער קעגן זיך זעלבסט... איך בין פריי, איך וועל זוכן אַן אַנדערע, פאַר וועלכער איך וועל קאָנען אויסגיסן מיינע יוגנט־געפילן. איך בין יונג, געזונט און וויל לוסטיק זיין, לוסטיקע ליבע. סיי־ווי וועל איך שטאַרבן אָדער, אפשר, אייביק לעבן, טאָ פאַרוואָס זאָל איך ניט זיין פריי און לוסטיק ?! ....

— עס רעדט זיך אזוי, — האָט שלמ'קע א זאָג געטאָן. ליבע איז פיל מער, ווי דו מיינסט. שטאַרבן דאָך מענטשן אָפט אויס ליבע.

— זיינען זיי אָדער שוטים, אָדער זיי פארשטייען דאָס לעבן ווי איך, און קאָנען שטארבן אויס א קאפריז...

— ס'איז נאָך א פראגע...

אים וועט שוין ניט זיין לייכט אויסצוואווארצלען זיינע ליבע־געפילן צו בליומען.

און אין מיין ליבע — האָט סאָלאָמאָן געטראכט — בין איך דען אזוי פריי, ווי איך האָב נאָר וואָס גערעדט? האָב איך דען חאסיען ניט געליבט ערנסט, ניט וויסנדיק פארוואָס? האָב איך דען בליומען ניט געליבט און אויפגעהערט, ניט וויסנדיק פארוואָס? און וואָס ציט מיך צו שולמיתן?

די בלויע גרונטלאָזע טיפקייט האָט זיך אָנגעהויבן בלייכן אין מזרח־זייט. עס האָט זיך אין לופט געפילט דאָס אָנקומען פון א פרישן פרילינג־פרימאָרגן. זיי האָבן זיך אין שטאָט אומגעקערט.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ס'איז געוועז עטלאכע טעג פאר פסח ווען סאָלאָמאָן האָט דער־האלטן א קורצן בריוו פון שולמיתן, אז פארנדיק פון ווארשע אהיים אין איר קליין שטעטל אף פסח, איז זי דאָ אין דער אויעזד־שטאָט פארבליבן אף א פאָר טעג פארברייינגען בא אירע קרובים, — און אז זי וויל אים זייער זען. זי האָט אים געבעטן קומען צו איר א זייגער זיבן אין אוונט, ווען זי וועט ווארטן אף אים.

ס'איז געוועז א זייגער צוויי נאָך האלבן טאָג. ביז זיבן פאר־נאכט, ווען ער האָט באדארפט זיך באגעגענען מיט שולמיתן איז נאָך פארבליבן פינף שעה.

ווארימע זון־שטראלן האָבן אָנגעפילט זיין ברייטן צימער מיט צוויי פענצטער צום גאס. עס האָט אים געצויגן אין דרויסן. עס האָט זיך אים ניט געוואָלט זיצן אין הויז. ער האָט באדארפט שרייבן בריוו צו באקאנטע, — זינט ער איז דאָ האָט ער כמעט צו קיינעם קיין בריוו ניט געשריבן, — עס האָט זיך אָבער ניט געוואָלט. און וואָס האָט ער געזאָלט שרייבן צו באקאנטע? אז ער האָט באזוכט

דעם קבר פון זיין פאַרשטאָרבענער ליבע? אז אַ בליומע דרייט אים און זיך דעם קאָפּ? אז ער האָט ליב אַ מיידל, וואָס הייסט שולמית? ניין, ער האָט באַשלאָסן קיינע בריוו ניט צו שרייבן. אים האָט זיך געוואָלט אין מיט־זון־ליכט־פאַרטרונקענעם דרויסן.

ער איז אַרויס פון הויז און אַוועק צום ברעג.

רואיק איז די טייך געלעגן אונטער אַ ים פון העלער זון־ליכט. באַ אַ קליינעם פּאַראַכאָדל, וואָס איז באַם ברעג געשטאַנען, האָבן עטלאַכע אידן, אידענעס, פּויערן און אַ קליינשטעטלדיקער אוריאַדניק זיך צוגעגרייט אָפּפאָרן ערגעץ אין די אַרומיקע דערפער און שטעטלאַך. לעבן יעדערן איז געלעגן זיין פּעקל אָדער קאָרזינקע. דריי־פיר שיפלאַך האָבן איבער׳ן טייך געטראָגן עטלאַכע בחורים און מיידלאַך. די גרעסערע און קלענערע געל־געפאַרבטע פּריסטאַנעס זיינען געשטאַנען יום־טוב׳דיק געשטימט. זיי האָבן ווי געטראַכט, אז דער ווינטער איז שוין לאַנג פאַרשוואונדן, און פרילינג איז אַרום, נאָך וועלכן ס׳וועט אָנקומען זומער, — און זיי, די פּריסטאַנעס זיינען נוצלאַך: טאָג־טעגלאַך שווימען צו זיי צו פּאַראַכאָדן מיט פרישע מענטשן.

לאַנגזאַם איז ער געטראָטן איבערן ברעג. מענטשן זיינען דאָ געווען ווייניק: פאַרנאַכט נאָר קומען זיך אהער צונויף הונדערטער שפּאַצירנדיקע.

דער ברעג איז אַ גלייכער און באַשאָטן מיט זאַמד. פון איין זייט שטייען אין אַ לאַנגער שורה יונגע גרינע קאַשטאַן־ביימער און קוקן רואיק פאַר זיך אַף דער טייך, וואָס פליסט שטיל, באַשיידן אין אַ מרחק פון פיר־פינף קלאַפטער פון זיי. די עטלאַכע בערלינעס אַפן טייך זיינען געשטאַנען אָנגעלאָדן מיט ברען־האָלץ, מיט זאַלץ, מיט זעקלאַך מעל, הירזש און האָבער. ווייטער האָבן פּויערן אָנגעלייגט אין גרויסע שיפן אָן דעקן לאָזע, וועלכע מ׳האָט ערגעץ אַוועקגעפירט האַטען אַ ברעג אָדער אַ גרעבליע. לעבן אַ קליין פּריסטאַן זיינען געשטאַנען עטלאַכע קריסטלאַכע אינגלאַך מיט לאַנגע ווענדקעס אין די הענט און געפאַנגען פיש. פון ווייטן אַפן צווייטן ברעג, צווישן עטלאַכע שיטערע קוסטעס, האָבן זיך געזען ווייסע קערפּערס פון עטלאַכע יונגע נפשות, וואָס האָבן זיך געבאָדן, געוואָרפן זיך אין וואַסער און געשוואומען, יאָגנדיק איינע די אַנדערע. צוויי פון זיי זיינען אַרויסגעשפּרונגען אַף דער טריקעניש און האָבן זיך

געגומען שטיפעריש ראַנגלען. ווי רייצנדיק עס זיינען געווען די באַ־וועגונגען פון זייערע יונגע נאַקעטע קערפּערס. עס זיינען אינגלאַך, מיידלאַך באַוועגן זיך אַנדערש, שווימען אַנדערש, שטיפן אַנדערש. הין און הער זיינען איבערן טייך אַרומגעפלויגן קליינע, שיינע שוואַלבן, געטונקט זיך אַלע ווײַלע אין טייך, געפלויגן ווייטער און געטונקט זיך שטיפעריש ווידער און ווידער, — זיי האָבן זיך געבאָדן. הין און הער אין לופט איבערן וואַסער האָבן זיך געטראָגן זומער־פייגעלאַך קלענערע און גרעסערע, — זייערע פיל־פאַרביקע קערפּער־לאַך מיט די דורכזיכטיקע פליגעלאַך האָבן געבריליאַנטעוועט אינ׳ם נעץ פון זון שטראַלן.

אין מיטן טייך איז געשטאַנען מיט זון־ליכט באַגאָסן די העל־גרין געפאַרבטע וואַש־הויז. אַף אַ לאַנגן בריקל פון ברעטער, וואָס האָט אַרומגערינגלט די וואַש־הויז, זיינען געשטאַנען שיקסעס און גע־וואַשן גרעט. זיי האָבן איינגעטונקט אַ העמד, אַ ליילאַך, אַ האַנטעך אין טייך, האָבן עס אַרויסגעצויגן, אויסגעדרייט עס, אויסדריקנדיק פון דעם די וואַסער, — און עס האָט געדוכט, אַז גרויסע און קליינע בריליאַנטן פאַלן פון זייערע הענט און זינקען אין טייך. פריילאַך, לעבעדיק איז געגאַנגען בײַ די שיקסעס די אַרבעט. די שמוציקע וועש האָט זיי ניט געעקלט: אַזוי פיל ריינע וואַסער, אַזוי פיל זון־ליכט, אַזוי פיל פרייע פרישע לופט, אַזוי פיל יוגנט־לעבן און האָפ־נונג. זיי האָבן געוואַשן און געזונגען. פּשוט׳ע דאָרפישע לידער, — נאָר וואָס פאַר אַ לעבן־קראַפט האָט זיך געפילט אין די קולות, וואָס האָבן זיך צעפלויגן און צעגאָסן אין דער פרישער לופט. פּלוצלינג האָבן זיך צווישן דידאָזיקע קולות אַריינגעריסן ווילדע, משונה׳דיקע קוויטשען. עס האָט אַ שיקסע אַרומגעכאַפּט אַ ווילדער, שטאַרקער פאַרלאַנג, אַ ברענענדיקע ליידנשאַפט צו עפּעס, מיט אַלע חושים האָט זי דעם פרילינג דערפילט, אַן אומאויסדריקלאַכע פרייד האָט זי גע־וואָרגן, געשטיקט. זי האָט ניט געהאַט קיינע לידער, קיינע טענער אויסצודריקן אירע געפילן, האָט זי געקוויטשעט ווילד, געשאָסן מיט ווילדן געלעכטער. פּלוצלינג האָט זי גענומען טאַנצן, אויפהויבנדיק אין דער רעכטער האַנט אַ ליילאַך, וואָס זי האָט געוואַשן, מיט דער לינקער האַנט פאַרהויבנדיק אַביסל איר קורץ קליידל. אירע נאַ־קעטע ווייסע פיס האָבן קעגן דער זון געשטראַלט, און פונקען זיינען, דאַכט זיך, געפלויגן פון זיי. אַפן ברעג זיינען געשטאַנען עטלאַכע

שקצים און געקוואַלן פון איר, שרייענדיק צו איר וואויל־יונגישע ווערטלאַך. זי שטעלט די שקצים פון ווייטן אַ צונג, — און טאַנצט, און זינגט, און קוויטשעט ווייטער.

עס איז דורכגעגאַנגען אַ מיטל־יעריקע דאַמע. איר ברייטע שוואַרצע הוט, איר שוואַרצע קלייד, וואָס איז געלעגן אין אָרדנונג אַף איר דיקן, הויכלאַכן קערפּער, איר שוואַרצער זיידענער שירם, — אַלץ האָט באַוויזן, אַז זי איז געווען איינע פון די היגע חשוב'ע פאַרמעגלאַכע דאַמען. זי האָט זיך אַ ווײַלע צוגעזעצט אַף אַ באַנק אונטער די קאַשטאַן־ביימער און געקוקט אַף די וועשערינס, געהערט זייער געזאַנג, — און אַף איר ערנסטן פּנים האָט זיך געוויזן אַ שטי־לער שמייכעלע. זי האָט זיך אוודאי דערמאָנט אָן אירע יונגע יאָרן, ווען דער פרילינג פלעגט אויך אין איר וועקן לעבן — און ליבע־לידער. היינט איז זי אַן ערנסטע חשוב'ע דאַמע, און זי פילט שוין ניט אַזוי גאָטס גייסט, וואָס שוועבט אַרום אינ'ם יונגן פרי־לינג־רוים.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

נידעריק אַפן האָריזאָנט איז שוין די זון געשטאַנען. שפּאַצירנ־דע האָבן זיך אַפן ברעג באַוויזן. ווי פון אַ חלום האָט סאָלאָמאָן זיך אויפגעכאַפּט און זיך דערמאָנט אָן שולמיתן, אַז זיבן אַ זייגער דאַרף ער זיין בײַ איר.

ער האָט געטראַכט, ווי די פרילינג־לופט, ליכט, יוגנט־געזאַנג האָבן אַף אים געהאַט אַזאַ ווירקונג, אַז ער האָט געקאָנט אָן שולמיתן פאַרגעסן. ער האָט זיך געפילט עפּעס שולדיק קעגן איר.

איילנדיק איז ער פון ברעג אוועק.

שולמית האָט געוואַרט אַף אים. ווארעם האָט זי געשמייכלט, ווען ער האָט איר האַנט געדריקט.

זי האָט אים געבעטן בלייבן אַ ווײַלע אַליין אינ'ם גאַסט־צי־מער. זי מוז זיך איבערטאָן. ס'וועט לאַנג ניט דויערן. זי האָט ניט ליב זיך פיל צייט פאַרנעמען מיט איר טואַלעט. ווי נאַאיוו, דוכט זיך, זי האָט עס אַרויסגעזאָגט.

פארבלייבנדיק אליין אין גאסט־צימער, האט ער אויפגעעפנט א בוך, וואס איז געלעגן אפן מיט־טונקל־גרינעם פלוש־באדעקטן טיש. אין דרויסן איז טונקל געווארן. די דינסט־מיידל האט א לאמפ אריינגעטראגן, א קוק געטאן אף אים, ווי זי זאל זיך איינהאלטן פון לאכן, און איז באלד ארויס. זי האט געמוזט מיינען אז ער וויל ווערן שולמית'עס חתן. איז עס מעגלאך?... דער חתנ'דיקער געפיל איז אים אזוי פרעמד.

דער בוך וואס ער האט אויפגעעפנט, איז געווען א זאמל־בוך פון שעקספירס ווערק. עפעס ווי ניט־ווילנדיק האט ער אויסגעפונען אין בוך די ערטער, וואו ארלאנדא ציינט ארויס זיין גרויסע נאאיווע ליבע צו ראזאלין. און ער האט געטראכט, אז ארלאנדאס גייסטיקע אנטוויקלונג איז זייער שוואך געווען, און דעריבער האט ער געקאנט ליבן אזוי איבערגעגעבן. און מער רייצנד איז געוועזן זיין נאאיווע ליבע, ווייל זי האט זיך אנטוויקלט אין וואלד, אין דעם פרייען שוים פון דער נאטור.

און בלעטערנדיק ווייטער דאס בוך, האט ער זיך אפגעשטעלט אף אייניקע שטעלן וועגן האמלעטן. דער דאנישער פרינץ איז גייסטיק הויך אנטוויקלט געווען, ניט ווי ארלאנדא, — און דעריבער איז זיין ליבע צו אפעליא ניט אזוי שטארק, אז ער זאל צוליב איר קאנען פארגעסן אלע זיינע ספקות וועגן לעבן. זיין הארץ קאן זיך ניט באפרייען פון די פיינענדיקע געפילן וועגן אייביקן וועלט־שמערץ. און אים האט זיך געדאכט, אז ער זעט פאר זיך דעם דאנישן פרינץ אין סאמע עקסטאז פון זיין ליבע שטעלט זיך פלוצלינג אפ מיט א טרויערדיקן בליק אין זיינע טרוימערישע אויגן און פרעגט: „לעבן אדער ניט לעבן?... קעמפן קעגן אקעאן פון צרות... שטארבן, איינשלאפן — און גארן...״ ער האט זיך פארטראכט וועגן דעם גורל פון די האמלעטס און די ארלאנדאס. די ארלאנדאס זיינען גליקלאכער, אבער די האמלעטס זיינען אינטערעסאנטער אין לעבן, — די מענטשן ווערן אלץ מער און מער האמלעטיזירט, זייער אומצופרידנקייט אין לעבן וואקסט. ער האט זיך אזוי פארטראכט, אז ער האט זיך פארגעסן, וואו ער איז — פלוצלינג:

שולמית איז געשטאנען לעבן אים און געשמייכלט. ס'האט זיך ארויסגעוויזן, אז איר איבערטאן זיך האט געדויערט כמעט א גאנצע שעה, — און ער האט עס ניט באמערקט. ווידער האט ער זיך גע־

פּילט שולדיק קעגן איר. אין איין צימער האָט זי זיך איבערגעטאָן, און, אפשר, געוואָלט זיך איבערטאָן אזוי, אז זי זאָל אים געפעלן, מיינענדיק, אפשר, אז ער ווארט אַף איר מיט אומגעדולד, — און אין צווייטן צימער איז ער געזעסן און כמעט פארגעסן, אז ער איז אין איין הויז מיט איר. שעקספּירס ווערק זיינען בכח געווען אָפּווענדן זיינע געדאַנקען פון איר אין אַן אַנדער ריכטונג. איז ער דען ניט מסוגל צו ליבן אזוי שטארק, אזוי טיף, אז ער זאָל פארגעסן אַן אַלץ, אַן אַלץ?...

ווי שיין שולמית האָט אויסגעזען אין איר שמאָלן, עטוואָס קורצ־לאַבן טונקל־בלויען קליידל. איר יונגע פיגור האָט אים צו זיך גע־צויגן. היינט — האָט ער געקלערט — זאָגט ער איר אַלץ, היינט מוז ער זי אין זיינע אָרעמס דריקן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין דרויסן איז שוין געשטאַנען דער פרילינג־אָוונט מיט זיין גאַנצן צויבער. אַ ריינער טונקל־בלויער הימל מיט זיינע פרישע אָוונט־שטערן. אַ לייכטער ווינטעלע האָט דורכגעדרונגען דעם קער־פּער, די נשמה און געמאַכט אנגענעם דאָס זיין אַף דער ערד.

זיי זיינען אַוועק הינטערן שטאָט.

ביידע האָבן זיי כמעט געשוויגן, אויסער אייניקע קורצע באַמער־קונגען, וואָס ער אָדער זי האָבן געמאַכט וועגן דעם שיינעם פרילינג־אָוונט. געקלערט האָט ער, ווי אזוי זאָל ער אָנהויבן אַרויסזאָגן זיי־נע געפילן צו איר. געפילט און פארשטאַנען האָט ער, אז עס דארף געטאָן ווערן פּשוט, איינפאַך: „ער ליבט זי, ער וואָלט געווען גליקלאַך, ווען זי וואָלט וועלן זיין זיינע, זיינע אַף שטענדיק. זיין גאַנצן לעבן וואָלט ער אָנגעווענדט אַלע זיינע כוחות צו מאַכן זייער לעבן שיין און אנגענעם...“ אזוי האָט ער אייגנטלאַך באַדאַרפט איר זאָגן. אפשר וואָלטן זיינע אָפענע רייד געווירקט אַף איר. זי וואָלט, אפשר, אויך געוואָרן אָפנהאַרציק און וואָלט געזאָגט, אז זי האָט אים אויך ליב...

ס'זיינען געווען צייטן, ווען דער מענטש איז ווילד געווען. דע־מאָלט האָט ער זיינע געפילן אָפנהאַרציק אַרויסגעוויזן. איז ער עמיצן אַ שונא געווען, האָט ער זיך אַף יענעם מיט אַ האַק גע־וואָרפן, אָדער געשיקט אַ פייל אין יענעמס האַרץ. האָט ער אַ פרוי געליבט, האָט ער זי מיט גוואַלד גענומען. היינט זיינען מענטשן

ציוויליזירט. די גרעסטע שונאים ריידן אָפּט צווישן זיך מיט א כלומר'שט פריינטלאכן שמייכעלע אַף די ליפּן. א פייערלאכע ליבע גיסט זיך אָפּט אויס אין א געוויינלאכן ציניש פלירט, — און וואָל־גארער פלירט גייט אָפּט איבער אין א כלומר'שט פייערלאכע ליבע, אויב עס לוינט זיך פאר ביידן... שולמית איז דאָך א געבילדעטע, זי האָט געענדיקט גימנאזיע... זאָגן איר פּשוט: „שלומית, איך האָב דיך ליב", וואָלט, אפשר, געמאכט אַף איר א שלעכטן איינדרוק.

— וואָס וועט זיין? — האָט ער פלוצלינג אָנגעהויבן, ווי ער וואָלט אליין ניט גלויבן אין דער ערנסטקייט פון דער פראגע, — וועט זי, שולמית, זיין זיינע... זיינע אַף... שטענדיק? היינט מוז זי אים געבן א תשובה.

— אזוי גיך ווילט איר א תשובה?...

זי האָט עס, אפשר, ניט געוואָלט זאָגן. אין הארצן האָט זי, אפשר, געוואָלט זיין זיינע — נאָר עס האָט דאָך ניט געפּאסט פאר א געבילדעטער מיידל באלד ארויסצוזאָגן אירע געפילן.

— ווען וועט איר באשליסן?

— כ'וויים, זאָל נאָך דויערן עטלאכע טעג.

— איך מוז ווארטן...

עטלאכע מינוט זיינען זיי ווידער געגאנגען שווייגנדיק. וואָס האָט זי געטראכט? געפילט האָט ער זיך עפּעס שולדיק קעגן איר. ער האָט זי גערופן שפּאצירן. פונ'ם שפּאציר האָט זי, מסתמא, פיל דערוואַרט... און ער שווייגט...

זי האָט געפרעגט, וואָס שווייגט ער, וואָס קלערט ער.

עס איז א גינסטיקע ווייל געוועזן ער זאָל איר ענטפערן, אז ער שווייגט, ווייל זיין ליבע צו איר אין דעם אוונט איז אזוי שטארק, דאָס אים איז שווער צו ריידן... — ער האָט אָבער געזאָגט:

— עפּעס נאָגט זיין הארץ, עפּעס בענקט עס, עפּעס וויל עס... ס'איז פרילינג, — אַלץ האָט אויפגעלעבט, אַלץ האָט אויפגעבליט...

ער האָט פלוצלינג דערפילט די לעבערלאכקייט פון זיינע ווער־טער מיט זייער אומעטיקן טאָן אין דער אנוועזנהייט פון אזא שיי־נער מיידל אין אזא צויבערדיקער פרילינג־נאכט. עפּעס א ניט נאטירלאכע קראפט האָט געצויגן זיינע הענט צו ארמען די יונגע מיידל. און איידער יענע האָט צייט געהאט ענדיקן איר פראגע: „פאר־וואָס איז ער אזוי אומעטיק געשטימט? ער איז דאָך נאָך אזוי

יונג... אַזוי..." האָט ער זי שוין אין זיינע אָרעמס געדריקט, און מיט אַ האַרציקן, פון ליידנשאַפט פאַרשטיקטן „אָ, שולמית!..." זי גע־נומען קושן.

ווי פאַר'שיכור'ט האָט ער זיך דערפילט פון אַ מאָדנעם ניט אויס־דריקלאַכן געפיל... פון גליק?...

אַ היבשע ווײַלע האָט זיך שולמית ניט געווערט. אויך זי איז, דוכט זיך, באַרוישט געוואָרן פון זיין פּלוצלינגן אָרמען זי. אַ ווײַ־לע האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז זי אַליין דריקט זיך צו אים וואָס נענטער... איז עס מעגלאַך?...

פּלוצלינג אָבער האָט זי אים אָפּגעשטויסן פון זיך.

אַ ווײַלע האָט ער אַף איר געקוקט און ניט פאַרשטאַנען, וואָס זי מיינט, ביז ער האָט דערהערט איר שטילן, ציטערדיקן קול:

— וואָס ווילט איר פון מיר?...

פאַר דעם שיין פון דער לבנה און שטערן האָט ער געזען אירע אויגן קוקן אַף אים, דאַכט זיך, מיט צערטלאַכקייט, און, דאַכט זיך, פרעגנדיק: האָסטו מיך טאַקע באמת ליב?

—שולמית, — האָט ער ווי בעטנדיק געענטפערט, — ווען דו ווייסט, ווי איך ליב דיך...

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן, ווי טראַכטנדיק וועגן עפּעס, וואָס זי אַליין ווייס.

— יע, — האָט זי געזאָגט מיט אַ וואַרעמן טאָן, — איך גלויב, אַז איר ליבט מיך, — אָבער איך... איך מוז זיך באַדענקען... אין אַזעלכע פאַלן מוז מען ניט פאַרגעסן עפּעס אַנדערש.

— וואָס מיינט איר?

— אונזערע פאַרגאַנגענהייטן...

— וועמעס, מיינע צו אײַערע?

— ביידנס...

אין איין אויגנבליק איז אים פאַרשטענדלאַך געוואָרן עפּעס אַזעל־כעס, וואָס ער האָט גאָר פאַרגעסן טראַכטן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז שולמית ווייס פון זיינע באַציאונגען צו בליומען, — און אַז זי, שולמית, האָט אויך פריער עמיצן ליב געהאַט... יע, ער איז געקומען צו איר צו שפּעט...

זיי האָבן זיך אין שטאָט אומגעקערט, ריידנדיק אַפן וועג צוריק וועגן פאַרגאַנגענע ליבעס...

באם צושיידן זיך האט ער זי ווידער געפרעגט:

— וואס וועט זיין?...

— זי מוז טראכטן. מארגן פרי פארט זי אהיים און דארטן וועט זי קאנען בעסער דענקען וועגן גאנצן ענין. זי גלויבט, אז ער וועט זי באגלייטן צום שיף.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

עטלאכע טעג האט סאלאמאן בליומען ניט געזען. ער האט ניט געוואלט קלערן וועגן איר.

באגעגנט האט ער זי אין קינעמאטאגראף, וואו ס'איז איינגע־ארדנט געווארן א וואלטעטיקער אוונט.

אויסער די בילדער אפן לייוונט זיינען פארן עולם, וואס איז באשטאנען פון א פאר הונדערט אידישע יונגע מענער און פרויען און עטלאכע קריסטן, ארויסגעטראטן א קריסטלאכער יונגערמאן, וועלכער האט עפעס דעקלאמירט נישקאשעדיק, א אידישער בחור, וואס האט געזונגען שטיל, הייזעריק, און געפיל אייניקע רוסישע פאלקס־לידער. א אידישע מיידל האט געשפילט פיאנא. דער קינעמאטאגראף, וואס האט געפוסטעוועט כמעט אלע אוונט איז געווען באלעבט.

לעבן צוויי באקאנטע יונגע דאמען איז סאלאמאן געזעסן. באַ־קאנטע בחורים און מיידלאך האבן אף אים שמייכלענדיק געקוקט: א בחור דרייט זיך ארום פרעמדע פרויען... נענטער פון אים צו דער סצענע זיינען געזעסן בליומע מיט איר חבר'טע מיט שלמ'קען. אלע ווײלע האט בליומע א דריי געטאן דעם קאפ און געכאפט א קוק אף אים, סאלאמאנען.

אין די אנטראקט־מינוטן איז ער ארוים אין קארידאר. דארטן האבן שפאצירט צענדליקער בחורים און מיידלאך. בליומע, איר חבר'טע און שלמ'קע זיינען אונטערגעגאנגען צו אים. בליומע האט אים געבעטן ער זאל זי נאכן טעאטער באגלייטן אהיים, ער האט עס איר ניט געקאנט אפזאגן.

און נאך האלבע נאכט האט ער זי באגלייט אהיים. איר חבר'טע און שלמ'קע זיינען געגאנגען פאראויס, און בליומע האט מיט א שטילן ניט־זיכערן קול גערעט צו אים, סאלאמאנען:

איר טאַטע וועט מאָרגן אָדער איבערמאָרגן קומען אַהער אין שטאָט נאָך סחורה פאַר זיין קראָם. ער פרעגט זיך שטענדיק נאָך אַף אים, סאָלאָמאָנען. ער געדענקט אים זייער גוט פון דער צייט, ווען ער איז געווען בא זיי אין שטעטל. וואָלט ער, סאָלאָמאָן, אפשר אים געוואָלט זען. אַן עלטערער מענטש, אַ פרומער, נאָר אַ ווײַלער.

פאַר'ן צושיידן זיך האָט זי סאָלאָמאָנען געבעטן קומען צו איר מאָרגן, — זי מוז אים עפּעס וויכטיקס דערציילן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

סאָלאָמאָן איז צו בליומען געקומען. זיי זיינען אַוועק שפּאַצירן.

הינטער זיי איז די שטאָט געלעגן. די ברייטע גרינע פעלדער און גערטנער האָבן רואיק צו דער זון געשמייכלט. דאָ און דאָרטן האָבן זיך געזען פּויערטעס אין די גערטנער. צווישן די בייטן זיינען זיי באָרוויסע געשטאַנען איינגעבויגן און האָבן מיט גראָבאייזנס גע־אַרבעט. קליינע באָרוויסע שקצים'לאַך אין שמוציקע קאָרטענע הויזן און אין אייבערשטע ציצענע העמדלאַך האָבן זיך לוסטיק לעבן אַ נידעריקן צאַם פון פלעקער געשפּילט, לוסטיק געשריען צווישן זיך.

ווייך האָבן די זון־שטראַלן דעם קערפּער און נשמה דורכגע־דרונגען. ס'איז געווען אַ שעה דריי צום זון־פאַרגאַנג. דער ברייטער וועג האָט זיך אַוועקגעצויגן ווייט, ווייט, און דער אויג האָט זיין סוף ניט געזען.

פונ'ם ברייטן וועג האָט אַ שמאָלע סטעזשקע געפירט צום וועלדל צו. אַהין איז סאָלאָמאָן מיט בליומען אַוועק. געפילט האָט ער זיך עפּעס ניט באַקוועם, בליומע האָט געשוויגן. עס איז קענטיק געווען, ד'אָס בא איר אין הארצן קומט פאָר אַ מלחמה צווישן געפילן, פאַר־לאַנגען און מחשבות.

אין וועלדל האָבן זיי זיך אונטער אַן אַלטן בוים געזעצט.

ער האָט זיך געפילט אַזוי מאָט. די לעצטע טעג האָט ער צו־פיל אָנגעשטרענגט זיינע נערוון, געטראַכט, געפילט, געערגערט זיך. דאָס לעבן אין דערדאָזיקער שטאָט איז אים נימאס געוואָרן. ער האָט אָנגעהויבן אָפט אריינקומען צו זיינעם אַ גוט־ברודער אין קראָם. ער פלעגט אָפּזיצן דאָרטן שעה'ן־ווייז, לייענען אַ צייטונג, שמועסן וועגן זאַכן, וואָס האָבן אים ניט אינטערעסירט: וועגן באַנקראָטן, וואָס זיינען דאָ פאָרגעקומען זייער אָפט, ווייל דער פדיון אין די היגע קראָמען איז געווען טויט, וועגן דער היגער יוגנט, וועלכע האָט ניט

געלייענט קיינע ביכער, און וועגן אנדערע ניט וויכטיקע ענינים. וואס האט עס אים געקאנט אינטערעסירן, וואס דער פדיון אין די קראַ־מען ערגעץ אין א שטאט איז טויט? נאר ער האט גערעדט, אינ־טערעסירט זיך כלומר׳שט. זיצן אין הויז און לייענען האט זיך אים ניט געוואלט: עס איז דאך פרילינג געווען, ס׳האט געצויגן אין דרויסן, ס׳האט זיך אים געוואלט ליבן און לעבן. ער האט ליב גע־האט שולמיתן, — איז זי ערגעץ אין א קליין שטעטל אוועקגעפארן. און בליומע... וואס וויל זי פון אים? ... וואס האט זי אים אהער אין וואלד געפירט? זי זיצט לעבן אים, — און אים איז ניט אנגע־נעם.

און צייטן זיינען דאך געווען, ווען ער האט זי געליבט. דעמאלט פלעגט ער האבן פארגעניגן זיצנדיק מיט איר צוזאמען. ער האט ליב געהאט בארירן איר האנט, אירע האר. דעמאלט האט אים געצויגן צו איר, ער האט פון איר פארלאנגט פיל, פיל... איצט פארלאנגט ער פון איר איינס: זי זאל אים פארלאזן. פארוואס זאל ער איר עס ניט זאגן אפן? ער האט אף איר רחמנות? איז ער א מענטש מיט א שוואכן ווילן, וועלכער ציטערט פארשאפן דעם צווייטן אדער זיך זעלבסט אביסל עגמת־נפש? ...

— „בליומע...“

זי האט אים אנגעקוקט ווי פארוואונדערט און דערשראקן. ניין, — האט ער דערפילט, — ער קאן עס איר ניט זאגן, ער קאן ניט...

און ער האט געפרעגט, וואס האט זי אים נעכטן צוגעזאגט דער־ציילן עפעס וויכטיקס.

מיידליש שעמעוודיק און אומעטיק ענטפערט זי. ווי אן אינער־לאכע קראפט וואלט זי געצוואונגען ריידן.

זי זאגט, אז צוליב אים איז זי אהער אין שטאט געקומען. האט ער דען פארגעסן יענע זומערדיקע אוונטן, ווען זיי האבן צוזאמען פארבראכט אין איר שטעטל? וואס וועט איצט זיין? זאל ער איר זאגן, וואס וועט זיין... זי וויינט, זי לייגט איר קאפ אף זיין אקסל און וויינט...

ניין, אירער, — האט ער געטראכט, — וועט ער קיינמאל ניט זיין, — ער וואלט געוואלט נאר טרייסטן זי, פארגרינגערן אירע שווע־רע מינוטן...

אבער ווי אזוי? אויב אפילו זי ליבט אים באמת, זאל ער זיך

צוליב איר מקריב זיין?... ער האָט זי אַמאָל געליבט... אָבער איצט...
ער האָט איר גאָרנישט געזאָגט. אים האָט זיך געוואָלט וויינען מיט איר צוזאַמען, וואָס ער האָט, אפשר, אומגליקלאַך געמאַכט אַ מיידל אַף איר גאַנצן לעבן, — נאָר ער האָט צונויפגעשטייפּט זיינע ציין און געשוויגן.
ווי מיד ער האָט זיך געפילט.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אין דרויסן איז פון האַלבן טאָג אָן געגאַנגען אַ פרייער, זיכערער רעגן. סאָלאָמאָן איז געזעסן באַ זיך אין הויז און געלייענט פּרצ׳עס „פאָלקסטימליכע געשיכטע״, וואָס האָט אין אים מיסטישע געדאַנקען דערוועקט. פאַרגעסן האָט ער די גאַנצע אַרומיקע וועלט. אַנדערע מענטשן, אַנדערע גלויבונגען, אַנדערע גייסטיקע פאָדערונגען, אַנדערע תנועות און קולות.
און פּלוצלינג מיט אַ פאַרשעמטן שמייכעלע איז בּליומע פאַר אים געשטאַנען. ער האָט ניט געהערט ווי זי איז אַריין. דער וועקזייגער אַפן פענצטער האָט שוין געוויזן פינף.
וואָס איז בּליומע געקומען צו אים? שוין עטלאַכע טעג האָט ער זי ניט געזען: ער האָט ניט געוואָלט זי זען.
ער האָט איר געוואָלט זאָגן זי זאָל אים תכף פאַרלאָזן און אַף שטענדיק, אַף שטענדיק — נאָר ער האָט איר געגעבן די האַנט און געבעטן זיצן.
זי האָט געפרעגט, פאַרוואָס ער גייט אין ערגעץ ניט. זי האָט געמיינט אַז ער איז עפּעס ניט געזונט. איר האָט עמיצער, דוכט זיך, געזאָגט אַז ער קלייבט זיך ערגעץ פאָרן פון דאַנען.
סאָלאָמאָן האָט געפרעגט, פון וועמען זי האָט דאָס געהערט, אַז ער דענקט באַלד אַוועקפאָרן.
זי געדענקט שוין ניט אַף ריכטיק. דוכט זיך איר, אַז שולמית האָט עס איר געשריבן. שולמית איז אירע אַ חבר׳טע, — זי איז אַ וואוילע מיידל, זי געפעלט איר ז י י ע ר . . .
וואָס שמייכלט זי עפּעס, קוקנדיק אים אין די אויגן, ווען זי רעדט

וועגן שולמיתן? זי האָט זיך אוודאי דערוואוסט וועגן זיין ליבע צו איר...

שמייכלענדיק דערציילט זי אים, אז שולמית שרייבט איר, דאָס זי האָט זיך באקענט מיט א וואָיאזשאָר, וועלכער האָט זיך אין איר פארליבט און וועמען זי ליבט אויך. שולמית איז א ביסל א לייכטזיניקע...

צו וואָס דערציילט זי עס אים? מיינט זי צו פארשאפן אים ניט אנגענעמעס? צו דערנידעריקן שולמיתן, כדי זי אליין זאָל אים מער געפעלן? גלויבט זי נאָך אז ס'איז מעגלאך, אז ער זאָל זיין אירער אף שטענדיק? און פארוואָס זאָל זי ניט גלויבן? זיינע באציאונגען צו איר מיט עטלאכע יאָר צוריק? זי איז נאָך גענוג יונג און שיין. גייסטיק אנטוויקלטער פון שולמיתן איז זי אויך.

ניין, ער האָט באדארפט מיט עטלאכע ווערטער צושטערן איר האָפנונג אף אים. „הערסט, בליומע, דיינער וועל איך קיינמאָל ניט זיין, שולמיתן האָב איך ליב, — הערסטו? דו ביזט גייסטיק אנטוויקלטער און אפשר קליגער פון איר, — אָבער זי ציט מיך צו זיך און דו ניט". אזוי האָט ער באדארפט איר זאָגן. נאָר מיט א כלומר'שט רואיקן טאָן האָט ער געזאָגט, אז שולמית מיטן וואָיאזשאָר אינטערעסירן אים זייער ווייניק.

זי איז אריבער צו אַן אנדער טעמע:

איר פאָטער האָט דאָ פארבראכט דריי טעג. ער האָט עטלאכע מאָל געפרעגט וועגן אים ‚סאָלאָמאָנען. ער האָט געמיינט, אז בא איר מיט אים, סאָלאָמאָנען, איז שוין א באשטימטע זאך, און סאָלאָמאָן וועט זיין זיין איידעם. ער, איר טאטע, פלעגט דאך לייענען זיינע בריוו צו איר. ער וואָלט געוועזן צופרידן, און איר מאַמע אויך. זיי זיינען גארניט חושד, אז זיינע באציאונגען האָבן זיך געענדערט. זי באשולדיקט אים ניט. זי ווייס וויפל צרות און ערגערניש ער האָט איבערגעלעבט די לעצטע פאָר יאָר. זי פארשטייט ווי ווייט עס האָט באדארפט ווירקן אף זיינע געפילן, אף זיין כאראקטער, וועלכער איז אין תוך א היציקער און א גוטער . . . זי האָפט אז זיין איצטיקע שטימונג וועט זיך בייטן... אמת?... זאָל ער איר זאָגן.

אָט וואָס זי קלערט איבער זיינע באציאונגען צו איר, האָט סאָלאָמאָן געטראכט. זי גלויבט, אז עס קומט פון זיינע ליידן אין די לעצ־

טע יאָרן. אָבער אייגנטלאך ליבט ער זי. וואָס פאַר אַ ביטערן טעות זי האָט.

זי פרעגט אים, פאַרוואָס ער שווייגט. זאָל ער איר עפּעס זאָגן. וואָס קלערט ער וועגן איר? וואו און ווי דענקט ער פאַרבערענגען דעם זומער? אפשר וואָלט ער געפאָרן מיט איר צוזאַמען ערגעץ אַף אַ דאַטשעס? אירע עלטערן וועלן ניט שטערן. נו, זאָל ער שוין אי־בעררייסן זיין שווייגן.

זיין ענטפער איז געווען, אַז ער ווייס אַליין ניט, ווי און וואו עס וועט אים אויסקומען פאַרבערענגען דעם זומער.

זי איז אַוועק פון אים ברוגז.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ס'איז שוין געווען אַ זייגער צען אינדערפרי ווען סאָלאָמאָן האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף. אַ גאַנצע נאַכט האָבן אים זיך געחלומ'ט פאַרפּלאָנטערטע חלומות:

ער האָט ווידער געזען דאָס שטעטל, וואו ער האָט זיך מיט עט־לאַכע יאָר צוריק באַגעגנט מיט בליומען. אָט זיצט ער אין אַ זומער־דיקן פאַרנאַכט אין פעלד צווישן כמעט צייטיקע זאַנגען. בליומע ליגט מיט איר קאָפּ אַף זיין שויס. זי קוקט אים גלייך אין די אויגן און פאַרשטייט זיין ליבע צו איר. זי שפּרינגט אויף פון דער ערד, שטעלט זיך אָפּ ניט ווייט פון אים, קוקט אים אָן פאַרוואונדערט און צולאַכט זיך הילכיק. ווער לאַכט עס פון אים?... זי, שולמית, לאַכט פון אים? זי מוז וויסן וועגן זיינע באַציאונגען צו בליומען, און דעריבער לאַכט זי עס פון אים... שולמית...

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און געטראַכט אַ ווײַלע וועגן דעם חלום, — ווי אַזוי פון בליומען איז עפּעס פּלוצלינג געוואָרן שולמית, — זי האָט געלאַכט פון אים...

און אָט בלאָנדזשעט ער אַרום אַליין הינטערן שטאָט. ער איז מיד. ער זעצט זיך אַף אַ קאָליץ, וואָס ליגט עפּעס לעבן אַ פאַרקאַן פון אַ פּויערשן גאָרטן. ער קוקט אַף דער גרויסער רויטער זון, וואָס האַלט אין פאַרגיין. וואָס פאַר אַ צויבערנדיקער פרילינג-פאַרנאַכט, — און ער זיצט דאָ איינער אַליין. פאַרוואָס פאַרברענגט חאַסיע

אזוי לאנג בא איר שוועסטער אין דארף? זי וויים דאך, אז ער קלערט נאר וועגן איר. אָה, ווען זי וואלט וויסן, ווי ער זיצט דא אפן קלאץ און בענקט נאך איר!...

ערשט נעכטן — קלערט ער — האט זיך אים גע׳חלומ׳ט, אז חאסיע איז בא איר שוועסטער אין דארף צוגאסט, ער האט געהאפט, אז זי וועט צו אים קומען, — און איצט?... אט פירט מען זי אפן בית־עולם, וואו מען וועט זי באגראבן אף אייביק, אף אייביק.. ער גייט נאר ביזן בית־עולם און קערט זיך אום אהיים. ער וויל נית זען, ווי מ׳וועט זיין איינציקן אוצר אין לעבן באגראבן, ער וויל ניט, ער קאן ניט. ער קומט אהיים צו זיך, און א היסטערישער געוויין רייסט זיך ארוים פון זיין הארצן, עס פארכאפט אים דער אטעם...

זיין מאמע האט אים אויפגעוועקט און נעפרעגט, וואס ער וויינט.

פרישע בינטלאך שטראלן האט די זון געווארפן דורך די צוויי פענצטער פון זיין צימער.

נעכטן — האט ער א טראכט געטאן — איז בליומע אוועק פון אים ברוגז. שולמית האט שוין א וואיאזשאר. כאסיע איז שוין לאנג צופוילט אין דער ערד. ער איז געקומען אין דער שטילער אויעזד־שטאט זיך אביסל אויסרוען פונ׳ם גרויסשטאטיקן הו־הא. רוט ער זיך אוים? דער פרילינג דא וועקט נאר אין אים בענקעניש נאך ליבע, — און ליבן האט ער ניט וועמען, און זיין הארץ בענקט באטאג און באנאכט. ניין, ער פארט נאך היינטיקע וואך צוריק אין דער וועלט, אין א גרויסער רוישיקער שטאט, וואו די נאטור איז ניט אזוי רייצנדיק, אבער דערפאר פילט זיך דארטן אויך ניט אזוי שארף די יוגנט־בענקעניש...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

באם אפענעם פענצטער איז סאלאמאן געשטאנען און האט זיך איינגעקוקט אין דער שטילער אויסגעשטערנטער פרילינג־נאכט. שטיל איז געלעגן די איינגעשלאפענע שטאט. פיל באקאנטע האט ער גע־האט אין דערדאזיקער שטאט, — טא פארוואס האט ער געקלערט נאר וועגן דרייען? און פארשידן זיינען געוועזן זיינע מחשבות וועגן זיי. ווי טיף איז געוועזן זיין צער, ווען ער האט זיך דערמאנט אן

חאַסיען. פאַרוואָס איז זי אַ יונגע פון דער וועלט אוועק?!... פאַר־וואָס איז זי צופוילט אין דער ערד? ווי וואָלט ער געוואָלט, אַז בליומע זאָל זיין ווייט פון דערדאָזיקער שטאָט, כדי ער זאָל זי מער ניט באַגעגענען, ניט זען אירע אומעטיקע בליקן, איר בעטנדיקן האַרץ־שטעכנדיקן שמייכל, ניט הערן אירע רייד, וועלכע האָבן גע־האַט נאָר איין זין: זיי מיינער, מיינער אויף שטענדיק. נעכטן איז זי אוועק פון אים ברוגז, און היינט פאַרנאַכט האָט זי אים ווידער באַגעגנט מיט אַ טרויעריק־פריינטלאַכן שמייכל. זי האָט אים גע־בעטן גיין מיט איר שפּאַצירן. ער האָט איר געענטפערט, אַז ער האָט קיין צייט ניט. וואָס פאַר אַ ניט אנגענעמע פייערלאַך האָבן זיך באַוויזן אין אירע אויגן. און שולמית?...

ווייט, ווייט פון אים האָבן געפינקלט שטערן. ער האָט זיך אין זיי איינגעקוקט.

ער האָט געטראַכט וועגן יענע פרילינג־נעכט, ווען ער, אַלט זייענ־דיק אַ יאָר ניינצן, האָט מיט דער יונגינקער לעבעדיקער חאַסיען פאַר־בראַכט. האָבן די שטערן צו זיי ניט געשמייכלט, ווען ער און זי פלעגן איינע די אַנדערע, קושנדיק זיך, יונגנט־סודות פאַרטרויען? האָבן ניט די שטערן דען איינמאָל, אין אַ שרעקלאַכער שלאָפלאָזער נאַכט, ווען ער האָט זיין געלעגער פאַרלאָזן און אַרוים אין דרויסן, מיטגע־ווייִנט מיט אים אויף איר, חאַסיעס, טויט? וואָס האָבן די שטערן זיך איבערגעקוקט צווישן זיך? זיי האָבן געוואָלט אים דערמאָנען וועגן אַנדערע פרילינג־ און זומער־נעכט...

ווען ער האָט איאָר דריי נאָך חאַסיעס טויט אין אַ קליין שטעטל געלעבט; דאָרטן האָט ער זיך מיט פיל מיידלאַך באַגעגנט. אייניקע פון זיי האָבן אים פאַרגעניגן פאַרשאַפט, און אייניקע — צער. צו אַנדערע איז ער גלייכגילטיק געווען. און בליומע? צו איר האָט ער, דוכט זיך, עפּעס אַנדערש געפילט. דער צער, וואָס זי האָט אים פאַרשאַפט, איז אים אנגענעם געווען. ווען זיי פלעגן צוזאַמען מיט פאַרגעניגן פאַרברענגען די צייט, — פלעגט אים עפּעס שרעקן: טאָ־מער וועט ער זי אומגליקלאַך מאַכן, טאָמער וועט זי פון אים אוועק... זי און זי... ער איז פאַר זיך זעלבסט ניט געווען, ווען ער האָט וועגן איר געקלערט. איז עס ליבע געווען?

און נאָכדעם האָבן זיי איינע די אַנדערע אַ לאַנגע צייט בריוו געשריבן. „מיין טייערע, ניט פאַרגעסענע, מיין לעבן... טויזנטער

קושן שיק איך דיר..." „טייערער, גוטער... איך שלאָף ניט נעכט קלערנדיק וועגן דיר, נאָר וועגן דיר..." ער האָט זיך אַזוי צוגעוואוינט צו די בריוו, דאָס נאָכדעם האָט ער אַ לאַנגע צייט זיי געשריבן צו איר און דערהאַלטן אירע ענטפערס, ניט פילנדיק גאָרנישט צו איר. צו וואָס האָט ער איר געשריבן? אים איז שווער געווען שרייבן איר איינמאָל קורץ און שאַרף, אַז ער ליבט זי ניט מער? ער האָט זי גענאַרט. בליומע, ער איז שולדיק קעגן איר. האָסן האָט זי אים באַדאַרפט. נאָר זי ווייסט ניט, וואָס באַ אים אין האַרצן טוט זיך, — און זי ליבט אים... אַזוי זאָגט זי... אפשר נאַרט זי אים אויך?... ווער וועמען נאַרט?...

פאַרנאַכט איז זי אַוועק פון אים מיט כעס... אפשר האָט עס איר אין האַרצן הנאה געטאָן, וואָס ער שטויסט זי אָפּ פון זיך. אפשר צווייפלט זי אין זיינע קאַלטע באַציאונגען צו איר און מיינט, אַז ער האָט זי נאָך ליב. ווען זי וואָלט זיך דערוואוסט פון זיינע אמת'ע געפילן צו איר, וואָלט זי, אפשר, אויפגעשפרונגען פון פרייד, — און זיי ביידע וואָלטן זיך צוקושט פון גליק, דאָס זיי צושיידן זיך אויף שטענדיק... אפשר..

ניין, האָט ער באַשלאָסן, ער וועט מער ניט פאַרבלייבן אין דערדאָזיקער אויעזד־שטאָט. מאָרגן פאָרט ער צוריק אין דער ווייטער גרויסער וועלט, אין אַ גרויסער רוישיקער שטאָט, וואו דער פרילינג איז, אפשר, ניט אַזוי שיין — אָבער דערפאַר איז דאָס לעבן דאָרטן ניט אַזוי שטיל, — דאָרטן רוישט, ליאַרמט, און די יוגנט־געפילן זיינען ניט אַזוי שאַרף, און טוען ניט אַזוי וויי.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אויף מאָרגן אַרום צען אינדערפרי איז סאָלאָמאָן שוין געזעסן אין צוג.

דער צוג האָט זיך גערירט. דורכן פענצטער פון וואַגאָן, אין וועלכן ער איז געזעסן, האָט ער אַרויסגעקוקט אויף דער אויעזד־שטאָט, וואָס ער האָט פאַרלאָזן, און געטראַכט:

רו שטיל אין דיין קבר, ניט פאַרגעסענע האָסיע. פאַרגעס מיך אויף אייביק, בליומע. און דו, שולמית, זיי געזונט און גליקלאַך מיטן וואַיאַזשאָר, — מיט דער צייט וועל איך מסתמא דיך אויך פאַרגעסן...

דורות

פאַרגעסן האָט מען זי כמעט אין שטעטל. קיינער האָט ניט גע־רעדט פון איר, קיינעם האָט זי ניט אינטערעסירט.

אַן אַלטע אידענע פון אַ יאָר פינף און פופציק, — מיט אַ שמוציק טיכל אַפן קאָפּ, אין אַ געלאַטעטער, צו אַ שמאַטע ענלאַכער, ציצענער קליידל; אַף אירע איינגעהויקערטע, מאָגערע פּלייצעס איז געהאַנגען עפּעס אַ מין אַלטע אָפּגעקראָכענע גרין-געלע קאַפּטע מיט געלאַטעטע אַרבל.

אַ פּנים האָט זי געהאַט פול מיט טיפע טונקל-גרויע קנייטשן, מיט צונויפגעדריקט פאַרטריקנטע שוואַרץ-גרינע ליפּן, וואָס האָבן דערמאָנט אָן די קליינשטעטלדיקע פאַר׳חלש׳טע הערבסט-טעג, ווען די ערשטע פרעסט שטיקן די הילפלאָזע בלאָטע און זויגן אויס איר לעצטע ביסל פייכטקייט.

עלקע האָט זי געהייסן, — און אין שטעטל האָבן אַלע זי כמעט פאַרגעסן.

אין דרום-מזרח׳דיקן עק פון מארק הויבן זיך אָן צוויי געסלאַך, — איינע פירט גלייך צום בית-עולם צו און ציט זיך ווייט, ווייט, ביז די פויערשע שייערן, און די צווייטע פאַרקירעוועט זיך רעכטס צום עק שטעטל, וואו ס׳הויבן זיך אָן פעלדער, און ס׳שטייען פאַרצווייפלט צוויי נידעריקע אַלטע, מיט שימל באַדעקטע ווינט-מילן, וועלכע, דאַכט זיך, האָבן אויסגעשטרעקט אין דער פוסטער וועלט אַריין זייערע פאַר׳חלש׳טע, געלעכערטע, צעוואונדעטע, בלאַסע לייוונטענע פליג־לען און מיט פאַרקלעמטע בליקן דערציילט וועגן הונגער און נויט.

ביים עק פון דער לעצטער געסל איז געשטאַנען אַן אַלטע ני־דעריקע הייזל און געקוקט שטום מיט קליינע טריבע שויבן אַף די אומעטיקע ווינט-מילן.

עלקעס הייזל איז דאָס געווען.

גע׳ירש׳נט האָט זי די הייזל פון איר טאַטן. איין ברודער האָט זי געהאַט, איז ער נאָך מיט אַ יאָר עטלאַכע און צוואַנציק צוריק אַוועקגעפאָרן אין אַמעריקע, און זי איז געבליבן די איינציקע יורש׳טע.

שרפות, גרויסע און קליינע, האבן שוין פיל מאל חרוב געמאכט דאס שטעטל, וועלכע האט אויפסניי זיך אויפגעבויט, — נאר עלקעס הייזל האט ניט געברענט. ווי עפעם דורך א נס איז זי שטענדיק ניצול געווארן פונ׳ם פייער, ווי עמיצער וואלט געוואלט דערווייזן, דאס אפ עלקעס צרות׳דיקע הייזל האט די צעשטערונגס־מאכט קיין שליטה ניט...

העכער עטלאכע און פערציק יאר, און אפשר טאקע עטלאכע און פופציק, זינט די הייזל איז אויסגעבויט. — עלקע האט שוין ניט געדענקט.

שוואך האט זי קוים געדענקט, ווי זי פלעגט זומער־צייט שפילן מיט אירע חבר׳טעס אין שטיינדלאך און ביינדלאך הינטערן הייזל לעבן שטעלכל פאר דער ציג; אדער לויפן מיט א צוגעבונדענעם צו א לאנגער דינער שטריקל ליימענעם קריגל צום ברונען אנצושעפן פריי־שע, קאלטע וואסער צום טרינקען. פון איר קינדהייט האט זי אויך גארניט געדענקט. אפשר האט זי ניט געהאט וואס צו געדענקען... וואס האבן די אלטע קליינשטעטלדיקע אידענעס איבערגעלעבט אין זייער קינדהייט?...

פון נאכדעם, פון די יונגע מיידלשע יארן, זיינען עלקען איבער־געבליבן מער זיכרונות, אפילו אויך ניט זייער פרייליכע, דאך האבן זיך מיט א ציטער געפייכט אירע אויגן, ווען דידאזיקע זיכרונות פלעגן באזוכן אירע עגמת־נפש׳דיקע טריבע געדאנקען און באוועגן איר פארקלעמטע הארץ.

א מלמד איז איר טאטע געווען — גאר פון די פארצייטיקע מלמדים. זומער־צייט, ווען ס׳פלעגט בליצן און דונערן, האט ער מיט א שטיל זיכערן קול געמאכט די ברכות „עושה מעשה בראשית“ און „שכחו וגבורתו מלא עולם“, און האט שוין כלל קיין מורא ניט גע־האט פאר עפעס... נאך באגינען־צו־טאגן פלעגט ער אוועק אין שול דאוונען, אפט גייענדיק פריער אין מקוה זיך טובל׳ען. אהיים געקומען א זייגער ניין, עפעס איבערגעביסן מיט אן עטוואס מילך־פארוויים־טער גלאז ציקאריע, — און זיך געזעצט לערנען מיט די תלמידים ביז װארמעס גמרא מיט תוספות. ווינטער, קומענדיק נאך מנחה און מעריב פון שול, פלעגט ער אין די לאנגע אָוונטן לערנען מיט די תלמידים ביז אזייגער צען.

ת־נו ר־ב־נ־ן ! . . . האבן די ר־ב־נ־ן געלע־רנט ! . . . פלעגט זיך

צעגיסן איבערן גאַנצן חדר עלקעס טאַטנס הייזעריקער קול מיטן גמרא־ניגון, אין וועלכן ס'האָט זיך געהערט אַ ווייטער אָפּקלאַנג פון פיל־פיל אוראַלטע גרויסע אידישע נשמות, אַ גמרא־ניגון, פון וועלכן ס'האָט געפּליסט אַ טיפער טרויער און אַ הייסע בענקענעש פון אַן אויסגעפּלאָגטער נשמה נאָך אַ ליכטיקער צייט...

און ס'האָבן זיך געלאָזט נאָכן רבי'ן די תלמידים מיט זייערע יונגע פרישע קולות: „ת־נו ר־ב־נן!...“ ס'האָבן זיך צונויפגעגאָסן די קולות און אָנגעפילט דעם חדר מיט אַ לעבעדיקן גערויש, אין וועלכן ס'האָט זיך געהערט אַן אָפּקלאַנג פון אַמאָליקע, אַמאָליקע צייטן...

אין די לאַנגע ווינטערדיקע אָוונטן פלעגן עלקע מיט איר מאַמען זיצן הינטער דער גרויסער געקאַלכטער רובע פאַר אַ קליין חלב־ליכטל און פליקן גענדזענע פעדערן. אַפּן קאָפּ מיט אַ טיכל, פון אונטער וועל־כער ס'האָט זיך אַרויסגעזען אַ ברודיק־ווייסער צעקנייטשטער טשיפּעק, איז די מאַמע געזעסן איינגעהויקערט, און מיט ציטערדיקע הענט געפּליקט אַ פעדער נאָך אַ פעדער. שטיל האָבן זיך באַוועגט אירע ליפּן, פון וועלכע, דאַכט זיך, ס'האָט געפּליסט אַ האַרצלאַכע מוטער־לאַכע תפילה, וואָס האָט צעגאָסן איבער איר אַלטן צעקנייטשטן פּנים נשמה־שטראַלן, שטראַלן פון האָפנונג און תפילה, דאָס גאָט זאָל צו־שיקן עלקעלען אַ גוטן זיווג, אַ חתן אַ למדן, אַ פרומען, — און איר פראַצע אַף די פעדערן פאַר עלקעלעס גאַרדעראָבע זאָל זיין מיט מזל...

זי, עלקעלע — איר איז שוין געגאַנגען דער פופצנטער יאָר — האָט געקוקט אַף דער מאַמעס שטראַלנדיקן פּנים, האָט געפילט איר האַרץ, — און איר איז געוואָרן לייכט אין אַלע גלידער, וואָס זי האָט אַ מאַמע, וועלכע זאָרגט פאַר איר, — און מיט מער חשק האָט זי זיך גענומען פליקן די פעדערן...

צוגיסט זיך איבערן גאַנצן חדר איר טאַטנס הייזעריקער ניגון: „ת־נו ר־ב־נן!... האָבן די רב־נן גע־לערנט... — פלעכטן און גיסן זיך צונויף די יונגינקע עטוואָס איינגעמאַטערטע קולות פון די תלמידים... עלקעלע זיצט לעם דער מאַמע הינטער דער רובע און רוט זיך אַ ווײַלע אָפּ פון'ם פעדערן פליקן. באַוועגט זיך איר האַרץ, — דער ניגון „תנו רבנן!“ איז איר אַזוי נאָענט, אַזוי ווייט... זי קוקט זיך איין אינ'ם פאַרפרוירענעם פענצטער, אין וועלכן ס'קלאַפּט זיך, וויינענדיק, דער היימלאָזער ווינט, — און עפּעס קלעמט איר האַרץ,

אינסטינקטיוו פילנדיק די וועלט-עלנדקייט, — נאָר האָבנדיק בשעת-מעשה אַ שטיקל הנאה, וואָס לעם איר זיצט די מאמע, וועלכע זאָרגט זיך פאַר איר... און ווידער מיט חשק נעמט זי זיך פליקן די פעדערן...

אין יענע ווינטערדיקע נעכט, שפּעט, שפּעט, אַרום אַ זייגער דריי-פיר באַנאַכט, פלעגט זי איבערלעבן עפּעס נאָך מער.

אַן ערלאַכער איד, פון אַמאָליקע ערלאַכע אידן, איז איר טאַטע געוועזן און פלעגט מיט אַן אמת וויינען אויף גלות-השכינה. דריי-פיר אַ זייגער באַנאַכט פלעגט ער אויפשטיין זאָגן „תיקון-חצות“.

שטיל איז אַרום, נאָר דאָס געוויין פון יתומ׳דיקן, הימלאָזן ווינט הערט זיך פון דרויסן. די זעכצן-יעריקע עלקעלע האָט אויפגעוואַכט פונ׳ם שלאָף, ליגט אין בעט און הערט זיך איין:

איר טאַטנס קול צוגיסט זיך טרויעריק שטיל אַרום... אין די פריערדיקע יאָרן האָט זיך עלקעלע ניט צוגעהערט צום טאַטנס קול, — ערשט ניט לאַנג האָט זי זיך אָנגעהויבן צוקוקן צום טאַטן, באַמערקן זיין לעבן, — זי פאַרשטייט אים ניט, נאָר זי פילט עפּעס...

דאָס קליינע חלב-ליכטל צעוואַרפט שאָטנס איבערן גאַנצן הייזל; דעם טאַטנס תיקון-חצות-ניגון רייסט און באַוועגט שטאַרק עלקעס האַרץ און וועקט אין איר אײדעלע ריינע געפילן און פאַרלאַנגען: נעמען אַ חתן אַ למדן און אַ פרומען, ווי דער טאַטע, ווי דער טאַטע...

אַלץ איז דאָס פאַרגעקומען אין דער זעלביקער הייזל, וואו זי האָט נאָך געוואוינט ביז איצט.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אפן זיבעצענטן יאָר איז טאַקע עלקעס וואונש מקוים געוואָרן. משה, קלמן דעם קצבים זון, איז איר מאַן געוואָרן. אפילו ניט פון שיינעם יחוס, אַ קצבים אַ זון, דאָך אַ פרומער און קאָן גוט לערנען גמרא. עלקעס טאַטע פלעגט אים אָפּט זייער לויבן און זאָגן דאָס אזא משה׳ן וואָלט געפּאַסט האָבן אפילו אַ רב אַ טאַטן און אַ גביר אַ שווער. עלקע איז געוועזן מיט איר משה׳ן צופרידן.

עלקע מיט משה׳ן האָבן געגעסן „קעסט“ בא איר טאַטן. ניט קיין רייכער טאַטע, אַ מלמד, נאָר עלקע איז דאָך געוועזן אַן איין-און-איינזין זיינען אויך כמעט ניט געווען, ס׳איז געווען איין זון, אַן

עלטערער פון עלקען, נאָר נאָך פון אינגלווייז האָט ער געקנעלט אין דערפער און פלעגט קומען אהיים נאָר אַף יום־טוב. — האָט מען גע־געבן עלקען מיט משה'ן קעסט. זיצט משה אין בית־מדרש און לערנט גמרא, עלקע העלפט באַטאָג דער מאַמע אין שטוב-זאַכן, באַנאַכט קומט זיך דאָס פּאָר־פאָלק צונויף אין טאַטנס הייזל, אין פינצטערן אַלקירל און מ׳פילט זיך מחיה׳דיק...

אַלט ווערנדיק אַ יאָר אַכצן, האָט עלקע אַ זון געבוירן.

פאָרגעקומען איז דאָס אַזוי מאָדנע, אַזוי אומדערוואַרט פאַר עלקען. נאָך אַ זייגער דריי באַנאַכט האָט זי אָנגעהויבן קרעכצן און אויפגעוועקט משה'ן. דערשראָקן איז משה אַריינגעלאָפן צום שווער און שוויגער אין אַלקיר, אויפגעוועקט זיי און אַ זאָג טוענדיק: „שוויגער, עלקע קרעכצט! איך וויים ניט... צוקינד אפשר... גיכער!“... איז ער שנעל אַוועק צוריק צו עלקען...

עלקען האָט שטאַרקער דערוויייל אַ נעם געטאָן, — עפּעס אַ שרעקלאַכע דריקענעש האָט זי אין בויך דערפילט.

מ'האָט אַ חלב-ליכטל אָנגעצונדן. אַ טונקעלע ליכטיקייט האָט זיך איבערן קליין אַלקירל צעקראָכן. ברייט־דערשראָקן האָבן זיך צע־עפנט עלקעס אויגן און זיך אַרומגעקוקט.

איילנדיק האָט זיך משה אָנגעטאָן — לויפן רופן די באָבע, וואָס האָט געוואוינט אין צווייטן עק שטעטל אין אַ הינטער-געסל. די מאַמע האָט זיך גענומען אַרויסלייגן פון עלקעס בעט די קישנס, אַנשטאָט וועלכע זי האָט אין בעט אַריינגעלייגט אַ סך שטרוי און איבערגע־דעקט מיט אַ לייוונטענער לײַלאַך. בלוט וועט זיך דאָך גיסן פון דער קינפּעטאָרין, — אַן עבירה איינריכטן די קישנס.

— עלקעלע, האַרץ מיינע, נשמה מיינע, — רעדט די מאַמע מיט אַ שטילער מוטערלאַכער שטימע, דורכגעדרונגען מיט טיף־האַרציקער ליבע און איבערגעבנקייט, — עלקעלע, גיי אום איבערן אַלקיר, גיך גיי, וועסטו זיך אַביסל צעטרייסלען, וועסטו גרינגער האָבן...

פאָלגט עלקע דער מאַמען, גייט הין און צוריק איבערן אַלקיר, און אַ ווילדער שרעק קוקט פון אירע אויגן...

אָפּט שטעלט זי זיך אַ ווײַלע אָפּ, מיט אויפגעהויבענע הענט שפּאַרט זי זיך אָן אָן דער וואַנט, ציט זיך און טרייסלט זיך מיט איר פאַרשטיקט וויינענדיקן קול: „מאַמעלע, אַי, מאַמעלע, מאַמעלע!!!...

טרייסט זי די מאַמע מיט אַ ווייכן שטילן קול פון אַן איבערגע-

שראַקענער מוטערלאַכער האַרץ: „שרעק זיך ניט, טאָכטער מיינע... גאָט וועט העלפֿן, וועסט געבוירן בשלום... באַלד וועט קומען דבורה די באָבע... שטאַרק זיך, טאָכטער מיינע. דיין זיידע עליו השלום איז געווען אַ צדיק אַ איד, — ער וועט פאַרן רבונו־של־עולם בעטן פאַר דיר..."

עלקע הערט דער מאַמעס שטילע מיטפילנדיקע תפילה־ווערטער און פילט זיך בעסער, גרינגער; זי זעט דער מאַמעס טרערנדיקע אויגן און פאַרשטייט... אונאויסדריקלאַכע פרייד דרינגט דורך עלקעס האַרץ און נשמה. באַלד וועט זי אויך זיין אַ מאַמע, אויך שטאַרק, שטאַרק ליב האָבן דאָס קינד... און משה — ער איז אינגאַנצן שול־דיק... זיין צוגעבונדנקייט צו איר וועט ווערן שטאַרקער...

מיד ווערט עלקע, אַרומגייענדיק איבערן אַלקיר. זי לייגט זיך אין בעט און איקעט, קרעכצט, גיט זיך אַלע ווייַלע אַ מוראדיקן קוועטש מיט אַ ווילדן געשריי: „אַי!... מאַא־מע!!!"

און שטיל, ווייך־ציטערנדיק רעדט די מאַמע, דאָס מ׳דאַרף זיך ניט שרעקן. זי האָט אויך קינדער געבוירן, און אַלע ווייבער האָבן קינדער, — גאָט וועט פירן בשלום.

אַ פאַרסאַפּעטע איז די אַלטע דבורה — די באָבע — געקומען און זיך גענומען דרייען אַרום דער יולדת: אונטערגעלייגט איר בעסער די קישן צוקאָפּנס, אונטערגעשפּרייט באַקוועמער די שטרוי, געלאָפן און געבראַכט אַ פלעשל, אַ ליידיקע פלעשל, די יולדת זאָל אין איר בלאָזן מיט אַלע כוחות, כדי דאָס האָבן זאָל זיין גרינגער.

מיט ביידע הענט האַלט עלקע דאָס פלעשל און בלאָזט אין איר, אין אינווייניק, מיט די לעצטע כחות. עלקעס פּנים ווערט ווי פאַר־שוואָלן, די אויגן צועפּענען זיך ברייטער און קוקן אומבאַוואוסטזי־ניק, ווילד, ניט זעענדיק פאַר זיך גאָר ניט...

ווערט זי מיד, רייסט זי אָפּ די הענט מיטן פלעשל פונ׳ם מויל און הערט אויף בלאָזן, — שרייט די באָבע מיט אַ קול, וואָס גייט, דאַכט זיך, פון איר אַלטן קאָפּ דורכן פאַרשימלטן נאָז און איז פאַרט דורכגעדרונגען מיט איבערגעבנקייט: „וואָס, שוין זיך איינגעמאַ־מערט?! מאַך זיך ניט נאַריש... נעם דאָס פלע־של און בלאָ־אָז!..."

פון דער באָבעס האָבן זיך געשאָטן טרייסט־ווערטער: ניטאָ זיך וואָס צו שרעקן... אָט האָט רבקה פעשע־רייזעלס, נאָך גאָר אַ קינד, אינגאַנצן אפשר אַלט אַ יאָר זעכצן, מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק גע־

בוירן אַ מיידעלע אַ בריליאַנט, געהאַט זייער אַ גרינגן האָבן — הלוואי אַף אַלע אידישע טעכטער געזאָגט געוואָרן... כ'ווייס וואָס, עפּעס אַן אָנשטעל — די ערשטע יולדת אַף דער וועלט... נישקאָשע, נישטאָ וואָס צו מורא האָבן... נו, ריר זיך, עלקעלע, קוועטש זיך אונטער אביסל, וועסטו האָבן גרינגער און גיכער...

אָפּטער ווערן עלקעס קרעכצן, אָנגעשטרענגטער איר קוועטשן זיך, ווי זי וואָלט וועלן אַרויסשפּאַרן פון איר בויך אַ טויזנט־פונטיקע משא, וואָס צעשפּאַרט איר די זייטן...

פּלוצלינג האָט זיך אַ לאַנגער ווילדער, בהמה'שער געשריי פון ווייטאָק אַרויסגעריסן, דאַכט זיך, פון אונטער איר האַרץ; פיס און הענט האָבן באַ איר מאָדנע אַ צאַפּל געטאָן און זיך צונויפגעבויגן, און איר בויך האָט זיך אַזוי אָנגעשטרענגט, וועלנדיק צעשפּאַרן זיך און פּטור ווערן... — „מאַ־אַ־אַ־מע! גוואַ־אַלד, איך שטאַרב!!!...“

מיט אימפּעט איז די מאַמע צום בעט צוגעלאָפן, שטאַמלענדיק: „רבונו־של־עולם, העלף... טאָכטער מיינע, האָב גאָט אין זינען... ער איז אַ דערבאַרמדיקער... דו וועסט אם־ירצה־השם לעבן און זיין אַ מאַמע...“

געשוויגן האָט אויך ניט די באָבע דבורה: געזעדט, דערציילט, דאָס אַלע ערשטלינגען שרעקן זיך און מאַכן אַן אָנשטעל, ווי קליינע קינדער; דאָס זינט זי איז אַ באָבע, האָט זי זיך שוין אָנגעזען אַלערליי קינפּעטאָרינס, — און גאָרניט, גאָט העלפט.

משה איז געשטאַנען אין צווייטן אַלקיר באַם טיש פאַר אַ חלב־ליכטל און געזאָגט געשמאַק תהלים, מתפּלל געווען פאַר גאָט, ס'זאָל אַלץ דורכגיין בשלום. דערהערנדיק עלקעס מורא'דיקן געשריי, האָט ער לכתחילה ניט דערקענט איר קול, — אויסגעדוכט האָט זיך אים, דאָס אין צווייטן אַלקיר שרייט אַ בהמה, און געוואונדערט האָט ער זיך, ווי קומט עס...

נאָר דערמאָנט האָט ער זיך באַלד, דאָס עלקע גייט צוקינד, און דער מורא'דיקער בהמה'שער קול פון ווייטאָק איז עלקעס קול... אַ פּחד איז אָנגעפאַלן אַף אים, און האַסטיקער, מיט מער האַרץ האָט ער זיך גענומען זאָגן תהילים, מכוון זייענדיק בשעת מעשה עלקעלעס ווייטאָקן.

אויפגעשטאַנען איז אויך דער שווער, עלקעס טאַטע, און געזאָגט תיקון־חצות, ווי אַלע נעכט, נאָר שטילער און מיט מער כוונה.

עלקעס געשרייען זיינען געוואָרן אַלץ אָפּטער און האַרץ־רייסנ־דיקער; אַלץ שנעלער און דערשראָקענער איז משה׳ס תהלים-זאָגן געוואָרן; שטילער און כוונה׳דיקער האָט זיך דער תיקון־חצות פון על־קעס טאַטנס האַרץ געצויגן...

א אינגל האָט עלקע מיט מזל געבוירן.

ס׳איז געווען א פּריילאַכער בן-זכר און אַן איינגעגעבענער ברית. אליהו חנה־פייגלס אליין, דער שטעטלדיקער גביר, וועלכן מ׳האָט געשאַצט אפשר אין א רובל פיר-פינף טויזנט, אַן עזות-פּנים און א פלינקער מוהל, האָט גע׳מל׳ט דאָס קינד, — וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר א כבוד צווישן די אָרימע מענטשן.

אזוי האָט אָנגעהויבן עלקע געבוירן קינדער.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אינ׳ם משך פון א יאָר אכט האָט עלקע געבוירן פינף קינדער — פיר אינגלאַך און א מיידל, — נאָכדעם האָט זי זיך אָפּגעשטעלט אויף עטלאַכע יאָר, שוין זיך כמעט מיאש געווען פון צו האָבן, נאָר אומ־גערעכט איז זי ווידער טראָגעדיק געוואָרן און געבוירן א גאַנצן צווילינג, — ווידער צוויי אינגלאַך אוןביידע זיינען געבליבן לעבן, וואַקסנדיק געזונטע קינדער.

משה, עלקעס מאַן, האָט שוין לאַנג אויפגעהערט זיצן אין בית־מדרש איבער דער גמרא, געוואָרן א קצב, ווי זיין טאַטע, און, ווי אַלע קצבים פון שטעטל, פלעגט ער זיך אַרומטראָגן איבער די באַלע־באַטישע הייזער מיטן קאָשעק פלייש און איינריידן די יענטעס מיט די ביילעס, דאָס זיין פלייש איז מחייה נפשות, ממש עוף, ענדיק. אין פיל הינזיכטן איז ער, משה, געווען אן אויסנאַם פון אַלע קצבים: ער פלעגט ניט ליב האָבן, ווי זיי, זיך אַלע ווײַלע שווערן אויף נאמנות ביי באָרד און פּיאות, דאָס ער קאָן ניט וועלוועלער פאַרקויפן די פלייש, אָדער דאָס ערשט נעכטן אין אָוונט האָט מען געקוילעט א יונגע בהמה, — מ׳פלעגט פון אים נאָר הערן: „כ׳לעבן, וואויל פלייש, וואויל פלייש, עוף פשוט עוף, ענדיק... מחייה נפשות...“ און עפּעס מאָדנע, אַלע ווייבער האָבן צו אים געהאַט מער צוטרוי, ווי צו די אַנ־דערע קצבים.

שבת אין שול פלעגט משה קומען אָנגעטאָן ממש ווי אַן אײדעלער באַלעבאָס, אין אַ שוואַרצן קאַנגורענעם לאַנגן סורדוט, אַפן קאָפּ אַ נידעריקע ברייטע סאַמעטענע היטל, פון אונטער וועלכער ס'האָבן זיך ביי די זייטן ארויסגעשלאַנגלט איבער די באַקן שוואַרצע געגרייזלטע פּיאות. הינטן, פון צווישן דעם לאַנגן סורדוט-שפּאַלט, האָט ארויס-געשטעקט אַן עק פון אַ רויטן נאָז-טיכל. לעם דער רויט-געלער באַנק, אַן אַרשין צוויי פון מזרח-וואַנט איז געווען זיין אָרט. פלעגט משה אויסשטיין אַ גאַנצן דאַוונען לעם באַנק אַף די פיס, מתפּלל פלעגט ער זיין ניט ערגער פונ'ם רב: האַלטנדיק צוגעמאַכט די אויגן; שאָק-לענדיק דעם קאָפּ אַראָפּ און אַרויף, רעכטס און לינקס; פאַרשטעקט די פינגער פון איין האַנט צווישן דעם שוואַרצן גאַרטל און קאַנגורע-נעם שוואַרצן סורדוט, מיט דער צווייטער האַנט דרייענדיק, גלעטנדיק און קנייטשנדיק די שוואַרצע צווייזשפּיציקע בערדל; אָפּטמאָל אויפ-געריסן די אויגן, פאַרגלאָצט זיי און ווידער פאַרמאַכט, נעמענדיק מיט מער אימפּעט זיך שאָקלען שוין מיטן גאַנצן קערפּער, טרייסלענ-דיק בשעת-מעשה, די רעכטע האַנט אין דער לופטן, ווי ער וואָלט געוואָלט אָנוואַרפן אַ פּחד אַף די אַפּיקורסים און שרייען אַף זיי: גוואַלד! וואָס מאַכט איר זיך אַליין אומגליקלאַך און גלויבט ניט אין דער השגחה עליונה, ווען ס'איז קלאָר, קלאָר ווי דער טאָג, דאָס אַן השגחה טוט זיך ניט קיין מינדסטע זאַך...

עלקע פלעגט זיצן אין דער ווייבערשער שול אין מערב-וואַנט, צווישן אַלע אָרימע ווייבער. איר האַרץ פלעגט זיך ציען, ציען צו דער מזרח-וואַנט, וואו אין דער הויך, אונטער דער סטעליע, זיינען געווען לעכער, דורך וועלכע די באַלעבאַטישע ווייבער פלעגן אָפּט אַריינקוקן צו די מאַנסבילן — זען, וואָס טוט זיך דאָרט, הערן וואו האַלט דער חזן. ווי האָט עלקע געוואָלט צוגיין צום מזרח-וואַנט, כאַפּן דורך אַ לאָך אַ קוק אַף איר משה'ן און אַ שעפּ טאָן נחת. געוואוסט האָט זי גוט, דאָס אפילו די בכבוד'יקסטע בעלי-בתים באַציען זיך צו איר משה'ן ניט ווי צו אַ פּשוט'ן קצב, נאָר ווי צו אַ פרומען אידן וואָס קאָן גוט לערנען.

איבערהויפּט פלעגט עלקעס האַרץ אָנקוועלן שבת נאָכן וואַרמעס, ווען משה, דורכשלאָפנדיק זיך אַ שעה אָנדערהאַלבן, פלעגט זיך זעצן לערנען גמרא אַפן קול מיטן אייגענעם ניגון, וואָס איר טאַטע עליו-השלום פלעגט לערנען, — און באַם צווייטן עק טיש זיינען געזעסן

איר עלטערער זון, אברהמ׳על — א אינגעלע פון א יאָר עלף, מיט א וואויל קעפל — און דער ניין־יאָריקער יחיאל׳קע, און פלעגן איבער׳חזר׳ן, וואָס זיי האָבן געלערנט א גאנצע וואָך באם נייעם מלמד.

נאָך מיט עטלאכע יאָר צוריק, כמעט אין איין יאָר, זיינען על־קעם עלטערן געשטאָרבן, און משה איז געבליבן איר איינציקער באַ־שיצער אין לעבן.

— ת-נו ר-ב-נן!... — פלעגט זיך צעגיסן משה׳ס גמרא־ניגון, ווי איר טאַטנס עליו־השלום, נאָר פייכטער און ווייניקער הייזעריק... אברהמ׳עלעס און יחיאל׳קעס קול׳כעלאך קלינגען זיס־הילכיק, ווי פלייט־מענער אין פעלד אין א שטילער ווארימער זומער־נאכט. עלקע זיצט באם פענצטער, לייענט דעם טייטש־חומש, און איר נשמה שוועבט איבער די בערג און טאָלן פון יהודה... ת-נו רב-נן!... האָבן די רבנן געלערנט!... צעגיסט זיך איבער איר גאנצער נשמה משה׳ס קול, — און זי דערמאָנט זיך אָן איר טאַטן, אָן דער מאַמען, מיט וועלכער זי פלעגט זיצן הינטער דער רובע און פליקן פעדערן, — אָן די קינ־דערשע יאָרן, ווען זי פלעגט שפילן לעם שטעלכען הינטערן הייזל מיט אירע חבר׳טעס אין ביינדלאך און שטיינדלאך... וואו איז דאָס אַלץ פארשוואונדן?... איין משה האָט זיך איר אָפגעשטעלט... א דאנק גאָט... א גוטער מאַן... ניטאָ וואָס צו זינדיקן... און קינדער־לאַך... א דאנק גאָט, א דאנק גאָט... זאָל קיין בייז אויג ניט שאַדן...

דאָס לעבן טוט זיך זיינס... די קינדערלאַך וואקסן אונטער. מ׳דאַרף א קלער טאָן וועגן א שטיקל תכלית. אברהמ׳לען איז שוין דער פופצנטער יאָר. — שוין צייט אים אויסלערנען א מלאכה, ער זאָל קאָנען פאַרדינען א שטיקל ברויט. א פרומער איד א למדן איז משה, אָבער דאָך א קצב, וואָס איז ניט בכח לאָזן זיינע קינדער וואקסן ליידיק-גייערס, ס׳איז שוין ניט די יאָרן, — ס׳פּאַסט נאָך אפשר פאַר באַלעבאַטישע קינדער...

רייסט מען אָפּ אברהמ׳לען פון דער תורה און מ׳גיט אים אוועק צו מענדל דעם שניידער לערנען זיך שניידעריי...

אין א יאָר ארום גיט מען אָפּ צום אייגענעם שניידער אויך דעם קלענערן, יחיאל׳קען.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ יאָר נאָך אַ יאָר — די קינדער ווערן אַלץ גרעסער; לערנען זיך אויס אַלץ בעסער די אַרבעט; נעמען שוין ווער דריי, ווער צוויי רובל אַ וואָך און קלייבן אַ גראָשן צו אַ גראָשן; גיבן אָפּט פּאַר אַ יום־טוב, ווען ס׳איז נויטיק אַ סך געלט, עטלאַכע רובל דער מאַמע אויף איינקויפן אַלץ וואָס מ׳באַדאַרף לכבוד יום־טוב.

כמעט אַלע קינדער עלקעס זיינען געוואָרן בעלי־מלאכות. אויך די בת-יחידה האָט געאַרבעט באַ חאַסיען דער נייטאָרין פאַר צען גילדן אַ וואָך, אַרבעטנדיק פון באַגינען-צו-טאָגן ביז שפּעט באַנאַכט, — און פאַר אַ יום-טוב טוט זי זיך אפילו ניט אויס, שלאָפט אין קליידל, מ׳טאָר קיין סך ניט שלאָפן: חאַסיע די נייטאָרין איז גוואַלדיק פאַרוואָרפן מיט באַלעבאַטישע אַרבעט, און יעדערער פאַר־דערט פּאַרטיק מאַכן זיינס וואָס גיכער...

אַ יאָר נאָך אַ יאָר — אַ סך האָט זיך שוין אומגעביטן אין עלקעס לעבן. אברהמ׳ל האָט שוין חתונה געהאַט — גענומען אַ ווייב אַ היינט-וועלטיקע, איבערגעקליבן זיך אין אַ באַזונדערע דירה און פאַרדינט קוים־קוים צום לעבן. גאָלדע, אברהמ׳לס ווייב, איז מיידלווייז געווען אַ דינסט באַם אַפּטייקער און האָט זיך אָנגעשמעקט מיט נייע מנהגים און קלערונגען פון דער נייער וועלט. זי האָט שוין ניט גע-טראָגן קיין פּאַריק און האָט אָפּט געלאַכט פון די פליאַסקעדריגעשע אידן. זי האָט איינגערעדט אברהמ׳לען פאָרן קיין אַמעריקע, וואָרום דאָ וועט מיט דער צייט ניט זיין וואָס צו עסן.

ניט זייער צופרידן איז עלקע געווען פון דער שנור. נאָר אברהמ׳ל האָט זי ליב געהאַט און איז גרייט געווען פאַר איר גיין אין פייער און אין וואַסער. שפּעטער האָט ער כמעט אויפגעהערט גיין צו די עלטערן, — גאָלדע פלעגט אים ניט לאָזן.

געקריינקט האָט עלקעס מוטערלאַכע האַרץ: — ס׳טייטש, אַ פרעמדע זאָל זיין טייערער פון אן אייגענער מוטער! נאָר וואָס האָט זי זיך געקאָנט העלפן... אברהמ׳ל האָט פאָרט ליב געהאַט בעסער גאָלדען, — זאָל אים גאָט מוחל זיין...

און נאָך אַ גרעסערע צרה האָט זיך אַרויפגערוקט אויף עלקעס מיט משה׳ס קעפּ, — מ׳האָט צוגענומען יחיאל׳קען אין סאָלדאַטן.

טיפע טונקל־געלע קנייטשן האָבן זיך באַלייגט איבער עלקעס איינגעפאַלענע באַקן; עפּעס מאָדנע טרויעריק האָבן אָנגעהויבן קוקן אירע אויגן.

משה איז אביסל איינגעהויקערט געוואָרן. גייענדיק איינמאָל פון דאָרף און שלעפנדיק נאָך זיך אַף אַ שטריקל אַ ביקל אַן עקשן, וועלכער האָט זיך, ווייזט אויס, בשום אופן ניט געוואָלט שיידן מיטן דאָרף, אין וועלכן ער און זיין מאַמע און זיין באָבע זיינען געבוירן און געוואָקסן, — און אפשר האָט געפילט דער ביקל, דאָס מ'פירט אים צו דער שחיטה, — האָט ער, משה, זיך איינגעמאַטערט און צוגעקילט. אַ נאַסער קאַלטער הערבסט־טאָג איז דעמאָלט געווען. משה האָט באַקומען אַ הוסט, דעם אמת'ן הוסט.

טרויעריקער זיינען געוואָרן די בליקן פון עלקעס אויגן, — עפּעס האָט איר דאָס האַרץ געזאָגט, דאָס דער הוסט איז ניט קיין פּשוט'ער...

— ת־נו ר־ב־נן!... האָבן די ר־ב־נן גע־לע־ערנט!... — פלעגט משה שבת נאָכן מיטאָג־שלאָף ווייענדיק זינגען מיט אַ הייזעריקן ניגון, וועלכער האָט שוין אָפּגעקלונגען אין עלקעס אויערן, ווי דער סלונג פון אַ צעשפּאָלטענעם טאָפּ. זי פלעגט זיך דערמאָנען אָן איר טאַטנס קול די לעצטע פּאָר יאָר פאַרן טויט... פונ'ם הוסט איז איר טאַטע פון דער וועלט אַוועק... און משה?...

משה איז אויך פונ'ם הוסט געשטאָרבן. ווי אַ חלום איז ער פאַר־שוואונדן פון אירע אויגן... ליכט אין קופּערנע לייכטער ברענען אַף דער פּאָדלאָגע... אין מיטן אַלקיר ליגט עפּעס לאַנגס מיט שוואַרצן באַדעקט... וואָס איז דאָס? איר משה?... ניין, ס'קאָן ניט זיין!... אַ פולע שטוב מיט ווייבער, מיט מאַנסבילן. בונעם דער חברה־קדישא שמש, מיט אַ לאַנגער גרויער באָרד און צוויי אויגן, ווי באַם מלאך־המות... וואָס טוט ער דאָ?!... ווענען איז ער געקומען אַוועקנעמען אַפן בית־עולם?... זי, עלקע, הערט ווי איר האַרץ שרייט, וויינט: אַף ווענען האָסטו מיך איבערגעלאָזט?! נעם מיך אויך מיט זיך!... משה! מ־משה!... און וואָס שרייט זי, וויינט?! וואו איז משה?! ניטאָ משה'ן!... אַף דער פּאָדלאָגע ליגט עפּעס משונה'דיק־לאַנגס, מיט שוואַרצן באַדעקט... דאָס איז ניט משה!... ניט משה!!!...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָך אַ קורצע צייט פאַר משה'ס טויט איז עלקע במעט אָן קינדער געבליבן. זי האָט געוואוסט, דאָס אַלע אירע זין זיינען ערגעץ ווייט,

ווייט אין אַמעריקע... אין אַמעריקע... איר מוח האָט גאָר ניט משיג געווען, וויפיל מייל איז פון שטעטל ביז אַמעריקע... געוואוסט האָט זי, דאָס מ׳פאָרט איבער אַ ים... עמיצער האָט איר געזאָגט, אַז דאָס איז ערגעץ אונטער דער ערד... געוואָלט האָט זי פאַרשטיין, וואָס הייסט אונטער דער ערד, — דאָרט איז דאָך וואַסער און וואַסער... נאָר צו טיפע חקירות איז זי ניט פייאיק געווען, איז בא איר פאַרבליבן אַ קשיא...

איר איינציקע טאָכטער, ביילקע, איז אין דער היים פאַרבליבן,— נאָר כמעט קיינמאָל האָט מען זי ניט געזען. גאַנצע טעג האָט ביילקע גענייט באַם שניידער, וואָס האָט געאַרבעט פאַר די שענסטע באַלעבאַטישע הייזער. ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט זי זיך אַרומגעשלעפּט מיט שוסטער־און שניידער־יונגען, פאַרגעסנדיק, דאָס איר טאַטע און זיידע זיינען געווען למדנים און פרומע אידן, — ס׳איז שוין ניט געווען די אַמאָליקע וועלט, עלקע האָט איר גאָרניט געזאָגט, — וואָס האָט זי געקאָנט זאָגן אַ טאָכטער, וואָס האָט פאַרדינט אַליין אפשר פיר רובל אַ וואָך און האָט טאַקע אונטערגעהאָלפן דער מאַמע. מ׳שטיינס געזאָגט, וואָס האָט עלקע פאַרדינט פון פליקן פעדערן און עטלאַכע גענז, וואָס זי האָט געהאָדעוועט זומער און געקוילעט ווינטער אָפּ צו פאַרקויפן, — אַ רובל פופצן-צוואַנציק אַ יאָר, — טאָ פון וואָס וואָלט זי געלעבט, ווען ניט די טאָכטער?... אַריינגעלאָזן האָט זי די לעצטע עטלאַכע יאָר אַ שכן אין איין אַלקירל פאַר פופצן רובל אַ יאָר, איז אוועק כמעט דאָס גאַנצע געלט אָפּ באַהייצן און באַלויכטן די הייזל.

האָט עלקע איר טאָכטער גאָרניט געזאָגט, — אָבער אין הארצן איז איר שטאַרק פאַרדראָסיק געווען, דאָס איר ביילקע האָט זיך אַרומגעשלעפּט מיט שוסטער-יונגען, וואָס האָבן ניט געוואוסט קיין צורת אלף... וואָס האָבן, אפשר, ניט געגלויבט אפילו אין גאָט.

איינמאָל האָט זי געזען עטוואָס שרעקלאַכעס פון איר ביילקען, איר מוטערלאַכע הארץ האָט זיך שיר צעריסן, — דאָך איז זי דעמאָלט שטום געבליבן און גאָרניט געזאָגט.

געטראָפן האָט זיך דאָס זומער. אַ זייגער איינס באַנאַכט איז זי עפּעס אַרויס פון הייזל, — זי געדענקט שוין ניט צוליב וואָס. אַ וואַרימע אויסגעשטערנטע ליכטיקע נאַכט איז דאַן געווען. אָפּ דעם שכנ׳ס ברעטער אין הויף באַם פאַרקאַן האָט זי דערזען איר ביילקען

מיט אַרקע דעם שוסטער, — און איז שיר ניט אין חלשות געפאַלן...
אַנטלאָפן איז דער שוסטער-בחור; ביילקע האָט זיך אויפגעזעצט, געבראַכט אין אָרדנונג איר קליידל און איז געבליבן זיצן אויף די ברעטער. מיט אַ וויינענדיקער צעבראָכענער שטימע האָט זי עלקען אין שטוב אַריין גערופן, — נאָר ווי קוילן האָבן אין דער מאַמעס האַרץ געשאָסן ביילקעס ווערטער: „גיי, גיי אין שטוב, גיי שלאָפן! איך וויל נאָך זיצן אַביסל אין דרויסן!...
אוועק אין שטוב, זיך אין בעט געלייגט, און ברענענדיקע טרערן האָבן זיך געגאָסן איבער די לאַנגע טיפע קנייטשן פון איר פּנים.
זי איז ניט געשלאָפן... געהערט האָט זי, ווי שפּעט אין דער נאַכט איז ביילקע אַריין אין אַלקיר און אָנגעהויבן זיך אויסטאָן.
— ביילקע... — האָט זי ווייך, ווי אַ קראַנק קינד, אַ זאָג געטאָן.
נאָר ווידער האָט ביילקע אַ צערייצטע געענטפערט:
— אָבער שלאָף דאָרט! עס נעמט זי גאָר קיין שלאָף ניט!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָך עטלאַכע יאָר זיינען אַוועק. ביילקע איז שוין אויך אַוועק־געפאָרן אין אַמעריקע. וואָס האָט זי געזאָלט אַנדערש טאָן? אַלע שטעטלדיקע שניידער־און־ שוסטער־בחורים זיינען אַוועקגעפאָרן אין אַמעריקע... קיינער האָט ניט געוואָלט חתונה האָבן... האָט זי באַקו-מען בריף פון די ברידער: טייערע שוועסטער-לעבן! וואָס וועסטו אויסזיצן אין דער קליינער שטעטל?... פאָר צו אונז.. דאָ וועס־טו פאַרדינען געלט און „מאַכן אַ לעבן"... חתנים זיינען אויך דאָ... זיי ניט קיין עקשנ'טע און פאָר אַהער.." און אַזוי ווייטער.
אַליין איז עלקע געבליבן... עלנט ווי אַ שטיין... פאַרגעסן האָבן אָן איר אַלע אין שטעטל, קיינעם האָט זי ניט אינטערעסירט.
אַמאָל האָט זי באַקומען פון די קינדער אַ „לעטער" מיט עטלאַכע רובל, — נאָר איר האַרץ איז געבליבן פאַרקלעמט, ווי שטענדיק. זי איז אַריין צום שכן און אים געבעטן איבערלייענען דעם בריף פון אַמעריקע. לייענט דער שכן און עלקע הערט, שווייגט, קוקט מיט טריבע, קראַנקלאַכע אויגן אויף דעם שכנ'ס הענט, וועלכע האַלטן אירע קינדערס בריוו און שווייגט...

— טייערע מאַמע! — האָבן די קינדער געשריבן, — מיר געפינען זיך גאָט צו דאַנקען אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס זעלביקע פון דיר צו הערן... מיר מאַכן דאָ גוטע „ביזנעס“ און דאַנקען אַלע טאָג גאָט, וואָס מיר זיינען שוין אין אַ פרייער לאַנד.ביילקע וועט שוין באַלד ווערן אַ כלה טאַקע מיט שמעריל דוד-משה׳ס פון אונזער שטעטל, וועלכער מאַכט דאָ אין אַמעריקע אַ לעבן ניט ערגער פון אייערע באַלעבאַטים...

און נאָך, און נאָך האָט געלייענט דער שכן. עלקע האָט געהערט און געשוויגן. זי האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס ס׳טוט זיך מיט איר... פון: וועמען אַ בריף?... פון די קינדער?... פון וועמעס קינדער?... פון אירע?... האָט זי דען געהאַט קינדער?... ווען איז דאָס געווען?...

ביילקע וועט באַלד ווערן אַ כלה... ערגעץ אונטער דער ערד... די מאַמע וועט אפילו ניט הערן קיין קלעזמער באַ איר איינציקער טאָכטער אַף דער חתונה...

עלקע האָט שוין ניט געהערט ווי דער שכן לייענט די בריוו. זי האָט זיך דערמאָנט אָן איר טאַטע-מאַמע מיט משה׳ן, וועלכע זיינען געשטאָרבן און פאַרגעסן זי מיטנעמען מיט זיך... וואָס טוט זי אַף דער וועלט?... ווער דאַרף זי?... געווען אַ טאַטע — געשטאָרבן; אַ מאַמע — געשטאָרבן; געווען אַ מאַן — משה האָט ער געהייסן — געשטאָרבן! קינדער געווען — אברהמ׳לע, יחיאל׳קע, ביילקעלע און נאָך... — ניטאָ מער.

— עלקע! — האָט איר איבערגעשלאָגן די געדאַנקען דער שכן, וועלכער האָט פאַרענדיקט לייענען דעם בריף — עלקע! — האָט ער געזאָגט מיט אַ פריילאַכן שמייכעלע פון אַ גוטן פריינט — אפשר וועט איר שבת מכבד זיין מיט אַ טרונק בראָנפן? כ׳לעבן, ביילקע ווערט איינגיכן אַ כלה און אייערע קינדער לעבט זיך אַ דאַנק גאָט זייער גוט, — כ׳לעבן, איר זייט אַ גליקלאַכע מוטער...

— יאָ, אַ גליקלאַכע... — האָט עלקע געזיפצט — אַ דאַנק אייך, וואָס איר האָט מיר דעם בריף איבערגעלייענט. גאָט זאָל אייך געבן אַלדעס גוטס. וואָס איז מיין לעבן?... — האָט זי געשאָקלט איר אַלטן קאָפּ אַפן איינגעהויקערטן קערפּער — געהאַט קינדער און ניטאָ... ווען מיין משה זאָל לעבן...

און ווינטשנדיק דעם שכן מיט אַ זיפץ „אַ גוטן טאָג“, איז זי שטיל אַרויס.

האָט זיך געפּלאָגט עלקעס פאַרקלעמטע נשמה און גע׳טענה׳ט צום רבונו-של-עולם: פאַרוואָס פייניקט ער זי אַף דער וועלט?... זיינען דען אירע טאַטע־מאַמע ניט געוועזן ערלאַכע, גאָטספאָרכטיקע אידן?... האָט זי דען זיי ניט אָפּגעגעבן קיין כבוד, ווי גאָט האָט געבאָטן?... און איר משה?... א למדן, א פרומער... האָט זי דען אים ניט אָפּגעהיט, ווי דעם שוואַרצאַפּל פון אויג, טוענדיק שטענדיק זיין ווילן, ווי ס׳פּאַסט פאַר א אידישע טאָכטער?... פאַרוואָס האָט זי גאָט גע־שטראָפט?... פאַרוואָס זיינען אירע קינדער דערוויייטערט געוואָרן פון איר ערגעץ אונטער דער ערד און איבערגעלאָזט זי פּלאָגן זיך איינע אַליין אַף דער ערד?...

האָט עלקע קשיות געפרעגט באַם רבונו־של־עולם און געגאַנגען אַלע באַגינען-צו-טאָגן דאַווענען...

אינ׳ם האַלב-שאָטנדיקן פאַרשימלטן אוויר פון דער ווייבערשער שול, האָבן זיך געשאָקלט לעבעדיקע שאָטנס און ווי גע׳סוד׳עט זיך מיט עמיצן, וועמען מ׳זעט ניט... דאָס האָבן עטלאַכע אַלטע פאַר׳חושכ׳טע ווייבער מתפלל געוועזן פאַר גאָט. עלקע איז געזעסן אין דער ווייבערשער שול באַם פענצטער לעם טיר, געקוקט אין סידור, שאָקלענדיק זיך לאַנגזאַם, שווער, הין און צוריק מיט איר אויבערשטן איינגעהויקערטן האַלבן קערפּער, און לאַנגזאַם באַוועגט אירע צע־קנייטשטע פאַרטריקנטע ליפּן.

דאָס איינציקע, וואָס איר האָט זיך אָפּגעשטעלט אין איר טויטן לעבן איז געווען — מתפלל זיין פאַר גאָט...

שטום איז געווען עלקעס תפילה... פאַרקלעמט די האַרץ און נשמה, פאַרשמאַכט... וואָס האָט זי געזאָלט בעטן באַם רבונו־של־עולם? מזל און פרנסה? — מ׳שטיינס געזאָגט, וואָסער פרנסה?... פון וועמענס וועגן?... געזונט, לאַנג לעבן? — צוליב וואָס?... ווער האָט זי באַדאַרפט?... גלאַט צוליב וואָס האָט זי געלעבט?... אבי פּלאָגן זיך?... קינדער האָט זי געהאַט — וואו זיינען זיי?... ניטאָ... אפשר ווען זי וואָלט זוכה געווען דורך די תפילות זען זיך מיט טאַטע-מאַמע און משה׳ן אין גן-עדן... ווען?... דאָס לעבן דערוויייל איז געווען אַזוי פינצטער, אַזוי שווער, אַזוי ביטער... שטום איז געווען עלקעס תפילה...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ גאַנצע וואָך זיינען עלקעס פאַרשימלטע געדאַנקען מיט עט־וואָס פאַרנומען געווען, און זי האָט געפילט ניט אַזוי שרעקלאַך, געקלערט ווינציקער וועגן איר לעבן. ווינטער־צייט האָט זי געפליקט פעדערן, וואָס זיינען איר געווען עפּעס ווי אייגענע, ווי גוטע פריינט, און האָבן, דאַכט זיך, אַף איר רחמנות געהאַט און גערעדט: „פליק אונז, עלקע, ציפּ, צערייס אונז אַף שטיקלאַך, אַבי ניט פיל זיך אַזוי פאַר'יתומ'ט... זומער־צייט האָט זי געאַרבעט אַ זאָק. פאַר וועמען?... וואָס מאַכט עס אוים?... פאַר קיינעם... זי האָט געאַרבעט און האָט ניט געפילט אַזוי שטאַרק דאָס נאַרישע לעבן...

אָבער אין די שבתים און ימים-טובים...

קיין מלאכה טאָר מען ניט טאָן, — און עלקעס פאַרשימלטע געדאַנקען זיינען געוואָרן עטוואָס לעבעדיקער און געקראָכן אָן אויפ-הער.

זיינען געקראָכן לאַנגזאַם עלקעס פאַרשימלט־טריבע געדאַנקען:

אַ קינד איז זי געווען. הינטערן הייזל לעבן שטעלכל מיט חבר'טעס אין שטיינדלאַך און ביינדלאַך געשפּילט, געלאָפן מיטן ליימענעם קריגל צום ברונען אָנשעפּן קאַלטע פרישע וואַסער און געטרונקען...

אַ מיידל איז זי געווען. הינטער דער רובע מיט דער מאַמע גע-זעסן און פעדערן געפליקט, — און די נשמה אירע האָט זיך געוויגט, גע'טובל'ט אין שטראָמען זיסע קולות פון איר טאַטנס און זיינע תלמידים'ס גמרא-געזאַנג. אין אירע אויערן האָט געקלונגען ערגעץ פון וייט, ווייט: „תנו ר-ב-נן... האָבן די רבנן געלערנט...“ — און איר אַלטע שוואַכע קאָפּ האָט זיך געשאָקלט שטיל, לאַנגזאַם... באַנאַכט פלעגט זי הערן דעם טאַטנס טרויעריק־זיסן תיקון־חצות...

זיינען געקראָכן עלקעס פאַרשימלט־טריבע געדאַנקען:

אַ יונג ווייבל איז זי געווען. אַ מאַן האָט זי געהאַט — משה האָט ער געהייסן — אַ פרומער, אַ למדן, מיט וועלכן זי פלעגט זיך אין די פינצטערע נעכט אין קליין אַלקירל פילן מחייה'דיק...

אין פלעשל געבלאָזן און קינדער געבוירן...

געזוינטן קינדער, געהאָדעוועט, אין חדר געגעבן. אַ גוט קעפּל האָט אברהמ'לע געהאַט, יחיאל'יקע — נאָך אַ בעסערן, און אַלע קינ-דער וואוילע געווען... ביילקעלע — אַ שיין מיידעלע — אַ ווייס פּנימ'ל, בלויע קיילאַכדיקע אויגעלאַך און אַ שטיל ווייך הערצעלע...

משה פלעגט שבת באַטאָג נאָכן שלאָף לערנען גמרא, ווי אַ רב...

שלעפנדיק פון דאָרף אַ ביקל אַף אַ שטריקל, האָט ער זיך איינגע־מאַטערט, צוגעקילט און אַ הוסט באַקומען... געהוסט, געהוסט און געשטאָרבן... שוין לאַנג, לאַנג... פינצטער איז געוועזן ארום... ליכט האָבן געברענט... אַ פולע הייזל מיט מענטשן, צווישן זיי אויך בונעם דער חברה־קדישא־שמש מיט אויגן פונ׳ם מלאך־המות... און עמי־צער אין איר האָט שרעקלאַך געוויינט, געיאָמערט, געשריגן: משה!... משה!!!...

וואָלט משה נאָך געלעבט...

האָבן זיך געצויגן קריכנדיק עלקעם טריבע געדאַנקען:

קינדער האָט זי געהאַט — וואו זיינען זיי?... ערגעץ אונטער דער ערד... ניטאָ קיין קינדער... איר איינציקעביילקע אַ וואו?... אַזוי פיל קינדער געהאַט, — און אפשר קיינער וועט נאָך איר קיין קדיש ניט זאָגן, — און זי וועט אפשר ניט זוכה זיין אפילו זיך זען מיט משה׳ן און טאַטע־מאַמע אַף יענער וועלט...

האָבן זיך געפּלאָנטערט עלקעם קריכנדיקע טריבע געדאַנקען:

אַ קינד איז זי געוועזן... שטיינדלאַך, ביינדלאַך מיט חבר׳טעם לעם שטעלכען... משה איז געשטאָרבן און איבערגעלאָזט זי פּלאָגן זיך אַף דער וועלט... געבוירן קינדער... ניטאָ קיינעם... וואָס איז אַזאַ לעבן, מה־אנו מה חיינו...

האָבן זיך געפּלאָנטערט עלקעם קריכנדיקע געדאַנקען און גע־צופּט, געצופּט איר פאַר׳חלש׳טע האַרץ. זי איז געזעסן באַם פענצ־טערל פון איר אַלקיר, און לאַנגזאַם געשאָקלט די אויבערשטע העלפט פון איר איינגעהויקערטן קערפּער, איבערן אָפענעם טייטש־חומש מיט די אַלטע אָפּגעקראָכענע בלעטער, אַף וועלכע ס׳זיינען גערונען שטיל אירע צוועקלאָזע טרערן...

וועלכע ס׳האָט קיינער ניט געזען, אויסער די צוויי ווינט־מילן, וואָס זיינען געשטאַנען אין פעלד פאַרצווייפלט, געקוקט פון ווייטן אַף עלקעם הייזל און געזען דורך די טריבע שייבלאַך עלקעם טרערן...

אין שטעטל האָט מען זי כמעט פאַרגעסן, קיינער האָט ניט גערעדט פון איר, קיינעם האָט זי ניט אינטערעסירט...

מאַניע

מיטן אָנקומען פון מאַי, ווען דאָס שמוציקע שטעטל מיט זיינע פאַרשימלטע הייזלאַך האָבן אָנגעהויבן איינזאַפּן אין זיך די יונגינקע, וואַרעמלאַך־ווייכע זון־שטראַלן — און, דאַכט זיך, געשמייכלט ווי אַלטינקע, אויסגעדאַרטע, קראַנקע באָבעס בא זייערע אייניקלאַך אַף שמחות, ווי איינער רעדט: זייט ניט קיין האַרטהאַרציקע און פּילט, דאָס אויך מיר פאַרגעמען אַ אָרט אין גאָטס וועלטל; אַמאָל יונג געווען און, ווען אין דער שטיל, ווען בפרהסיא, פון יוגנט-לעבן גע-נאָסן, און אויך איצט בענקען מיר נאָך לעבן, — פלעגט זיך אָנרוקן אַף מאַניע דער אַקושערקעס פּנים עפּעס אַ מין זאָרג, וואָס האָט גע־וועקט אין די הערצער פון אירע קרובים און גוטע-פריינט אַ טיפן רחמנות צו איר, און זיי האָבן זיך אָנגעהויבן באַציען צו איר, ווי עפּעס צו אַ קראַנקער: ווייך, פאָרזיכטיק, מורא האָבנדיק זי ערגערן און פאַרשאַפן איר יסורים.

אייגנטלאַך, איז מאַניע געווען אַ מיידל, וועלכע פלעגט זיין זייער גערן, ווען אין שטעטל פלעגט קומען אַמאָל צופאָרן אַ פּראַנט פון די כרכים, אַ יונגער פעלדשער אָדער אַ דאַנטיסט. זי האָט ליב געהאַט זיי געפעלן און ווערן מיט זיי קוצעניו-מוצעניו, — מהיכא־תיתי, פאַרוואָס ניט? מאַניע איז געווען אַ מיידל ניט קיין מיאוס'ע, מיט שיינע פּייכט-בלווילאַכע אויגן, איינגאַנצן אַלט אַ יאָר צוויי-דריי-און-צוואַנציק און האָט נאָך שטאַרק געוואָלט האָבן פאַרגעניגן אין לעבן. דערצו איז זי דאָך געווען אַן אַקושערקע און האָט פאַרנומען דאָס אָנשטענדיקסטע, בכבוד'יקסטע אָרט צווישן דער קליין-שטעטל-דיקער אינטעליגענציע. אידן און אידענעס האָבן פאַר איר דרך-ארץ געהאַט, און שלעכטע צינגער זיינען צייטנווייז אַנטשוויגן געוואָרן ניט-ווילנדיק.

אַ ווייך הארץ האָט מאַניע געהאַט, האָט זיך באַצויגן מיט אַכטונג צו אירע עלטערן, אויך צו איר זיידן און באָבען, כאָטש זיי זיינען שוין געווען אַלטע לייט, פון אַמאָליקער וועלט. זי איז אָפט געגאַנגען איבערן שטעטל צונויפנעמען נדבות אַף „לחם אביונים“, — און אין

אירע אויגן האָט שטענדיק געפינקלט אַ הארציקער שמייכעלע.

נאָר דאָס איז אַלץ געווען ביז מאַי. אין מאַי פלעגט מאַניע זיך ענדערן אינגאַנצן, — און פון אירע אויגן פלעגט קוקן אַזאַ הארץ־קלעמעניש, פּונקט ווי אין די אויגן בא אַ דאָרשטיקן אין דער מדבר, וועלכער איז ניט זיכער, אַז סוף־כל־סוף וועט ער געפינען אַביסל וואַסער, כדי זיין דורשט איינצושטילן.

— —

שוין אַ יאָר פינף איז מאַניע געווען ניט גלייכגילטיק צו באָריסן.

נעבאָרן און אויסגעוואַקסן איז באָריס אין איר שטעטל ביי אָרימע עלטערן. אַלט זייענדיק אַ יאָר זעכצן, איז ער אַוועקגעפאָרן אין שטאָט זיך לערנען. נאָך פיל ליידן הונגער און נויט איז אים געלונגען אריינ־טרעטן אין אַ מיטל־שול און באַפּוצן זיך מיט בלישטשענדיקע קנעפּ־לאַך.

ווען ער איז געקומען איינמאָל אַף יום-טוב צו גאַסט צו זיין אָרימער מוטער, — דער פאָטער זיינער איז געשטאָרבן מיט אַ קור־צער צייט פריער, ניט זעענדיק קיין נחת פון זיין זון, — איז ער אַלט געווען אַ יאָר ניינצן און געהאַט שייניקע וואָנצעלאַך.

מאַניע איז דעמאָלט געווען אַ מיידל פון אַ יאָר אַכצן מיט אַ פול־אַנטוויקלטן פרויען־קערפּער, ריין בלוילאַכע אויגן און געדיכטע, לאַנ־גע, בלאָנדע האָר. שטאַרק האָט זיך באַוועגט איר יונגע הארץ און אינסטינקטיוו געשטרעבט צו יוגנט-לעבן, — און דאָ איז ערשינען באָריס.

זי האָט שוין ניט געדענקט, ווי דאָס איז געשען, — נאָר זי האָט ניט געקאָנט פאַרגעסן יענע תמוז'דיקע לבנה-נאַכט, ווען, זיצנדיק גע־אָרעמט מיט באָריסן לעם בית־עולם, הינטערן שטעטל, און באַמערקנ־דיק אין זיינע אויגן אַ חיה'שן פייערל, איז זי פאַרצאַפּלט געוואָרן... און אַלץ פעסטער איז געוואָרן זיין דריקן זי, אַלץ חיה'דיקער — זיינע בליקן, אַלץ פאָדערנדיקער — זיינע זויגנדיקע קושן, אַלץ אומפאַר־שעמטער — זיינע הענט-באַוועגונגען איבער איר קערפּער, אַלץ שטאַר־קער האָט געקלאַפּט איר הארץ, אַלץ מער האָט געשווינדלט אין אירע אויגן... אַלץ האָט זיך געדרייט... געשטיקט זי... און איבער איר גאַנצן צאַפּלדיקן קערפּער האָט זיך צעגאָסן אַ פייער, וואָס האָט איר פאַר־שאַפט אַ טיפן וויטאָק-תענוג און פאַרברענט איר אומאָפּהענגיקייט...

פון יענער נאַכט האָט זיך פאַר מאַניען אָנגעהויבן אַ נייער לעבן.

זי האָט שטענדיק געדענקט וועגן באָריסן. גע׳טובל׳ט זיך מיט אים אונטער די ברייטע זומערדיקע הימלען, אפֿן פּרייען, דופּטיקן פעלד, אין הייסע שטראָמען פון יוגנט־לעבן. צייטנווייז האָט זי גע־קלערט וועגן אירע באַציאונגען צו באָריסן, וועגן זיינע שיינע וואָנ־צעלאָך און בלישטשענדיקע קנעפּלאָך, וועגן אירע חבר׳טעס, און זייער מקנא זיין איר גליק, — וועגן טאַטע־מאַמע און זייער ניט־צופרידנ־קייט מיט איר אויפפירונג, וועגן איר בעסטער פריינדין חנה, צו וועל־כער באָרים האָט זיך באַצויגן עפּעס אויך ניט גאָר גלאַטיק, נאָר פּאר וועלכער זי האָט כלל קיין מורא ניט געהאַט, ווייל יענע האָט בשום אופן ניט געקאָנט ווערן זיין כלה.

טיף־טיף אין הארצן האָט מאַניע געפילט, דאָס איר ליבע צו באָריסן איז געגרינדעט ניט אף די איינגשאַפטן פון זיין נשמה, אין וועלכע זי האָט דעמאָלט, אַלס ניט־אַנטוויקלטע מיידל, ניט געקאָנט בכלל זיך פאַנאַנדערקלייבן, — איר יונגער מיידלשער אינסטינקט האָט איר צייטנווייז אפילו אונטערגעזאָגט, אַז אין אים זיצט אַ גראָבע, פאַלשע נשמה, מיט פאַרדאָרבענע זיטן, און דאָס פאַרבינדן זיך מיט אים קאָן איר מיט דער צייט ברענגען פיל צרות און קלעמעניש אין לעבן, — נאָר זיינע שיינע וואָנצעלאָך מיט די בלישטשענדיקע קנעפּ־לאָך האָבן פאַנאַנדערגעטריבן, ווי אַ רויך, אירע ניט־אַנגענעמע גע־דאַנקען. זי האָט זיך איינגערעדט, אַז זי האָט אים ליב, זי דאַרף אים ליבן, ער דאַרף זיין אירער אף שטענדיק... זי וועט דאָס פון אים פאָדערן... זי האָט רעכט צו פאָדערן...

אַלץ ערנסטער איז געוואָרן איר איינריידן זיך; אַלץ שטאַרקער האָט זי געפילט, דאָס זי ווערט פון טאָג צו טאָג מער אָפּהענגיק פון באָריסן און פאַרלירט איר אייגענעם ווילן, טוט ניט־ווילנדיק זיין יעדן קלענסטן פאַרלאַנג און הערט אויף צו פילן דערנידערונג פון זיינע גרעבסטע און שמוציקסטע באַציאונגען צו איר קערפּער און פאַרבאָרגנסטע נשמה־שטרעבונגען...

אַוועק איז דער זומער. באָרים איז צוריק געפאָרן אין שטאָט לערנען. איבערגעבליבן איז מאַניע איינזאַם מיט אַ פאַרבאָרגענער מורא אין הארצן, דאָס באָרים זאָל אָן איר ניט פאַרגעסן.

האָט מאַניע געפירט אַ ביטערע מלחמה מיט אירע עלטערן, אי־בערהויפּט מיט דעם זיידן, וועלכער האָט שוין לאַנג געקלערט וועגן

אַ חתן פאַר איר, אום צו דערלעבן אור-אייניקלאַך, און וועלכער האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף אירע עלטערן, — ביז זי האָט באַקומען אַ דערלויבעניש פאָרן אין שטאָט באַזוכן אַקושער-קורסן.

זייער טרויעריק איז געוואָרן מאַניען דעם ערשטן מאָל אין שטאָט, דערוויסנדיק זיך, אַז זי איז ניט די איינציקע באַ באָריסן, און אַז זיינע שטענדיקע פאַרזיכערונגען אין שטעטל, דאָס ער ווייסט, אַחוץ איר, ניט האָבן קיינע נאָענטע באַציאונגען מיט אַנדערע מיידלאַך, זיינען געווען גראָבע ליגנס, — נאָר פילנדיק זיך מאַכטלאָז צו ווירקן אויף זיין אויפפירונג, האָט זי באַשלאָסן שווייגן, כדי ניט דערצאָרענען אים און אינגאַנצן ניט פאַרטרייבן אים פון זיך, וואָס ס'וואָלט באַדייטן פאַר איר — אָפּשטעלן זיך אין לעבן אָן אַ צוועק, אָן אַ ציל.

און פאַרמאַכנדיק די אויגן אויף דער ווירקלאַכקייט, האָט זי גע-גלויבט, געמאַכט זיך גלויבנדיק, אין איר ליבע צו באָריסן און אין זיין ליבע צו איר.

זייענדיק אַליין זייער אָרים, האָט באָרים אַרויסגעזען, אַז מאַניע קאָן אים, ווערנדיק אַן אַקושערקע, ברענגען מיט דער צייט פיל מאַטעריעלע נוצן, — און קוקנדיק אויף איר, ווי אויף אַן אָפּגעשלאָגענע „הושענא״ און אין זינען האָבנדיק שטענדיק גאָר אַנדערע מיידלאַך, האָט ער איר אָפט פאַרזיכערט מיט פאַלשע טרערן אין די אויגן, אַז ער האָט ליב נאָר זי און וועט אייביק בלייבן אירער. ווייִנען פלעגט זיך ווען מאַניען אין אַזעלכע מינוטן, זאָגן אים דעם אמת, וואָס זי דענקט וועגן זיינע נאָענטע באַציאונגען מיט אַנדערע מיידלאַך — אָבער מורא האָבנדיק, דאָס דער ביטערער אמת זאָל ניט פאַרטרייבן אים פון איר און צעשטערן איר גאַנצע האָפנונג-וועלטל, וועלכע זי האָט באַשאַפן אין אַ משך פון עטלאַכע חדשים מיט אַזוי פיל מי און מסירת-נפש, — האָט זי געגלויבט, געמאַכט זיך גלויבנדיק אין זיינע פאַרזיכערונגען און דערפילט אַלע זיינע פאָדערונגען.

האָבן איר די עלטערן געשיקט געלט צום לעבן, האָט זי אָוועקגע-געבן אַ טייל באָריסן. צייטנווייז האָט זי אים אָפּגעגעבן דעם לעצטן רובל און אַליין געליטן נויט.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

מאַניע האָט געענדיקט די אַקושער-קורסן. אויסגעמאַטערט, אָפּ-

געשוואכט איז זי צוריקגעקומען אין שטעטל צו די עלטערן, וועלכע זיינען אין הארצן זייער צופרידן געווען מיט דעם, וואָס זייער טאָכ-טער איז אַן אַקושערקע געוואָרן, און האָבן גע׳דאגה׳ט וועגן איר גע-זונט. געמיינט האָט איר זיידע, אַז ער איז שוין מיט איר פארטיק. געוואָרן אַן אַקושערקע און וועט דאָך איצט געווים זיך ניט אָפּזאָגן פון אַ חתן. מאַניע אָבער איז שטענדיק פאַרזאָרגט געווען; געוואָרן אין כעס, ווען די מוטער פלעגט זי שטאַרק בעטן אויסטרינקען אַ גלאָז מילך; געענטפערט מיט כעס דעם זיידן אַף זיינע באַמערקונגען וועגן אַ שידוך, — און בכלל האָבן די שטוביקע ניט געקאָנט באַקלערן און פאַרשטיין, וואָס טוט זיך מיט איר.

מאַניע האָט געקלערט וועגן איר צעשיידן זיך מיט באָריסן פאַר איר אַוועקפאָרן פון שטאָט.

ער האָט צוגעזאָגט קומען אַף קאַניקול-צייט אין שטעטל, אויב ס׳וועט זיך אים ניט מאַכן אַ קאָנדיציע אַלס לערער אין אַן אַנדער אָרט.

„וואָס וועט זיין — האָט זי געקלערט — אַז ס׳וועט זיך אים יאָ טרעפן אַ קאָנדיציע? וועט ער ניט קומען אַהער? באַדייט זי זעלבסט פאַר אים גאָרניט? דורכגיין וועט אַ קליינע צייט און פאַרגעסן וועלן זיי איינער דעם צווייטן? באַדאַרף זי דאָס וועלן? און אירע חבר׳טעס, וועלכע האָבן איר ניט פאַרגונען באָריסן, ווי וועלן זיי קוקן אַף איר? ניין, — האָט זי באַשלאָסן — דאָס קאָן ניט זיין, ד א ר ף נ י ט ז י י ן, — זי ליבט... זי מוז אים ליבן“...

געפינט טאַקע באָרים ניט קיין קאָנדיציע; פאָרט ער צו זיין מו-טער אין שטעטל; ווערט מאַניע לעבעדיקער; דערמאָנען זיך אירע עלטערן וועגן איר אויפפירונג אין פאָריקן זומער און פאַרשטייען, אַז ס׳איז נאָך ניט צייט די רייד מיט איר וועגן באָריסן, מ׳דאַרף נאָך שווייגן און זיך צוקוקן, וואָס וועט געשען.

אַנטשוויגן געוואָרן איז אויך איר זיידע: צוגעשטאַנען איז ער צו איר עטלאַכע מאָל, זי זאָל טאָן אַ שידוך, — האָט ער געכאַפּט פון איר אַזאַ „חלק“, וואָס ער האָט קיינמאָל ניט דערוואַרט פון זיין גוטהאַרציקן איניקל.

מאַניע האָט אָנגעהויבן ריידן פריי פאַר אַלעמען, דאָס באָרים איז איר חתן. ער האָט געטאָגט און גענעכטיקט באַ איר, און זי איז גע-

ווארן פון טאג צו טאג אלץ פאר׳חושכ׳טער, אויסגעדארטער: באריס האט זי געפייניקט, כלומר׳שט אוים ליבע, קערפערלאך און גייסטיק.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

גייט זיך די צייט, ווערן די בוימער-בלעטער געל און פאלן פאר-חלש׳טע אף דער שמוציקער ערד.

פארט באריס אפ אין שטאט. בלייבט מאניע אליין מיט האפנונג אף בריוו פון אים. פילט זי ערגעץ אין א טיף פארבארגענעם ווינקל פון הארצן עפעס א דערלייכטערונג: פריי געווארן פון אים אף א צייט, ס׳וועט זיין מעגלאך זיך אויסרוען און צו זיך קומען, — נאר עפעס דערמאנט זי זיך, דאס זי ד א ר ף ב ע נ ק ע ן נאך דעם, ווען זי ד א ר ף ל י ב ן, — און זי בענקט און קוקט אף אלעמען מיט יתומ׳דיקע אויגן...

פלעגט זי דערהאלטן אפטע בריוו פון באריסן, אין וועלכע ער פלעגט שיטן מיט פייערדיקע ליבע צו איר... און געבעטן, אגב אורחא, שיקן אים געלט... האט זי געפילט אינסטינקטיוו, דאס באריסן איז מער נויטיג געלט, ווי זי זעלבסט, — האבן זיך געצונדן כעס־פייער־לאך אין אירע אויגן; געבלאסט האבן זיך אירע באקן; געבלויט האבן זיך אירע ליפן, — אנגעשטרענגט האט זי איר הארץ און דערשטיקט די אומאנגענעמע געפילן — געקלערט נאר וועגן זיינע ליבע רייד, האט געוואלט אין זיי גלויבן און געגלויבט...

אלס אקושערקע האט זי פארדינט געלט און עס געשיקט באריסן. די עלטערן און דער זיידע זיינען דערפאר שטארק ברוגז געווען, — נאר מאניע האט דערפון ניט געוואלט וויסן.

ניט בענקענדיק נאך באריסן, האט זי פונדעסטוועגן שטענדיק גע־האלטן אין זינען, דאס ער איז אירער; ניט גלויבנדיק אין הארצן. האט זי דאך שטארק געדענקט, דאס ער וועט בלייבן אירער אף שטענדיק: — עס מ ו ז אזוי זיין, ווייל זי ד א ר ף דאך אים ליבן און פארבינדן מיט זיך.

די געדאנקען אן אמת׳ע הארץ-בענקעניש האבן איר ניט געשטערט שלאפן רואיק און אפהיטן דאס געזונט.

פריש און געזונט איז זי געווארן אינ׳ם משך פונ׳ם ווינטער.

ענטפערנדיק באַריסן מיט ליבע־בריוו און — געלט... פלעגט זי אין דערזעלבער צייט מיט פאַרגעניגן זיך באַגעגענען מיט אַנדערע בחורים. איינמאָל האָט מען אפילו גערעדט אין שטעטל, דאָס זי איז ניט־גלייכגילטיק צום דאַנטיסט, וועלכער איז געקומען אַהין „פּראַק־טיצירן" אַ קורצע צייט, — און האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אָן באַריסן.

אָבער אַז ס'פלעגט קומען נאָענט צו קאַניקול־צייט, פלעגט זי באַ־קומען בריוו פון באַריסן, אַז זיי וועלן זיך אינגיכן זען. אגב האָט ער זי געבעטן געפינען פאַר אים אוראָקן אין שטעטל.

פלעגט זי, מאַניע, ווערן ווידער פאַרזאָרגט; געוואַרט מיט אומ־געדולד אַף באַריסן; געלאָפן צוואַנציק מאָל אַ טאָג צו איר בעסטער חבר'טע חנ'קע, און מיט אַן אָנגעשטרענגטן פאַרזאָרגטן פנים גע־עצה'ט זיך מיט איר וועגן אוראָקן פאַר באַריסן.

אינ'ם טאָג וואָס באַרים האָט באַדאַרפט קומען, איז מאַניע גע־זעסן די גאַנצע צייט באַ חנ'קען און אַלץ גערעדט: אָבער וואָס שפּע־טיקט ער זיך?!... און אַז חנ'קע פלעגט איר זאָגן: אַז זי זאָל איר פאָלגן און אַרויסשלאָגן באַריסן פון קאָפּ, — ער וועט דאָך זי סוף־כל־סוף אָוועקוואַרפן, — האָט מאַניע כמעט ווילד זיך געהיצט, אַז באַרים ד אַ ר ף זיין אירער!...

און פאַרשטייענדיק ווי ווייט מאַניע מאַכט זיך אַליין אומגליקלאַך, ניט וועלנדיק פאַרשטיין די ווירקלאַכקייט, פלעגט חנ'קע אַנטשווייגן ווערן. שווייגנדיק פלעגן זיי ביידע זיצן באַם פענצטער, און זייערע פיר אויגן; צוויי מאַניעס — בלוילאַכע פאַרקלעמטע, און צוויי חנ'קעס — טיף שוואַרצע, רחמנות'פולע, האָבן געקוקט אין גאַס אַריין, וואַרטנדיק דערזען די פורל, אַף וועלכער באַרים וועט זיך אַנטפּלעקן...

קומט צופאָרן באַרים. ווידער פייניקט זיך אוים מאַניע קערפּער־לאַך און גייסטיק. איינגעפאַלן ווערן אירע באַקן, טונקל־בלויע פלעקן אונטער די אויגן, — הויט און ביינער ווערט זי ביזן סוף זומער.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אַזוי זיינען פאַריבער עטלאַכע יאָר. ווינטער איז מאַניע געווען פריש, מונטער, פריילאַך, אָנגעקוועלט פון אַ שיינעם בחור, פאַרדינט געלט און געשיקט באַריסן, — און געקלערט דערביי, אַז ע ר ד אַ ר ף זיין אירער און גע'ספק'ט זיך, צי וועט דאָס אין אמת'ן געשען, האָט געוואָלט גלויבן אַז יאָ, געקלערט אַז ליבן דאַרף זי באַריסן — און געשפּאַצירט מיט חנ'קען ביז שפּעט אין נאַכט, ריידנדיק וועגן דעם

נייעם פעלדשערס לעבעדיקע אויגעלאך. און זומער איז באָרים גע־קומען צופאָרן און אויסגעזויגט פון איר דאָס לעצטע ביסל מיידל־געזונט און מונטערקייט.

מיט ביטערע טרערן האָט די מוטער הונדערטער מאָל געוויינט פאַר מאַניען און געבעטן זי איבערייסן אירע באַציאונגען מיט באָ־ריסן; געקלאַפּט האָט דער פאָטער פיל מאָל איבערן טיש, שרייענ־דיק: „איינמאָל פאַר אַלעמאָל — די זאַך מוז נעמען א סוף: אָדער באָרים זאָל איינשטימען באַלד חתונה האָבן מיט מאַניען, אָדער, אויב ער וועט ניט מסכים זיין חתונה האָבן, פאַרטרייבן אים פון זיך, ווי א שלעכטן הונט!" — אויסוואַרפנדיק מאַניען, אז ער ווייס פון זיכערע קוועלן, דאָס דער „יונגאַטש" קויפט אין שטאָט פאַר אירע פאַרהאָרעוועטע געלט שאָקאָלאַד פרעמדע מיידלאַך; מיט א ציטער־דיק וויינענדיקן קול האָט שוין ניט איינמאָל זיך מאַניע געבעטן באַ באָריסן, ער זאָל פאָלגן איר טאַטן... — נאָר באָרים פלעגט, כלומר'שט ווערן ערנסט, מיט פאַלשע קושן פאַרזיכערן זי, דאָס ביז ער וועט ניט ענדיקן אוניווערזיטעט, קאָן ער ניט חתונה האָבן. שטאַרק גע־ספּק'ט האָט זיך מאַניע אין זיינע רייד, נאָר מאַכטלאָז איז זי געווען צו העלפן זיך, צו שלאָף גייסטיק, אום מיט איינמאָל צעשמעטערן יענע ספּק'דיקע געדאַנקען־וועלטל, וועלכע האָט פאַרשטעלט פון איר די ווירקלאַכקייט פון די באַציאונגען צווישן איר און באָריסן. אָלץ נאָך אזעלכע אינצידענטן האָט זיך געענדיקט מיט דעם, דאָס זי איז גע־וואָרן מער פאַרשקלאָפּט צו אים.

און ווען דער פאָטער אירער האָט זיך צו'כעס'ט פאַר זיינע גוטע־פריינט און האָט זיך ווי א פאַרוואונדעטער צושריען: „עס מוז נע־מען א סוף!... וואָס האָט דער גזלן צו מיין טאָכטער?!..." האָבן אים די גוטע־פריינט געענטפערט: „בעסער מאַכט ניט קיין סקאַנדאַלן: מאַניען וועט שוין א טאָטער אויך ניט העלפן, — לאָזט דאָס מיט דער צייט..."

מירעלע די קורצע

באוואוסט איז זי געווען אין שטעטל מיט דעם נאָמען „מירעלע די קורצע“, — פשוט דערפאַר, ווייל זי איז געווען קורץ געוואַקסן.

ניט קוקנדיק אַף אירע עטלאַכע און פופציק יאָר, איז איר קור- צער, פולער און פעטער קערפּער געווען אַזוי בויגיק און לעבעדיק, פּונקט ווי בא אַ געזונטער, פריילאַכער אַכצן-יעריקער מיידל, — איר מאַנסבילשער קול איז געווען אַזוי הילכיק, געשמאַק, איר געלעכטער אַזוי רייצנדיק, דאָס עס האָט זיך בשום אופן ניט געוואָלט גלויבן, אַז דאָס רעדט און לאַכט אַן אַלטע אידענע.

איז „מירעלע די קורצע“ ערגעץ-וואו אין אַ שטוב געקומען, איז דאָרטן געוואָרן ליכטיק, פריילאַך און אַלע ווינקעלאַך. דעם האָט מי- רעלע געגעבן אַ טשיפּ, דעם האָט זי איינגערוימט אין אויער אַ סוד, — און דערביי האָט זיך צעגאָסן איר לעבעדיקער, זאַפטיקער, היל- כיקער געלעכטער, — און אין אירע ריינע, שוואַרצע אויגן איז דעמאָלט געווען צו באַמערקן זייער אַ יונגע נשמה, וועלכע האָט פון קיין זאַך ניט געוואָלט וויסן, און האָט געקלערט נאָר לעבן, לעבן און לעבן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

זייער פיל האָט איבערגעלעבט „מירעלע די קורצע“ אין איר לעבן, און דאָך האָט דאָס כמעט ניט געהאַט קיין ווירקונג אַף איר פריילאַכן, לעבעדיקן כאַראַקטער.

אַ יאָר זעכצן איז זי אַלט געווען צו איר חתונה. אַ מאַן האָט איר גאָט איינגעטיילט אַ „שלים-מזל“, — ווי זי אַליין פלעגט זיך אויס- דריקן — „ניט צו גאָט, ניט צו לייטן, טויג ניט אַ קאַץ אַן עק פאַר- בינדן“.

דאָס גאַנצע לעבן איז זי געווען די פאַרדינערין.

שפּעטער מיט עטלאַכע יאָר נאָך דער חתונה, ווען זי איז נאָך יונג געווען, איז זי געוואָרן אַן עקאָנאָמקע בא איינעם אַ גביר, אַן אַלטן חסיד, וועלכער האָט זי גענומען צו זיך נאָר דערפאַר, וואָס זי איז געווען אַ גוטע ווירטין, זייער גוט פאַרשטאַנען אין הילכות

קאָכן-און־באַקן און פלעגט שטענדיק זיין א גאַנצע מאַכעריין בא דעם אַלטן צדיק, עליו השלום, אין קיך.

די עטלאַכע יאָר בא דעם גביר, אַלס עקאָנאָמקע, זיינען געוועז די בעסטע אין איר לעבן. דער גביר פלעגט שטענדיק זיך באַציען צו איר מיט ברידערלאַכער ליבע, אפן חסידיי׳שן אופן; דעם גביר׳ס קינדער פלעגן איר אָפט שענקן א מתנה׳לע: אמאָל גאָלדענע אוירינגלאַך, אמאָל א בלוזקע, און אמאָל אזוי עטלאַכע רובל — מיט איין וואָרט, זי האָט דאַן פאַרדינט ניט נאָר אף צו שפּייזן און קליידן אירע פּיצלאַך קינדערלאַך, נאָר איר פלעגט זיך נאָך אָפּשטעלן אַלע חודש א פּאָר רובל.

נאָר מער ניט ווי עטלאַכע יאָר האָט געדויערט איר „גליק“. דער גביר איז געשטאָרבן, — און צוזאַמען מיט דעם גביר׳ס טויט האָט מירעלע פאַרלאָרן איר שטעלע.

און צענדליקער יאָרן האָט מירעלע געמוזט האָרעווען, כדי צו פאַרדינען דאָס שטיקל ברויט פאַר איר מאַן און קינדער. אף חתונות, ברית׳ן, און אזוי שימחות בא די שטעטלדיקע באַלעבאַטים איז זי געווען א סאַרווערקע. געוויינלאַך האָט מירעלע גרעט געוואַשן, — קיין זאַך איז איר ניט שווער געווען, קיין אַרבעט איז פאַר איר ניט געווען קיין שאַנדע, אף אַלץ איז זי געווען גרייט, — אָבער נאָר פאַרדינען דעם שטיקל ברויט.

ווען זי איז שוין אַלט געווען עטלאַכע און פופציק יאָר, האָט זי שוין אפילו געקאָנט לעבן גאָר רואיק, ווען זי וואָלט געוועז ווען באַקומען שטיצע פון אירע אויפגעקומענע רייכע קינדער, וועלכע האָבן געלעבט אין דער גרויסער שטאָט, — נאָר מירעלע איז בעסער געווען גרייט טאָן אַלע עבודות־פּרך, האָרעווען ווי אן אייזל, פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט ניט רוען א רגע, אבי צו די קינדער ניט אָנקומען. אדרבה, זי האָט נאָך זייער אָפט ליב געהאַט צושיקן א מתנה׳לע אירע אייניקלאַך, — זאָלן זיי זען, וואָס הייסט א באָבע; זאָלן זיי געדענקען, אז זיי וועלן עלטער ווערן, דאָס זיי האָבן געהאַט א באָבע מירעלע.

צוליב די קינדער האָט זי זיך שטענדיק באַצויגן מיט געדולד צו איר מאַן דעם „שלים-מזל“. „ווען מיין שלים-מזל — פלעגט מירעלע די קורצע אָפט שפּאַסן פאַר אירע נאָענטע באַקענטע — זאָל

ניט זיין אַ פֿאָטער צו מיינע קינדער, וואָלט איך אים שוין לאַנג אַרויסגעוואָרפֿן דורכן פֿענצטער".

און פֿון איר מאַן האָט טאַקע געקאָנט איבערטראָגן נאָר אַזאַ קלוגע און האַרציקע, ווי מירעלע די קורצע. אין די גוטע יאָרן פֿלעגט ער זיין אַ מלמד, אַ זעגער, אַ וועכטער, — און פֿון אַלע מלאכות האָט ער פֿאַרדינט אפשר אַ גילדן צען אַ חודש. אַלט וועררנדיק פֿינף און פֿערציק יאָר איז ער געוואָרן עובר-בטל...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אויף דער עלטער האָט מירעלע באַקומען אַ גרינגע פּרנסה, — זי האָט זיך אויסגעלערנט היילן קרעציקע קעפּ. חוץ די געלט, וואָס זי האָט באַקומען פֿאַר יעדן אויסגעהיילטן קאָפּ, האָט זי געהאַט פֿון דעם פֿיל נחת. איר שמחה און התפּעלות, וואָס זי האָט געהאַט, ווען זי האָט אויסגעהיילט אַ קאָפּ, איז געווען אַזוי גרויס, דאָס זי פֿלעגט שרייבן וועגן דעם צו איר בעסטן פֿריינט, דער אַלטער רבי׳צן, ווען יענע פֿלעגט אָפּפֿאָרן אויף אַ קורצער צייט פֿון שטעטל צו אירע קינדער צוגאַסט. אַליין אָנשרייבן אַ בריוו האָט מירעלע ניט געקאָנט: מ׳האָט זי מיידלווייז ניט געלערנט, — פֿלעגט זי קומען צו דעם יונגן רבי׳נס טאָכטער און בעטן אָנשרייבן דעם בריוו. „שרייבט בזה הלשון, — האָט זי טאַקע געזאָגט — היינטיקע וואָך, ליבינקע רבי׳צן, האָב איך, אַ דאַנק דעם וואָס איז אין הימל, אויסגעהיילט גאַנצע צוויי קעפּ" — און אין דער זעלבער רגע האָט זי אַרומגעאַרמט די שיינע יונגע רבינ׳ס טאָכטער פֿאַר דער טאַליע, — און איבערן גאַנצן צימער האָט זיך צעקייקלט איר הילכיקער, פֿריילאַכער געלעכטער.

אַלע טאָג איז זי אויפֿגעשטאַנען נאָך איידער העגער האָבן גע-קרייט און געלאָפֿן אין בית-מדרש אַריין הערן אַ ברכו, אַ קדושה, — דאָך איז זי ניט געווען פֿאַנאַטיש, און האָט ניט ליב געהאַט זיך אָנצונעמען פֿאַר גאָטס „קריוודע". איר גוט-האַרציקייט האָט זי ניט דערלאָזט פֿיינט האָבן יענעם דערפֿאַר, וואָס ער וויל, למשל, ניט דאַווענען. „זאָל זיך יעדערער טאָן — האָט זי געזאָגט — אין גאָטס זאַכן, ווי ער פֿאַרשטייט, אַבי מיט מענטשן זאָל ער זיך באַגיין, ווי אַ מענטש".

און ווי אַ מענטש באַדאַרף זיך באַגיין מיט מענטשן, האָט מירעלע די קורצע פֿאַרשטאַנען אייגנפֿאַך, אָן חכמות: „אַ מענטש — האָט מען פֿון איר זייער אָפֿט געהערט — דאַרף פֿאַרשטיין, אַז אויך דער צוויי-

טער דארף ניט ליידן הונגער, קעלט און נויט, — און ווי ווייט נאָר מ׳קאָן, באַדאַרף מען העלפן דעם אומגליקלאַכן".

און מירעלע האָט טאַקע ליב געהאַט מקיים זיין אירע רייד. ניט געווען כמעט איין אומגליקלאַכער מענטש אין שטעטל, פון וועלכן מירעלע האָט ניט געוואוסט — און מיט נאָר וואָס זי האָט געקאָנט, האָט זי יעדערן געהאָלפן. זי האָט צונויפגענומען נדבות און געגעבן די אביונים אף שבת; ווינטער-צייט האָט זי זיי אַריינגעשיקט האָלץ אף צו הייצן; איר לעצטן אייגענעם גראָשן האָט זי אַוועקגעגעבן צו אָרעמע.

אַזעלכע אביונים אין שטעטל, וואָס פון אַן אַנדערן וואָלטן זיי זיך געשעמט נעמען אַ נדבה, האָבן צו מירעלען פולן צוטרוי געהאַט און זיך ניט געשעמט נעמען בא איר, וואָס זי האָט זיי געגעבן, — ווייל אַלע האָבן געפילט, אַז וואָס מירעלע טוט, טוט זי דאָס ניט צוליב כבוד, נאָר פון גוטן האַרץ.

און אַלץ האָט זי געטאָן מיט פרייליכקייט. האָט זי געקליבן נדבות — האָט זי געשמייכלט; צעטיילט די נדבות צו די אביונים — האָט זי געשמייכלט, געזאָגט מיט אַ זיסן געלעכטער אַ טרייסט-ווערטל. אַלע, סיי די געבער, סיי די נעמער, האָבן געפילט, אַז מירעלע טוט, וואָס אַ מענטש דאַרף טאָן, און שעמען זיך פאַר איר באַדאַרף מען ניט, ווייל זי איז ניט קיין אַנדערע, נאָר מירעלע די קורצע, די גוטע מירעלע.

אין אַ פּרייטיק-אָוונט

אַ זומערדיקער פרייטיק צונאַכט. שוין אַ שעה צוויי נאָך וועטשערע. שטילער איז שוין געוואָרן אַפן מאַרק און אַף שמעון־לייבס גאַס, די הויפּט־גאַס פון שטעטל, וועלכע רופט זיך אַפן נאָמען פונ׳ם מיט יאָרן צוריק פאַרשטאָרבענעם שמעון־לייב דער נגיד, וועמעס הויז איז געווען כמעט די שענסטע און גרעסטע אין דערדאָזיקער גאַס.

פיל פון די שפּאַצירנדיקע זיינען זיך שוין צוגאַנגען שלאָפן. אייניקע פון די אידישע „אינטעליגענטישע" בחורים און מיידלאַך האָבן געמאַכט אַ שפּאַציר צום קאַסיר פון פּאַראַכאָד־פּריסטאַן מיט זיינע פיר שוועסטער, וועלכע האָבן זיך ווינטער אַפן אייז געגליטשט בעסער פון אַלעמען און האָבן זיך באַצויגן גאווה׳דיק אפילו צו אידישע אינטעליגענטע מיידלאַך פון שטעטל, און האָבן פונדעסטוועגן אַ ווילדע הנאה געהאַט פונ׳ם שאָקאָלאַד, וואָס די אידישע קליינשטעטלדיקע „דאָן־זשואַנעס" האָבן זיי אָפט געשענקט.

דער קאַסיר, נאַטירלאַך, האָט בעסער הנאה געהאַט פון די מיידלאַך. נאָר טאַקע צוליב די מיידלאַך האָט ער געשמייכלט אויך העפלאַך, חניפה׳דיק צו די בחורים, און האָט ליב געהאַט זיך אַרויסצואווייזן פאַר אַן אוהב־ישראל. אייניקע אידישע בחורים און מיידלאַך, פילנדיק זיך צווישן אידישע הייזער ניט זייער אנגענעם, פריי, האָבן זיך אוועקגעלאָזט אין די גוי׳שע הינטער־געסלאַך, צווישן די שייערן, הינטערן בית-עולם, וואו, חוץ דעם הימל מיט די שטערן, האָט קיינער ניט געזען וואָס ס׳איז פאָרגעקומען...

נאָר געציילטע שפּאַצירנדיקע האָבן זיך באַוועגט דאָ און דאָרט איבערן שמאָלן הילצערנעם טראָטואַר, עפּעס ווי סוד׳נדיק זיך. קעגן אַפּטייק, באַ יעקב העניע־רייזלס אַפן גאַנעק, זיינען געזעסן דער אַפּטייק־שילער מיט אַ פיר־פינף זעכצן־זיבעצן־יעריקע מיידלאַך און געפירט אַ געשפּרעך וועגן דער ביבליאָטעקע וואָס מ׳האָט זיך שוין פון אַ יאָר-צוויי געקליבן עפענען, און, אגב, ניט-ווילנדיק, באַפרידיגנדיק עטוואָס די יוגנט-הערצער און בלוט-שטרעבונגען...

אַלטער דער שניט-קרעמער איז געזעסן אַפן גאַנעק פון זיין איי-

גענער הויז. לכתחילה איז מיט אים צוזאמען געזעסן אויך זיין ווייב חנה, וועלכע מ'האָט גערופן אין שטעטל: „די וצדקתך" פאר איר בלומר'שטדיקע צניעות און גלאָצן מיט די אויגן בשעת זי האָט זיך געשוואָרן פאַרן קונה, דאָס זי קאָן ביליקער די סחורה ניט פאַר־קויפן, דאָס איר אַליין קאָסט טייערער, — נאָר לאַנג זיצן אפן גאַנעק האָט חנה ניט ליב געהאַט, בפרט אַ זייגער צען־עלף אין אָוונט. אין דער שעה, געוויינלאַך, פלעגט זי ליגן אין בעט אונטער דער קאָלדרע און שלאָפן, אָדער, ניט־וועלנדיק איינשלאָפן, געוואַרט אַף אַלטערן, וועלכער האָט ליב געהאַט אָפט כמעט ביז האַלבע נאַכט שטיין לעם דער אופראַווע מיט אייניקע מענטשן, אפילו ניט זייער קיין גרויסע באַלעבאַטים, און ריידן, שמועסן: אמאָל וועגן קהל'ישע ענינים, אמאָל טאַקע וועגן פּאָליטיק און אמאָל וועגן בחורים און מיידלאַך פון שטעטל, וואָס האָבן זיך ניט אויפגעפירט גוט אין אַלע פּרטים...

חנה איז אַוועק שלאָפן, איבערלאָזנדיק אַלטערן איינעם אַליין.

פאַרן אוועקגיין האָט חנה שטיל הייזעריק אַ קוויטש געטאָן: אַ וואו איז דאָס אונזער פריצה?!... די לעצטע צייט האָט זי זיך עפּעס אָנגעהויבן שפּעט ארומשלעפּן דער שוואַרץ־יאָר ווייסט וואו מיט וועמען... ס'וואָלט טאַקע אפשר אַ יושר געווען דו זאָלסט מיט איר אַ לערן טאָן באַלאָק... האָסטו געהערט אַ משל — אונזערע אַ טאָכ־טער זאָל זיך שליאָען ביז האַלבע נאַכט... זע אָקאָרשט זי זאָל אונז מיט דער צייט ניט ברענגען צו לייטישע געלעכטער...

— —

אַליין אפן גאַנעק איז אַלטער געבליבן. טיף אין האַרצן זיינען אים אריינגעדרונגען חנה'ס ווערטער.

זיצט ער און קלערט:

אין אמת'ן איז מיט נחמה'קען די לעצטע צייט ניט אַזוי פויגל־דיק: ווערט פאַרפאַלן אַף גאַנצע שעה'ן פון שטוב און קומט אָפט פון גאַס נאָך האַלבע־נאַכט.

ער דערמאָנט זיך:

געשען איז דאָס מיט אַ חדשים אַנדערהאַלבן צוריק. אַ זייגער איינס באַנאַכט איז שוין געווען. גראָד איז ער נאָך ניט איינגעשלאָפן, כאָטש שוין פון אַ שעה אָנדערהאַלבן איז ער געלעגן אַן אויסגע־טאָנער אין בעט. קענן אים, אין דער צווייטער בעט לעם פענצטער,

איז געשלאָפן חנה, לאָזנדיק דורכן נאָז סקריפּעדיקע טענער, צו וועלכע ער איז שוין לאַנג־לאַנג צוגעוואוינט געווען.

פּלוצלינג הערט ער, ווי אין לעצטן צימער עפּנט זיך א פענצטער, און עמיצער גנב'עט זיך אין שטוב. געשטעלט האָבן זיך אים די האָר פון שרעק: א גנב. ווער אַנדערש קאָן דאָס זיין?... וואָס טוט מען?... אויפוועקן חנה'ן?... „חנה, חנה, דו שלאָפסט?...“ האָט ער מיט א ציטער אין קול א פרעג געטאָן. „חנהן!...“ — האָט זיך ניט־ווילנדיק, פאַר שרעק אַרויסגעריסן בא אים א משונה'דיקער געשריי, וועלכער האָט אים נאָך מער איבערגעשראָקן — „חנה! שטיי־אויף! גנבים!...“

ניט טויט און ניט לעבעדיק האָט זיך חנה אויפגעכאַפּט, אַראָפּ־געשפּרונגען פון בעט אין איין העמד מיט א געשריי: אַלטער, וואָס איז?!... גוואַלד!...

אַלטער איז שוין געשטאַנען באַם טישל, געצונדן שוועבעלאַך, שרייענדיק: „גנבים! חנה! גנבים באַ אונז!...“

די שוועבעלאַך האָבן זיך ווי אַף צולאָכעס געלאָשן, געפאַלן פון די ציטערנדיקע הענט, — ענדלאַך האָט זיך אים איינגעגעבן דעם לאָמפּ אָנצינדן.

בלייך, ווי דער טויט, איז געשטאַנען חנה, פיס און הענט האָבן זיך איר געטרייסלט פון שרעק.

האַלטנדיק דעם לאָמפּ מיט ביידע הענט און שרייענדיק: גוואַלד, חנה, גנבים!... האָט ער זיך אין די ווייסע גאַטקעס געלאָזט פונ'ם שלאָף־צימער. חנה, איבערשרעקנדיק זיך פאַר זיין לעבן: די גנבים זאָלן אים חלילה ניט דערהרג'ענען, האָט זיך געלאָזט נאָך אים, שרייענדיק: געוואַלד, אַלטער, רבונו של עולם!...

אָבער ווי דערשטוינט איז ער מיט חנה'ן געוואָרן, אַריינקומענדיק צו דער אַכצן־יעריקער נחמה'קען אין שלאָף־חדר און דערזעענדיק זי זיצן א האַלב־טויטע, אַן איבערגעשראָקענע אַף איר בעטל, אין די קליידער אָנגעטאָן, פאַרגעסנדיק אפילו אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם שאַל, אין וועלכן זי האָט געשפּאַצירט. ניט גערירט האָט זי מיט קיין אבר, קוקנדיק מיט יאוש־פולע אויגן אַפן טאַטן אין די ווייסע גאַטקעס און אַף דער מאַמען אין דער לאַנגער ווייסער העמד.

און נאָך א ווײַלע טויטע שטילקייט האָט ער, אַלטער, געשענקט איר א פּאָר פייערדיקע פּעטש, עטלאָכע טשיפּעס און א שטאַרקן

שטוים מיטן קולאק, סקריפענדיק בשעת מעשה מיט די ציין: איך וועל דיר נאך ווייזן, ווי זיך ארומשלעפן ביז איינס א זייגער באנאכט...

— און וואס — האט אלטער געקלערט, זיצנדיק אפן גאנעק — וואס האב איך איר נאכדעם געטאן?... גארנישט... דורכגעגאנגען איז א פאר טעג, און איך האב אן דעם כמעט פארגעסן. און זי, נחמה'קע, האט, ווי עס ווייזט אויס, אויך פארגעסן די פעטש און טוט זיך אירם...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דער זייגער האט שוין געהאלטן בא צוועלף. אלטער איז נאך גע-זעסן אפן גאנעק, ווארטנדיק אף נחמה'קען און באשליסנדיק איר אפ-שפילן א חתונה, דאס זי זאל לאנג-לאנג געדענקען...

און נחמה'קע איז אלץ ניט געקומען.

— וואו איז זי אהינגעקומען?!...

האט ער, אלטער, באשלאסן גיין זוכן.

לאנגזאם לאזט ער זיך אראפ פונ'ם גאנעק; מיט שטילע טריט לאזט ער זיך גיין איבערן הילצערנעם שמאלן טראטואר, פארלייגט די הענט אף הינטן, ווי ער וואלט זיך רואיק ארומגעשפאצירט. אבער זיינע אויגן... זיי רוען ניט, ווארפן גנביישע בליקן... אנגעשטרענגט זיינען זיינע אויערן, — זיי הערן זיך צו — אפשר נחמה'קעס קול...

ער איז שוין אפן עק גאס. אט הויבט זיך אן דער מארק. דורכ-געדרונגען מיט דער נאכט-שטילקייט איז געלעגן צונויפגעדריקט די מחנה געפייגערטע קלייטלאך. אלטער האט זיך אפגעשטעלט א ווײַלע, זיך צוגעהערט צו דער שטילקייט און גענומען שטיל שפאנען ווייטער.

אפן עק מארק, באם בריק, וואס פירט איבער דער שטילער בלא-טיקער טייכל אפן בארג, וואו ס'הויבט זיך אויף דער שיינער שטאל-צער ווייסער קלויסטער, האט ער געזען עטלאכע סילועטן באוועגן זיך לאנגזאם.

שנעלער און שטילער האט ער גענומען שפאנען צום בריק. גע-פאנגען האבן זיינע אויערן, האט זיך אים געדאכט, טאקע נחמה'קעס שטילן קול.

יא, דארט איז זי געווען, — מיט מרים יעקב-בערס, וואס האט ליב געהאט אלע בחורים; מיטן לערער, וועלכער איז געקומען פון אויסרייסן און האט פארדרייט אלע מיידלאך די קעפ, און מיטן בחור,

וואָס איז געקומען אין שטעטל און געעפנט, דעם אַפּטייקער אַף צעלאָפּעניש, אַן אַפּטייק-קלייטל, צו וועלכער ס'איז געווען נאָך אַ קליין צימערל, וואו ס'פלעגן זיך שטענדיק צונויפקלייבן די באַלע־באַטישע בחורים און מיידלאַך און מאַכן זיך נאַריש... און באַנאַכט פלעגן זיך דאָרט צונויפקומען דער פּאָטשטמייסטער, טעלעגראַפיסט, אוריאַדניק, עטלאַכע באַלעבאַטישע בחורים, — געשפּילט אין קאָרטן און זיך לוסטיק געמאַכט.

אַלטער איז געווען אַ איד, וואָס איז ניט אָנגעצונדן געוואָרן פון כעס. שטילער, גנבישער זיינען זיינע טריט געוואָרן. געוואָלט האָט ער זיך צוהערן, וועגן וואָס זיין נחמה׳קע רעדט מיט די בחורים, זען, וואָס ס'טוט זיך צווישן זיי.

און ער האָט געהערט:

„מיר איז שוין צייט אהיים. איך האָב מורא, איך זאָל ניט כאַפּן פון טאַטן אַ פּאַרציע“ — דאָס האָט געזאָגט נחמה׳קע.

און דער לערער האָט געענטפערט: „אַ קליין מיידעלע... האָט מורא פאַרן טאַטן... באַ מיר זאָל זיין אַזאַ דעספּאָט אַ טאַטע, וואָלט איך אים געוויזן, וואו ראַקן ווינטערן...“

„וואָס דען? !“ — האָט זיך געהערט מרים יעקב־בערס געלעכ־טערל.

און אַלטער האָט געזען:

נחמה׳קעס שאַל האָט דער לערער געהאַלטן אין זיינע הענט, גע־שפּילט זיך מיט איר, — און נחמה׳קע איז צו אים געווען אַזוי נאָענט, אַזוי נאָענט...

ווי פון אונטער דער ערד איז אַלטער אויסגעוואַקסן הינטער נחמה׳קעס פּלייצעס, אַ זאָג טוענדיק: „גיי אהיים“ מיט אַ שטילן הייזעריקן באַס, אין וועלכן נחמה׳קע, ווערנדיק פאַרצאַפּלט, האָט דערפילט אַזוי פיל רוגזה: ער וועט זיך מיט איר אָפּרעכענען !...

אין איין אויגנבליק איז זי שוין געווען ווייט פונ׳ם בריק, פונ׳ם טאַטן, ווי אַן אָפּגעבריטע, טראָגנדיק זיך שנעל אהיים.

אויך מיט שנעלע טריט האָט זיך אַלטער געלאָזט נאָך איר.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

שטאַרק אויפגערעגט איז אַלטער געווען, ווען ער האָט, אַראָפּ-

ווארפנדיק פון זיך די קליידער, זיך אריינגערוקט אין בעט אונטער דער קאלדרע.

דאס בלוט האט נאך אין אים געזאדן פון די קלעפ מיט די טשי־פעס, מיט וועלכע ער האט נאר וואס מכבד געווען נחמה׳קען. גע־צאפלט האט זיך נאך פאר זיינע אויגן איר יונגער מיידלשער קערפער, וועלכען ער האט געפאטשט, געטשיפעט, געשליידערט אן רחמנות; אין זיינע אויערן האבן נאך געקלונגען אירע שטילע קוויטשען און זיינע רוגזה׳דיקע ווערטער: „נא דיר!... וויים ווי זיך ארומשליאען מיט די ימח-שמו׳ניקעס ביז האלבער נאכט!...“ שלאגנדיק נחמה׳קען האט ער געהערט, ווי אין צווייטן צימער האט, זיך שטיקנדיק, גע־כליפעט זיין עלטערע טאכטער פויגל... און ווען ער איז אריין אין צימער, האט אים חנה מיט א לאנגען קרעכץ א זאג געטאן: „דו האסט זי נאך ניט דער׳הרג׳עט?... בא דיר איז אדער דריי אדער דרייצן... גאר ניט געקאנט אפלייגן אביסל טשיפעס אף מארגן...“ און איבערקערנדיק זיך מיטן פנים צו דער וואנט, האט זי אנגעהויבן באלד ארויסגעבן דורכן נאז אירע סקריפעדיקע טענער, צו וועלכע ער איז שוין לאנג-לאנג געוואוינט געווען.

אלטערן האט זיך ניט געשלאפן: צופיל האבן זיך אין אים צע־קאכט די בלוטן פון רוגזה, וועלכע האט אים נאך אלץ ניט אפגעלאזט.

— וואס הייסט, זיין נחמה׳קע זאל גיין קעגן זיין ווילן און זאל זיך צונויפקומען דער שווארץ־יאר וויים מיט וועמען און ארומ־שלעפן זיך ביז שפעט אין דער נאכט!... עפעס איז ער גיט איר טאטע און האט איבער איר קיין דעה ניט?!... אז ער זאגט ניין, דארף זיין ניין!... די לעצטע צייט האבן אים שוין אייניקע אין שטיבל, וואו ער דאוונט, עטלאכע מאל א שטאך געטאן, דאס ער גיט ניט גוט אכטונג אף נחמה׳קען. ער וועט איר וויזן!...

אבער אט האט זיך אנגעהויבן איינשטילן זיין כעס. אין זיין קאפ האבן אנגעהויבן ארבעטן אנדערע געדאנקען, וואס האבן געוועקט אנדערע געפילן, וועלכע זיינען אים געווען ניט זייער אנ־גענעם, נאר ער האט זיי ניט געקאנט פארטרייבן; געגן זיין ווילן האבן געארבעט די דאזיקע געדאנקען:

— און אפשר איז זי גאר ניט שולדיק... א מיידל, א יונגע, א געזונטע האט ליב זיך צונויפקומען מיט א בחור, כאפן א שמייכל, א שפרונג, א דריי, — וואס איז?... מה רעש?... אייגנטלאך איז דאס

גאָר ניט אזא פאַרברעכן...

און אפשר... גיי גלויב היינטיקע בחורים... וואָס האָט בא זיי פאַר א באַטרעף אומגליקלאך מאַכן א מיידל... און גלאַט איז א בחור א סכנה פאַר א מיידל פון שטענדיק אָן, אפילו גאָר אַמאָל, ווען א קליינשטעטלדיקער אידישער בחור האָט כלומר׳שט זיך דערוווייטערט פון א מיידל, פונקט ווי פון א קלייסטער.

אַלטער האָט זיך דערמאָנט:

א יאָר פיר־פינף און צוואַנציק צוריק. ער איז נאָך געווען א בחור, געמוזט טאָן דעם טאַטנס ווילן — פאַרברענגען יעדן טאָג עטלאַכע שעה אין שטיבל איבער דער גמרא, וועלכע האָט אים אינטערעסירט, ווי פאַראַיאָריקער פראָסט. א סך א גרעסערן פאַר־גניגן האָט ער געהאַט, ווען ס׳פלעגן קומען צו אים אברהמ׳לע פע־רילס, וועלוועלע עלקעס און בערעלע יודקעס, קונדסים, וועלכע האָבן זיך אין יענע יאָרן גערופן אין שטעטל פאַרצויגן — אברהמ׳לע, וועל־וועלע, פאַר זייער „הולטאַיעריי“ און „גוי׳שקייט“. ער, אַלטער, פלעגט זיך פאַרקלייבן מיט זיי אין דער ווייבערשער שול און געכאַפּט א סטוקעלקע אָדער אַן „אָקע“, — אגב האָט מען גערעדט פון מייד־לאַך און דינסטמיידלאַך...

ער האָט זיך ווידער דערמאָנט:

זומער־צייט, א יאָר אָנדערהאַלבן פאַר זיין חתונה. פעשקע חנה דער אַלמנה׳ס — אַצינד האָט זי שוין דערוואַקסענע קינדער און האָט מיט עטלאַכע יאָר צוריק געקויפט א הויז אין מאַרק פאַר אַכט־הונ־דערט רובל — די פעשקע איז געווען א שיינע אָרימע מיידל. ער, אַלס באַלעבאַטישער בחור, האָט בשום אופן ניט געקאָנט צונויפקומען זיך מיט פעשקען באַטאָג און פאַרברייינגען... מיט איר, — אפילו פשוט ריידן מיט איר עטלאַכע ווערטער וואָלט געווען פאַר זיינע מיוחס׳דיקע עלטערן די גרעסטע בושה...

אָבער אין די פינצטערע נעכט, ווען אַלע אין זיין עלטערנס הויז זיינען שוין געשלאָפן...

אין די פינצטערע נעכט פלעגט ער, אַלטער, זיך שטילערהייט ארויס׳גנב׳ענען דורכן פענצטער, — וועלכן ער פלעגט לאָזן אָפּגע־קייטלט, כדי צו האָבן די מעגלאַכקייט זיך אומצוקערן שטיל און ניט־באַמערקט, — און אַוועק צו פעשקען, וועלכע פלעגט אים דערוואַרטן אין שטאַל אַפן בוידעם...

וויפיל פעקלאך שניט-סחורה האט ער איר איבערגעטראגן פון זיין טאטנס קלייט, — געוויינלאך, ניט אומזיסט...

און נאך, און נאך... האט זיך אלטער דערמאנט.

און ער האט געקלערט:

פארוואס האט ער געפאטשט און געטשיפעט נחמה'קען?... א יונגע, א געזונטע מיידל האט נאטירלאך פארגעניגן זיך באגעגענען מיט בחורים...

אבער ווי האט ער עס געקאנט דערלאזן?!... וואס הייסט — און אז דער לערער אדער אן אנדער שווארץ-יאר וועט זי אומגליקלאך מאכן?! אזא יונגע ציג, ווי זיין נחמה'קע, באדארף א פלעק האבן?...

וואס הייסט?! נחמה'קע?! די ציג וועט פארפלעקן זיין כבוד?!

וואס הייסט?! זי וועט אים ניט פאלגן?! א טאטן?! פעטש!...

אלטער איז נאך לאנג געלעגן אין בעט און ניט געשלאפן, און גע־טראכט וועגן היינטיקע מיידלאך, — און זיין ווייבס סקריפעדיקע נאז־טענער האבן באגלייט זיינע מחשבות.

אין וואַלד

כמעט פון זעקס באַגינען ביז פיר-פינף פאַרנאַכט פלעגט איציק לייבקעס אַרומשלעפּן זיינע איינגעמאַטערטע פיס אין די הויכע סיווע האָריקע וואָליקעס איבערן שניי־באַדעקטן וואַלד צווישן באַ׳תכריכימ׳טע דעמבעס.

דער פראָסט האָט געברענט, געקיצלט דעם שפּיץ נאָז, — און איציק לייבקעס איז געטראָטן צווישן די דעמבעס. דער שניי אונטער זיינע פיס האָט געקסקריפּעט, אָבער ס׳האָט זיך אים געדאַכט, דאָס ניט דער שניי סקריפּעט, נאָר דאָס זיפצן זיינע, איציק לייבקעס, איינגע־מאַטערטע פיס אין די הויכע סיווע האָריקע וואָליקעס.

ער איז געווען אַ משולח פון אַ וואַלד-סוחר, אַ בראַקאַר הייסט עס אַף וואַלד־לשון, גענומען גאַנצע פערציק רובל אַ חודש אַף איי־גענעם עסן און געטאָן עבודת-פּרך.

דער גביר, באַ וועלכן ער האָט געדינט, איז ניט געווען פון די רייכע סוחרים, און דער וואַלד איז טאַקע געווען ניט קיין גרויסער, מ׳האָט געקאָנט פּשוט זאָגן אַ וועלדל, וועלכער האָט ניט געפאָדערט עטלאַכע בראַקאַרעס מיט אַ בוכהאַלטער און אַ קאַסיר, — איציק לייבקעס איז געווען דער איינציקער משולח פונ׳ם גביר אין דעמדאָזיקן וועלדל, — אָבער טאַקע דערפאַר האָט ער געהאַט אַ סך אַרבעט: אַ קלייניקייט — אַלץ אַליין: אי בראַקאַר, אי בוכהאַלטער, אי קאַסיר.

די אַרבעטער האָבן געאַרבעט אין עטלאַכע ערטער פון וועלדל, — פלעגט ער גיין פון אַרבעטער צו אַרבעטער; געקלאַפּט מיטן גרויען בראַקאַרשן שטעקל אין די בוימער, כדי צו דערקענען, וועלכער בוים איז אַ פוילער, וועלכער ניט; געזידלט די אַרבעטער פאַר ניט־ריינער געפידלטער אַרבעט, — אַליין, אייגנטלאַך, האָט ער צו די אַרבעטער גאָרניט געהאַט — וואָס האָבן זיי אים פאַר אַ שלעכטס גע־טאָן? — אָבער וואָס האָט ער נעבאַך געזאָלט טאָן? — ער איז דאָך געווען פאַרקויפט צום גביר און געמוזט וועלן, די קלעפּקעס זאָלן אַרויס גוטע: האָט ער געזידלט די אַרבעטער, מיינענדיק דעם באַלע־באָס׳ טובה.

און אז עס איז געקומען צום אָפּרעכענען די אַרבעטער, האָט ער זיי ווייטער געזידלט פאַר זייער רייסן די הויט, געסטאַרעט זיך, ווי ווייט מעגלאָך באַצאָלן יעדערן ווינציקער, — אים אפילו איז פון דעם גאָרניט אַרויסגעקומען, נאָר, אויך דאָס אייגענע: דער סוחר זאָל חלילה ניט בדלות ווערן.

היינט ווייטער צונויפשטעלן נאָטיצן פון דער סחורה, — דאָס איז אויך געוועזן אַ שווערע שטיקל אַרבעט.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

מילא, האָט איציק לייבקעס געאַרבעט. אָבער אַזייגער זעקס אין אָוונט פלעגט ער ווערן פריי ביז מאָרגן זעקס אינדערפרי. אוים פוילע בוימער, אוים קליעפּקע, אוים זידלען די אַרבעטער — ווי גאָר קיין בראַקאַר קיינמאָל ניט געוועזן.

פלעגט די שיקסע דערלאַנגען דעם סאַמאָוואַר.

האָט איציק לייבקעס געקוקט, וואַרעמנדיק זיין דערפרוירענעם קערפּער, באַ דער ווייסער רובע, געקוקט מיט טריבע אויגן אַף דעם בלישטשענדיק־געלן סאַמאָוואַר און אַף דער שיקסעס באַרוויסע ווייסע פיס, וועלכע האָבן זיך געזען איבער די קני אונטער דער קורצער ציצע־נער קליידל.

אויסטרינקענדיק אַ פּאָר גלעזער טיי, האָט ער געשריען: „מאַט־רענאַ, כאַטשו וועטשעראַץ!“ ד. ה. ער וויל עסן.

מאַטרענאַ האָט דערלאַנגט צום טיש אַ שיסל מיט קרופּניק פון האָבערנע גרויפּן, אין וועלכן ס'איז געלעגן איינגעזונקען אַ שטיקל פלייש.

איציק לייבקעס האָט זיך שוין אָנגעוואַרעמט, געשנעלצט מיט די פינגער אין טיי־גלאָז און געקוקט אַף דער שיסל מיט קרופּניק און אַף מאַטרענעס באַרוויסע ווייסע פיס.

אָפּעסנדיק דעם קרופּניק, האָט ער געשריען, אז מאַטרענאַ זאָל אים אויסבעטן.

ער פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און הויבט אָן אַרומשפּאַנען איבער דער בלאָטיקער פאַדלאָגע פון דעם לאַנגן שמאָלן צימער אונטער דער געקאַלכטער פאַרשמוציקטער סטעליע.

מאַטרענאַ בעט אים אוים אַף דער רויטער סאָפקע, — ער שפּאַנט

איבער דער בלאָטיקער פּאָדלאָגע און וואַרפט ניט-ווילנדיק בליקן אױף מאַטראַנאָס באָרוויסע ווייסע פיס.

ער פילט, דאָס זיין דערפרוירענער איינגעמאַטערטער קערפּער האָט זיך שוין אָנגעוואַרעמט און אַביסל אויסגערוט. שלאָפן גיין האָט זיך אים נאָך ניט געוואָלט, — ס'איז געווען אינגאַנצן אַ זייגער זיבן אינאָוונט. ביז זעקס אינדערפרי איז נאָך פאַרבליבן עלף שעה, ער וועט זיך נאָך אויסשלאָפן, און גלאַט — פריער פאַר צען-עלף אַ זייגער איז ער ניט געוואוינט זיך לייגן.

אָבער ביזן שלאָפן... מיט וואָס זאָל ער זיך פאַרנעמען, כדי צו פאַרטרייבן די לאַנגווייליקייט?...

האָט איציק לייבקעס געקלערט:

אומעטיק אין וואַלד איינעם אַליין... ניטאָ מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורײדן. אַרום איז קבר'יש שטיל...

שפּאַנט ער צו צום פענצטערל, קוקט זיך איין אין דרויסן, זעט ער:

בוימער שטייען, ווי מתים אין תכריכים, אַ סך, אַ סך מתים, — נאָר איין און איינציקע לבנה שווימט איבערן טיף־בלויען הימל... און נאָך באַמערקט ער: אַ קליין, ציטערנדיקער שטערנדל שווימט ניט ווייט פון דער לבנה, דער שטערנדל פאָראויס און די לבנה נאָך אים,— און ס'דאַכט זיך אים, איציק לייבקעס, דאָס אַ גרויסער יאָגט זיך נאָך עפּעס אַ קליינס און וויל עם איינשלינגען...

זיינע בליקן זיינען ווידער געפאַלן אױף די מתים'דיקע בוימער, דאָס האַרץ איז געוואָרן פאַרקלעמט, און שטאַרקער האָט ער געפילט:

— אומעטיק אין וואַלד איינעם אַליין... בפרט אין די לאַנגע ווינטערדיקע אָוונטן...

און ווידער האָט ער פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס, ווידער האָט ער געשפּאַנט איבערן לאַנגן שמאָלן צימער אונטער דער געקאָלכטער־שמוציקער סטעליע.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דער קליינער פייערל אונטער דער עמוואָס פאַררויכערטער גלעזל פונ'ם בלעכענעם לעמפּל, וואָס איז געשטאַנען אױפן טיש, האָט געכאַפּט אַ ציטער, פונקט ווי ער וואָלט מיטגעפילט איציק לייבקעס און גע־וואָלט מיט זיין ציטערן געבן צו פאַרשטיין, דאָס אויך אים, גאָטס

פייערל, איז שווער צו ליידן די איינזאמקייט אין וואלד.

האט זיך איציק לייבקעס דערמאנט:

סוכות איז ער אינדערהיים געווען. זיין ווייב, אינגאנצן אלט א יאר פינף און דרייסיק, האט אים א סך פארגעניגן פארשאפט אי־בערן יום־טוב, איבערהויפט דעם לעצטן מעת־לעת פאר זיין אוועק־פאר, דאן איז זי געווען צו אים אזוי גוט, אזוי גוט...

און פינף קינדער האט ער אין דערהיים איבערגעלאזן: צוויי מיידלאך פון פופצן און דרייצן יאר און דריי קלענערע אינגלאך. פריילאך האט ער זיך געפילט א גאנץ סוכות; די קינדער האבן גע־לאכט, געשריען, געשטיפט, און די ווייב האט געשמייכלט צו אים, — ער האט געפילט, ווי דאס לעבן האט זיך צוגאסן איבער אלע זיינע גלידער און אין הארצן איז געווען אזוי לייכט, אזוי לייכט...

האט איציק לייבקעס געקלערט:

וואס האט אים פארווארפן ווייט פון די היימיקע, טיף אין וואלד, וואו ס'איז ניטא מיט וועמען אווארט אויסצורייד ן?...

אלץ צוליב דער ביטערער פרנסה, צוליב פערציק רובל א חודש אף איינגענעם עסן.

ער האט זיך א ווײלע אפגעשטעלט באם פענצטער, פאררויכערט ווידער א פאפיראס און גענומען ווייטער שפאנען איבער דער בלא־טיקער פאדלאגע.

ער האט געשפאנט, גערויכערט און געקלערט:

— רבונו של עולם, פארוואס קומט דאס אים שטענדיק זיין נע ונד, ווייט פון אייגענע, עלנט ווי א שטיין?...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איציק לייבקעס האט זיך דערמאנט:

אין א סך דערפער איז ער א מלמד געווען. דער טאטער זיינער, לייבקע, עליו השלום, איז געווען א פיינער איד, וועלכער האט גע־לעבט פון דעם, וואס זיין ווייב די אשת־חיל פלעגט מאכן ראזשינקעס־ווײן און פארקויפן כמעט דער גאנצער שטעטל אף קידוש שבת און יום־טוב, די שוחט'קע האט אפילו אויך פארקויפט ווײן, נאר לייב־קעס ווײן האט געהאט אין שטעטל א שם. ביז א יאר אכצן פלעגט איציק מיט זיינע צוויי אינגערע ברידער העלפן דאנערשטיק און פריי־טיק דער מאמען אין איר ווײן־געשעפט... און א גאנצע וואך פלעגט

ער לערנען באַם טאַטן גמרא — לייבקע, עליו השלום, איז געווען אַ איד אַ למדן.

אַלט ווערנדיק אַכצן יאָר, האָט ער, איציק, זיך מישב געווען פאָרן אין אַ דאָרף קנעלן, פאַרדינען עטלאַכע רובל, — אַ קשיא אַף אַ מעשה, אפשר וועלן זיי צוניץ קומען — ס'איז דאָך געגאַנגען אַ פריזיוו און מ'האָט זיך באַדאַרפט אויסקויפן.

דריי קיילאַכדיקע יאָר האָט ער אָפּגעקנעלט און זיך אָנגעליטן פון זיינע תלמידים מיט די גוי'שע קעפּ און אָנגעקליבן אַ פּאָר הונדערט רובל.

און טאַקע אַ דאַנק די פּאָר הונדערט רובל, האָט ער זיך באַפרייט פון מיליטער־דינסט.

און ווייטער האָט זיך איציק לייבקעס דערמאָנט:

אין עטלאַכע טעג אַרום נאָכ'ן פריזיוו איז געקומען צו אים מאָטל דער שדכן און פאָרגעלייגט אים אַ ג ל י ק ל א כ ן שידוך: אַ מיידל אַ שיינע, אַ געזונטע, אַ ווירטין מיט אַלע מעלות און צו איר צוויי הונדערטער נדן מיט אַ האַלב יאָר קעסט.

— איציקל, מיין נחת, — האָט אים מאָטל דער שדכן איינגע־רעדט — פאָלג מיר און טו דעם שידוך. אייביק וועסטו מיר דאַנקען. אַלוואי זאָל איך האָבן אַזאַ מזל, וואָס פאַר אַ וואוילער שידוך דאָס איז.

און אין עטלאַכע טעג אַרום האָט ער, איציק, געגעבן זיין הסכמה.

שבת נאָך שבועות איז געווען די חתונה.

אַ חדשים פינף האָט ער געלעבט צוזאַמען מיט דער ווייב און הנאה געהאַט פונ'ם לעבן...

נאָר אָט ענדיקן זיך די הערבסט יום־טובים; נאָך אַ חודש ענ־דיקט זיך דער האַלב יאָר קעסט אַפן שווערס טיש — מ'דאַרף אַ קלער טאָן וועגן פרנסה...

וואָס טוט מען?...

פאַרדונגען זיך ווידער אַף אַ דאָרף קנעלן.

צעשיידט זיך אַף אַ גאַנץ ווינטער מיט דער יונגער ווייב און אַוועקגעפאָרן אין דאָרף קנעלן, פּלאָגן זיך פון די תלמידים מיט די גוי'שע קעפּ, — אַ ברירה האָט ער געהאַט? — פרנסה...

און צען „זמנים", צען גלות־לאַנגע חושכ'דיקע „זמנים" האָט ער אָפּגעלעבט נאָך דער חתונה אין עטלאַכע דערפער.

נאָר אף פסח און סוכות איז ער אהיים געפאָרן, — אָבער איידער ער פלעגט נאָך אָנהויבן פילן, דאָס ער איז אויך א שטיקל מענטש, איז שוין דער יום-טוב אריבער, און ער האָט ווייטער געמוזט פאָרן אין דאָרף פאר א מלמד.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איציק האָט ווידער פאררויכערט א פאפיראָס, געשפאנט ווייטער איבער דער בלאָטיקער פאָדלאָגע.

ער האָט זיך דערמאָנט:

דאָס איז געוועז אין דאָרף סטערזאָיצע. געקנעלט האָט ער דאָן בא בנימין ביק — א ישוב'ניק א גביר, וואָס האָט ניט געקאָנט קיין צוויי מיט צוויי צונויפרעכענען. ס'איז דאָן פרילינג געוועז. די וואַסער האָט זיך אומעטום צוגאָסן. בנימין ביק האָט דאָן א סך געהילץ געהאַט אפן וואַסער, געגוויטיקט זיך אין א „מענטשן". איציק האָט זיך אָנגעהויבן בעטן בא בנימין ביק צונעמען אים אף דער שטעלע, ד. ה. נעמען אים פאר א „מענטש" אף די געהילץ.

— איר וועט זען, ר' בנימין, — האָט איציק מיט א חניפה-שמייכעלע גערעדט — דאָס איר וועט זיין פון מיר צופרידן. וואָס פעלט מיר? שרייבן קאָן איך; ריידן מיט א גוי קאָן איך; — אפשר מער ניט, ווי א פאר טעג, וועט איר מיר דארפן ווייזן, וואָס איך זאָל טאָן. איך קלער, דאָס על-כל-פנים איז דאָס ניט שווערער צו פאַרשטיין ווי א בלאַט גמרא מיט תוספות.

בנימין ביק האָט לכתחילה געמאַכט א מינע — ווי איינער רעדט: ווי קומט א מלמד צו האָלץ געשעפט? — נאָר איציק לייבקעס האָט זיך צו אים צוגעטשעפעט ווי א קלעק, און בנימין ביק האָט דאָך פאָרט באדארפט האָבן א מענטשן — די קלעצער, די קלעצער...

ער האָט מסכים געוועז.

איציק האָט זיך דערמאָנט אָן זיין שמחה, וואָס ער האָט געהאַט, באקומענדיק בנימין'ס הסכמה. א קלייניקייט, פון מלמדות צו געהילץ-געשעפט; אז ער וועט קומען אהיים אין שטעטל, וועט מען אף אים ניט קוקן ווי אף א מלמד, א משולח פון א וואלד-סוחר, אפילו פון בנימין ביק, איז ניט קיין מלמד, נאָר א סך העכער.

מיט וואָס פאר אן ענערגיע ער האָט זיך גענומען צו זיין נייער ארבעט. בנימין ביק איז פון אים געוועזן העכסט צופרידן.

פון דעמאָלט אָן, שוין אַ יאָר צוועלף, איז ער געווען אַ בראַקאַר. באַ עטלאַכע גבירים האָט ער שוין געדינט, ביי שלעכטע און גוטע. וואָס הייסט גוטע? וואו איז פאַראַן אַ גביר אַ גוטער צו זיינע משולחים? יעדער וואָלט געוואָלט פונ׳ם משולח דעם כוח מיט׳ן מוח. ס׳רעדט זיך אַזוי — גוטע גבירים, גוטע בעלי-בתים, דאָס הייסט אַזעל־כע, וואָס בשעת זיי ציען פונ׳ם משולח די נשמה, שפּייען זיי לכל הפּחות אים ניט אין צורה — אדרבה, מאַכן נאָך אַ חניפה׳לע, פון וועלכע דער משולח צעשמעלצט זיך און קלערט בשעת מעשה: אַן איידעלער גביר...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

האָט איציק לייבקעס געקלערט:

לאַנגע, לאַנגע יאָרן זיך אָפּגעוואַלגערט אין וואַלד, וואו ס׳איז ניטאָ מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורייד׳ן; ווייט פון די קינדערלאַך, ווייט פון דער ווייב...

און די ווייב איז נאָך ניט געווען קיין מיאוסע פרוי, אַ סך פאַרגעניגן האָט זי אים פאַרשאַפט דעם לעצטן סוכות, איבערהויפּט דעם לעצטן טאָג פאַר זיין אָוועקפאָר. דאַן איז זי צו אים געווען אַזוי גוט, אַזוי גוט...

ווידער פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס, ווידער געשפּאַנט איבער דער בלאָטיקער פּאָדלאָגע, ווידער געקלערט:

אומעטיק אין וואַלד איינעם אַליין, ניטאָ מיט וועמען אַ וואָרט אויסרעדן, אַרום איז קבר׳ש שטיל...

און ס׳איז ערשט אַכט אַ זייגער, — לייגן זיך שלאָפן איז נאָך פרי. וואָס טוט מען? ווי פאַרטרייבט מען די לאַנגווייליקייט, די איינזאַמקייט?

אָפּגעשטעלט האָבן זיך זיינע בליקן אַף דער אויסגעבעטער סאָפּ־קע, — און עפּעס האָט זיך געטראָפן: אים האָט זיך אויסגעדאַכט, דאָס ער זעט לעם סאָפּקע בּאָרוויסע פיס... מאַטרענאַ שלאָפט שוין פון אַ שעה אין קיך, — אָבער אירע בּאָרוויסע פיס זעט ער לעם סאָפּקע...

ווי פאַר׳כישופ׳ט איז ער געשטאַנען אין מיטן צימער און גע־קוקט אַף מאַטרענאַס באָרוויסע ווייסע פיס...

הא... — האט ער זיך ווי אויפגעוואכט פון א טיפן שלאף... און האט זיך מיט שטילע טריט געלאזט אין קיך.

מיט׳ן פנים ארויף איז געלעגן מאטרענע. איר ציצענע קליידל, אין וועלכן זי איז געשלאפן, האט זיך עטוואס פארקאטשעט העכער פון די קני, און אירע פיס האבן אויסגעזען ווייסער, לייגגער און דיקער.

לאנגזאם, שטיל איז איציק צוגעטראטן צו מאטרענען. מיט הארצקלאפעניש און ציטערנדיקע הענט האט ער אנגערירט אירע ווייסע פיס.

אויפגעכאפט האט זיך מאטרענע און, דערזעענדיק, ווי ער גלעט אירע פיס, האט זי עפעס מיט א מאדנעם קוויטש א געשריי געטאן:

„א, באזשע מאי! טשעהא פריטשעפיווסא? !...“

נאר זיכער איז איציק געווען, דאס קיינער וועט ניט דערהערן איר געשריי; שטארק האבן זיך צושפילט אין אים זיינע בלוטן; שוואך איז געווען מאטרענע זיך אפזאגן פון דעם רובל, וואס ער האט איר ארייגגעשטופט אין האנט.

און א נייעס לעבן האט זיך פון יענער שעה אנגעהויבן פאר אים... אויס איינזאמקייט... ער און מאטרענע...

דאָרפיש

דער קליינער פייערל האָט געקוקט פאַר־יתומ׳ט דורך און פון אונטער דעם בלויען אַבאַזשור, וועלכער, דאַכט זיך, האָט אַרומגענומען דעם לאָמפּ אפן טיש, ניט דערלויבנדיק אים צו באַלייכטן זייער שניידנדיק דעם נאַכט־שטילן אומעט וואָס האָט געאָטעמט שווער אין צימער.

ניט ווייט פונ׳ם טיש זיינען געשטאַנען צוויי הילצערנע טונקל־רויטע בעטן. אין ווינקל פון איין זייט פענצטער איז געשטאַנען, ווי דערשראָקן, אַ מעבלירטער קליידער־שראַנק. פון צווייטן זייט פענצטער — אַ קיילעכדיקער טישל, אף וועלכן ס׳זיינען געלעגן אַ לאַנגער שוואַרצער קעמל און אַ קליינער ווייסער קעמעלע לעבן אַ פּיר־עקיקן געשליפענעם שפּיגל, אַ וועק־זייגער, אַ רונדער, אַ ניקל־בלישטשענדיקער מיט אַ בלייכן ציפערבלאַט, — און ס׳האָט זיך געדאַכט, דאָס איבערגעשראָקן האָט זיך דער וועק־זייגער, דער אָטעם האָט אים פאַרכאַפּט און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אָן אַ דופק...

עפּעס ווי פאַרגעסענע, זיינען געשטאַנען בא דער וואַנט, לעם קליידער־שראַנק און אַרום טיש אין מיטן צימער עטלאַכע, נאָך כמעט נייע, ווינער שטולן און, ווי געקלערט, פאַרוואָס קומט דאָס זיי זיין אַזוי פאַרוויסט אין אַזאַ שטילן אומעט...

אַ מוטער מיט אַ קינד זיינען געלעגן אין איין בעט...

שטיל האָט געאָטעמט דאָס אַנדערהאַלבן־יאָריקע קינד, די מוטער איז געלעגן לעם אים און איינגעקוקט זיך אין זיין יונגעטשקן, ראָזיק־ווייסן פּנימ׳ל מיט די שיטערע העל־בלאָנדע הערלאַך אפן קעפּל.

דאָס פּיצעלע — האָט זי געקלערט — ס׳שלאָפט און ס׳ווייס ניט, וואָס פאַר אַן אומגליק ס׳האָט אים געטראָפן... מיט וואָס ניט קיין יתומ׳ל נעבעך... וואָס מאַכט דאָס אויס: געשטאָרבן דער טאַטע, אָדער אוועקגעוואָרפן די ווייב און איז פאַרשוואונדן געוואָרן ערגעץ אַהין... ווייט, ווייט, אין אַמעריקע, מסתמא... ניט איבערגעלאָזט

אפילו עטלאכע רובל פאר'ן קינד, ס'זאל חלילה ניט אויסגיין פון הונגער... מיט וואס ניט קיין יתומ'ל...

און ווי איז דאס א מענטש אזא אכזר? !... א פאטער פארגעסט זיין אייגן קינד... א פיצעלע, אן אומשולדיקע נשמה'לע...

מילא, האט ער זי איבערגעלאזט... אלוואי וואלט זי אים ניט גע-געקענט... אבער דאס קינד... זיין קינד, זיין מארך...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ערשט מיט א יאר פיר צוריק איז זי, רחל, א מיידל געוועזן. א יונגע, א שיינע, א געזונטע, מיט מיידלשע פארפלאכטענע האר, מיט ריינע זארגלאזע אויגן.

פרילינג איז דאן געוועזן, דער נייגצנטער פרילינג אין איר לעבן. פייגעלאך, פרייליכע און מונטערע, האבן זיך, ווי דער שטייגער איז, צונויפגעפלויגן פון ווייט, ווייט; דער דארף האט מיט האפנונג באגעגנט דעם יום-טוב פון דער ערד-אויפלעבונג. מ'האט גערעדט, דאס היי-יאר וועט זיין א גערעטענעש אף ברויט אין פעלד. דער טאטע רחל'ס, א איד מיט א הויקער א נידעריקן אף די פלייצעס פון פיל דאגת־פרנסה, איז געווען עטוואס פרייליכער ווי שטענדיק; די מאמע מיט די קנייטשן אפן ערדענעם קריינקלאכן פנים, האט זיך אויך מתיר געווען אייניקע מאל א שמייכל טאן, — וואס דען: בא די גויים וועט זיין ברויט, וועט דער פדיון אין קלייטל זיין אביסל גרעסער — מ'וועט אפשר קאנען אפשפארן עטלאכע רובל אף נדן פאר רחל'ען.

האט זי, רחל, געפילט, דאס צוזאמען מיטן פרילינג האט זיך אויפגעוועקט אין איר א נייער מאדנער כח. פאריקן פרילינג האט זי אויך געפילט אין זיך דעם אייגענעם כח, — נאר דעם יאר האט זי אים געפילט שטארקער: דאס הארץ האט פשוט ניט גערוט, געבענקט, געבענקט נאך עפעס אזעלכעס, וואס זי האט זיך געשעמט קלערן פון דעם....

נאך ווינטער-צייט האבן איר טאטע-מאמע געגעבן עטלאכע מאל אנצוהערן, דאס ס'איז שוין צייט איר א חתן... זי פלעגט רויט ווערן

און שווייגן. און באנאכט פלעגט זי וועבן פאנטאזיעס וועגן שיינע יונגע בחורים, חתנים...

מיט קיינע בחורים איז זי ניט געווען באקאנט, — שטענדיק אין דארף געזעסן, וואו ס'זיינען געווען איינגאנצן עטלאכע אידישע פא־מיליעס, צווישן וועלכע ס'זיינען ניט געווען קיינע דערוואקסענע בחורים. בא בערל דעם שמיד איז אפילו יא געווען א זון פון א יאר צוואנציק, נאר ער איז ערגעץ געווען אין א גרויסער שטאט א שניי־דער־יונג, — מ'האט געזאגט, דאס ער פארדינט דארט א סך געלט, אפשר גאנצע דרייסיק רובל א חודש, — אבער אין דארף איז ער קיינמאל ניט געקומען.

מיט די פויערשע שקצים האט זי, רחל, א אידיש מיידל, ניט גע־טארט האבן קיינע געשעפטן...

ס'האט זיך אפט געמאכט, זונטיק אדער אין א חגא, האבן זיך בא אירע עלטערנס הויז אפן גאנעק צונויפגעקליבן שקצים מיט שיקסעס און זיך געמאכט לוסטיק. שקצים מיט שיקסעס האבן זיך געראנגלט אף קאטאוועס און געלאכט, געלאכט... פלוצלינג ווערט שטיל, — און א הויכער געזונטער שיינער שייגעץ, אין הויכע שטיוול מיט א רויט־געלער העמד אריבער די הויזן, ארומגעגארטלט מיט א רויטן שנירל, — אמעלקא האט ער געהייסן, — האט זיך אויפגעשטעלט, ווי א סאל־דאט, אנגעשטעלט אן ערנסטן פנים און פארצויגן מיט א געזונטער הילכיקער שטימע א פויערשע ליד.

באשאטן איז געווען דער גאנעק מיט שיקסעס און שקצים. אלץ שטילער איז געווארן ארום, אלץ זיכערער און הילכיקער האט זיך צע־גאסן אמעלקאס שטימע, אלץ בונטער האבן אויסגעזען די אלערליי קאלירן פון די שיקסעס' ציצענע קליידלאך מיט די פאטשערקעס אף די העלזער, אלץ בענקענדיקער זיינען געפאלן די שיקסעס בליקן אף די שקצים.

זי, רחל, האט ליב געהאט שטיין אין שטוב און קוקן דורכן פענצ־טער אפן גאנעק און הערן ווי אמעלקא זינגט.

גיסט זיך אמעלקאס ליד אין דער ווייט, צום וואלד צו; דער וואלד גיט עס איבער דעם ברעג־הימל, וואו ס'ווערט פארשוואונדן...

וועקט די ליד אין הארצן:

בענקעניש נאך א נאכט, וועלכע פארשאפט א סך פארגעניגן און לאזט איבער טרויערדיקע געפילן;

אומצופרידנהייט פון הייסע ליבע, וואָס האָט באַגעגנט אַן אייז-קאַלטע האַרץ;

עראַינערונגען וועגן טרערן, פאַרגאַסענע אין קלויסטער, אין דער שטילקייט פון נאַכט;

מרה-שחורה וועגן טענץ, צווישן וועלכע ס'פלאָגט זיך אַן איינזאַמע האַרץ...

אַנטשווינדן איז געוואָרן אַמעלקאַ. די לעצטע טענער פון זיין ליד האָבן זיך געטראָגן צום וואַלד צו, וועלכער איז געשטאַנען באַם האָריזאָנט און איבערגעגעבן די טענער דעם ברעג הימל.

אַ ווײַלע שטיל: שיקסעס זיינען פאַר'חלומ'ט, שקצים — לייכט-טרויערדיק.

זי, רחל, האָט געקוקט אין פענצטער. אַלץ איז איר געווען אַזוי ליב, אַזוי טייער, אַמעלקאַ אַזוי נאָענט, פאַרשטענדלאַך, די שיקסעס אַזוי היימיש!... ווי האָט זי געוואָלט זיך אויסמישן צווישן זיי, אַן אַנטייל נעמען אין זייער לעבן, — נאָר זי איז דאָך געווען אַ אידישע מיידל, וועלכער ס'האָט ניט געדאַרפט אַנשטיין זיך חבר'ן מיט פויערשע שקצים און שיקסעס...

זי האָט געשפּינט, געוועבט שיינע זיסע חלומות וועגן אידישע בחורים.

און וואָס מער ס'האָט זיך אַנטוויקלט דער נײַנצעטער פריליגג פון איר לעבן, אַלץ מער האָט זיך פאַרשטאַרקט דער פאַרבאָרגענער כוח אין איר, וואָס האָט זי געצוואונגען בענקען, בענקען נאָך אַזעלכעס, וועגן וואָס זי האָט זיך געשעמט קלערן...

צום סוף איז אומגעריכט באַשאַפן געוואָרן דער באָדן, אַף וועלכן רחל'ס יוגנט-געפילן האָבן זיך געקענט אויסגיסן.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אַרום שבועות איז דאָס געשען.

בערל, אַ יונגער בחור פון אַ יאָר עטלאַכע און צוואַנציק, איז געקומען אין דאָרף. בערל האָט געדינט בײַ איינעם אַ גביר, וואָס האָט געהאַט בוראַקעס-פּלאַנטאַציעס אין דעם דאָרף, און האָט באַקומען שכירות אַ רובל דרייסיק אַ חודש.

אַ בחור — אַ ברען איז בערל געווען: איין שיקסע ניט דורכ־געלאָזט — דער אַ טשיפּ, דער אַ קניפּ, דער קאָנפּעקטן געשענקט. פלעגט בערל ווען אָפּפאָרן פון דאָרף אַף עטלאכע טעג, פלעגן די שיקסעס כמעט בענקען נאָך אים, — „ניעמא בערקאַ, ניעמא ציקערקאַ“ פלעגן זיי זאָגן, זיצנדיק באַ רחלים טאַטן אַפן גאַנעק.

רחל האָט ליב באַקומען בערלען, וועלכער איז געוואָרן אַן אַפּטער אַריינגייער צו איר טאַטן אין קלייט. זי פלעגט וויסן, דאָס ער קויפט צוקערקעס פאַר שיקסעס. נאָר איר האָט דאָס ווינציק געאַרט: זי איז פון קינדווייז געוואוינט געווען צו זען, ווי שקצים שפּילן זיך מיט שיקסעס, און יעדע שיקסע לאַכט בשעת איר געליבטער שייגעץ ראַנגלט זיך אַף צופלייסן מיט אַנדערע שיקסעס. רחל האָט ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס מ׳זאָל דאָס ניט טאָרן און וואָס קאָן דאָס שאָדן. זי האָט געוואוסט אַ סך פויערן געוועזענע שייגעצווייז „ברענען“, קיין שיקסע ניט דורכגעלאָזט, האָבן נאָכדעם געלעבט מיט זייערע ווייבער, ווי אַלע פויערן, און געלאַכט, זעענדיק שקצים מיט שיקסעס שפּילן זיך... רחל האָט געדענקט, דאָס אויך בערל וועט נאָך דער חתונה זיין אינ־גאַנצן דער ווייבס... און געזונט איז בערל געווען, ברענענדיקע אויגן האָט ער געהאַט, טאַ פאַרוואָס האָט זי אים ניט געקענט ליב האָבן, ד. ה. וועלן פאַר אַ חתן...

און זי האָט אָנגעהויבן קוקן מיט דאָרפיש־מיידלשע אויגן אַף בערלען. בערל האָט עס פאַרשטאַנען, געגעבן אַ דריי די וואָנצן און געקלערט: אפשר איז דאָס טאַקע אַן עסק... בערל איז געווען אַ בחור, וואָס האָט נאָך אין דער מאַמעס בויך פאַרשטאַנען אַן עסק. נאָך פון אינגלווייז אָן האָט ער געקלערט ווי אַזוי די מאַטבייע צו באַקומען. דאָ איז געווען אַ גוטע געלעגנהייט. רחלים טאַטע וועט געבן אַ פּאָר הונדערטער נדן, — אַ מיידל אַ שיינע, געזונטע, — נאָך דער חתונה וועט מסתמא דער גביר אים אויך געבן אַן הוספה אַ רובל צען אַ חודש, — און אַזוי וועט ער ווערן אויס שלעפּער...

בעריל האָט אָנגעהויבן ענטפערן אַף רחל׳ס דאָרפיש־מיידלשע בליקן מיט בחור׳שע באַוועגונגען... אַ נאַאיווע דאָרפישע מיידל איז רחל געווען און ניט געוואוסט, אַז כדי פעסטער צובינדן צו זיך אַ בחור, דאַרף אַ מיידל קליימערשט ניט וועלן מיט אים ווערן צו אינ־טים, ווען אפילו זי האָט אים זייער ליב, — די נאַאיווע רחל האָט פאַרשטאַנען אַן ענין פשוט, נאַטירלאַך. למשל, אַז זי וויל בערלען

פאר א חתן, טא פארוואס זאל זי אים אפשטויסן פון זיך, ווען יענער דריקט זיך צו איר? אדרבה, זי האט זיך שטארק געטוליעט צו בער־לען — זאל ער וויסן, ווי ער געפעלט איר...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ווי א זיסער חלום איז דער זומער איבערגעגאנגען פאר רחל׳ען. בערל־ברען האט אנגעצונדן אין איר א פייער, אף וועלכען זי האט מיט א ווילדער תאווה געברענט אירע מיידלשע געפילן...

ימים־נוראים צייט איז איר טאטע געקומען פון שטאט, וואו ער האט איינגעקויפט סחורה פאר זיין דארפישער קלייטל. פריער בא־נאכט האט ער דערציילט זיין ווייב, נאכדעם רחל׳ען זעלבסט, דאס מ׳האט אים פארגעלייגט עטלאכע גוטע שידוכים פאר איר, רחל׳ען, און דאס עשרת־ימי־תשובה וועט א חתן זי קומען אנקוקן. פארצאפלט איז רחל געווארן: וואס הייסט, א חתן וועט זי קומען אנקוקן?... אוואו איז בערל אין דער וועלט?!... זי האט דאך שוין אים צוגע־זאגט חתונה האבן מיט אים... אבער זאגן דעם טאטן וועגן דעם האט זי ניט געוואלט, — פארוואס, האט זי אליין ניט געוואוסט.

עשרת־ימי־תשובה איז טאקע געקומען א חתן אנקוקן רחל׳ען, חול־המועד סוכות — א צווייטער, נאך סוכות — ווידער חתנים, — אלע ווילן רחל׳ען. ריידן ווינציק וועגן נדן. נאר רחל — איינמאל ניין, — זי וויל ניט די חתנים, זי וויל ניט!...

— ווענען דען ווילסטו? — האט זי דער טאטע מיטן הויקער געפרעגט — אזעלכע גאלדענע שידוכים, און זי וויל ניט...

ניט געקאנט האט זי שוין מער זיך איינהאלטן, דעם אמת האט זי געמוזט ארויסזאגן, דאס בערלען וויל זי, נאר בערלען!

א הייזעריקן קרעכץ האט דער טאטע געגעבן, די מאמע — א טיפן זיפץ: זע, טאכטערל, ער זאל דיך חלילה ניט אומגליקלאך מאכן, — א בחור, וואס לויפט נאך אלע שיקסעס קאן ניט זיין קיין גוטער מאן. טאטע־מאמעס הארץ האט געפילט, אז א סכנה שוועבט איבער זייער קינדס קאפ. נאר זי, רחל, האט געוואלט נאר בערלען...

אכזרים זיינען אירע עלטערן ניט געווען. ארימע, אבער ניט קיין שלעכטע צו א קינד. מילא, זאל שוין זיין בערל, און זאל גאט העלפן ס׳זאל זיין אין א גוטער שעה מיט מזל...

חנוכה זיינען די תנאים געווען. פון דעם נאענטן שטעטל איז דער שוחט מיט׳ן שמש געקומען. מ׳האט געבראכן טעלער, ווי דער מנהג

איז. אַ כוח האָט זיך אָנגעטאָן רחל'ס טאַטע און צוגעזאָגט נדן, גאַנצע דריי הונדערט רובל, מער ווי בערל אַליין האָט גערעכנט. רחל איז געווען אַזוי צופרידן, אַזוי צופרידן.

אַ חתונה האָט מען געשפּילט אין צוויי חדשים אַרום. אַזוי פיל מענטשן, און אַלע פריילאַכע, לעבעדיקע. די קלעזמער האָבן אַזוי גוט געשפּילט; אַרום האָט געהערשט אַ פריילאַכע ליכטיקייט.

און בערל איז צו איר געווען אַזוי גוט, אַזוי ווייך...

געווען זיינען דאָס די לעצטע פריילאַכע, גליקלאַכע מינוטן אין איר לעבן.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

באַלד נאָך דער חתונה האָט בערל זיך באַזעצט מיט רחלין אין אַן עקאָנאָמיע פונ'ם גביר, באַ וועלכן ער האָט געדינט. הויפּט-עקאָנאָם איז דאָרט געווען אַ הויכער געזונטער פּאָליאַק פון אַ יאָר פופציק, מיט אַ רויטן פּנים, מיט אַ גראָבן נאָז, אַ גוי, וואָס האָט שטענדיק גע־שיכור'ט און זעלטן שיכור געווען. בערל איז באַשטימט געוואָרן אַלס געהילף־עקאָנאָם און באַקומען שוין געהאַלט טאַקע גאַנצע פערציק רובל אַ חודש מיט וואוינונג, באַהייצונג און באַלייכטונג.

נאָך פון די ערשטע טעג אָן האָט דער עקאָנאָם געוואָרפן פאַר־שיכור'טע תאווה'שע אויגן אױף בערקאָס ווייבל, — זי איז אים אַ פּנים געפעלן געווען. רחל אָבער האָט, ווייזט אויס, באַשלאָסן זיין נאָר בערלס... בייז פלעגט זי ווערן, ווען דער שיכור'ער עקאָנאָם פלעגט איר, פריער מיט די אויגן, נאָכדעם מיטן מויל, אַרויסזאָגן זיינע מיאוס'ע געפילן צו איר. געגלויבט האָט זי, דאָס אויך בערל איז נאָר אירער...

די נאַאיווע דאָרפישע רחל, זי איז גאָרניט געווען אַזוי איבער־געשפּיצט כדי צוהערן זיך צו בערלס רייד און חושד זיין אים אין אומטרייקייט.

בערל, ווען ער פלעגט קומען פון שטאָט, וואוהין ער פלעגט אָפט פאָרן לויט דער פאַראָרדנונג פונ'ם עקאָנאָם איינקויפן סחורה, וואָס אַן עקאָנאָמיע פאָדערט, האָט ליב געהאַט ריידן עפּעס וועגן אַ יונ־

גיטשקער אלמנה, מיט וועלכער ער איז די לעצטע צייט זייער גוט באקאנט געוואָרן. רחל האָט געהערט, ווי בערל איז אנטציקט פון דער אלמנה, — א שיינע, א קלוגע, ווייס דאָס לעבן, — נאָר וואָס אַרט דאָס איר, רחל׳ען?... בערל וועט דאָך געוויס בלייבן איר געטריי, טאָ פאַרוואָס זאָל זי ניט גלייכגילטיק הערן זיינע רייד וועגן דער אלמנה? מסתמא איז טאַקע יענע א שיינע, א קלוגע, ווייס דאָס לעבן און בערל רעדט פון דעם גלאַט זיך אזוי.

נאַאיווע דאָרפישע רחל, זי פארשטייט גאָרניט...

און אז ס׳האָט זיך געמאַכט א מאָל, דאָס זי האָט דערציילט בערל׳ען וועגן דעם עקאָנאָמס מיאוסע דיבורים, וואָס איר קומט אויס הערן, האָט זי באַמערקט, אז בערל באַציט זיך צו דעם גאַנץ גלייכגילטיק, ווי ס׳וואָלט זיך גערעדט וועגן א פרעמדע דינסט-מיידל, ניט וועגן זיין ווייב, — נאָר רחל האָט גאָרניט פארשטאַנען און געקלערט: מסתמא איז דאָס דערפאַר, ווייל בערל איז אָפּהענגיק פונ׳ם עקאָנאָם און גלויבט איר געטרייקייט און דאַרף דארום זיך ניט כעס׳ן...

ערשט שפּעט, שפּעט, העכער א יאָר נאָך דער חתונה, ווען בערל האָט שוין אָן אויפהער גערעדט וועגן דער יונגיטשקער אלמנה און האָט זיך אָנגעהויבן באַציען צו רחל׳ען מיט פאַראַכטונג, ארויסווייזנדיק דאָס איר בא יעדער געלעגנהייט, — האָט זי, די נאַאיווע דאָרפישע רחל, אָנגעהויבן פריער אינסטינקטיוו פילן און נאָכדעם פארשטיין, דאָס בערל נאַרט זי אָפּ, און זיינע שטענדיקע רייד וועגן דער יונגיטשקער אלמנה זיינען ניט אזוי גלאַט...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

נעכט פון שטילע ביטערע טרערן האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר רחל׳ען. מיט בערל׳ען ריידן האָט זי קיין סך ניט געקאָנט, — ער פלעגט איר ענטפערן בוידעם. אַף איר פראַגע: בערל זאָל איר זאָגן דעם אמת, פאַרוואָס ער האָט זי אויפגעהערט ליבן? מיט וואָס איז די אלמנה בעסער פאַר איר? פלעגט בערל אָפּט, ניט וועלנדיג איר פארשאַפן צופיל יסורים, איר ענטפערן: וואָס האָט זי זיך איינגערעדט?... ווער האָט געשעפּטן מיט דער אלמנה?... און אמאָל טאַקע, ווי אַף צולאָפּעניש, פלעגט ער מיט א ביטערן געלעכטערל טיף א שטאָך טאָן רחל׳ס האַרץ: א שיינע קשיה — מיט וואָס איז די אלמנה בעסער פון איר?... יענע איז א מענטש, און זי, רחל, איז א בהמה. פאַרשטייט זי? א פּשוט׳ע בהמה!...

איבערהויפּט פּלעגט רחל וויינען אין יענע נעכט, ווען בערל איז אין שטאָט אַוועקגעפאָרן. זי איז געלעגן אין בעט, געטאַפּט לייכט דעם בויך, אין וועלכן זי האָט שוין געפילט אַן אַכט־חדשים׳דיקעס קינד, און געשלונגען די טרערן, ווי זי זאָל וועלן דערציילן דעם קינד אין איר בויך וועגן די יסורים, וואָס שטיקן איר האַרץ.

שרעקלאַכע יסורים, ניט פאַרשטענדלאַכע... וואָס הייסט, בערל איז צונויפגעטראָגן מיט אַן אַנדערער פרוי?... איז זי, רחל, דען ניט זיין געטרייע ווייב?... האָט זי דען אפילו אין די לעצטע טעג, ווייסנ־דיק שוין וועגן בערלס באַציאונג צו איר, ניט אָפּגעשטויסן פון זיך דעם עקאָנאָם, וועלכער האָט ניט אויפגעהערט זי צו פאַרפאָלגן?... איז זי דען ניט יונג, געזונט, שיין?... די לעצטע צייט האָט זיך איר געזיכט עטוואָס אומגעביטן, באַדעקט מיט פלעקן, — איז וואָס? וואָס זאָל זי טאָן?... אַז זי איז פאָרט טראָגעדיק, אין אַכטן חודש?... איז בערל אַליין אין דעם ניט שולדיק?... און אייביק וועט דאָך דאָס ניט זיין, — געבוירן וועט זי אַ קינד — אַ אינגעלע?... אַ מיידעלע?... זאָל בעסער זיין אַ אינגל... — וועט זי צו זיך קומען און זיין שיין, ווי געוועז... וואָס איז דאָרט פאַר אַן אלמנה אויף איר קאָפּ... פאַרוואָס, פאַרוואָס האָט זי בערל אַזוי ליב?... און אפשר?... ניין... וואָרום וואָס רעדט ער פון איר מיט אַזאַ פייער...

האָט זי געוויינט אויף איר יוגנט, וואָס איז באַרויבט געוואָרן, — אויף די צרות, וועלכע איר לעבן וועט פאַרשאַפן אירע עלטערן, פאַר וועלכע איר וועט, אחוץ האַרצווייטאָק, זיין אַ גרויסע בושה, — אויף איר קינד, וואָס וועט באַלד אַרויס פונ׳ם בויך אויף דער וועלט, ניט האָבנדיק קיין פאָטער...

דאָס קינד... ערשט מיט אַ דריי חדשים צוריק האָט זי דאָס דערפילט אינ׳ם בויך, און איר האָט אַרומגעכאַפּט אַזאַ געפיל, אויף וועלכן ס׳איז נאָר פייאיק אַ נאַאיווע יונגע געזונטע פרוי, וואָס ליבט שטאַרק דעם מאַן. אַ היפּשע צייט נאָכדעם, ביז זי האָט זיך צוגע־וויינט צום געדאַנק, דאָס זי איז שוין אַ מוטער, פלעגט זי אַרומגיין, ווי אַ שיכורע, — אַ קליינינקייט — זי וועט געבוירן אַ קינד פון א י ר בערלען!... זי, רחל, וועט זיין אַ מוטער, פונקט טאַקע, ווי איר מאַמע, נאָר אַ יונגע, אַ יונגע מוטער!... — פלעגט זי קלערן — דאָס דאַרף זיין אַזוי גוט...

פאַרוואָס האָט זיך אויסגעריסן אויף איר קאָפּ די אַלמנה?

אזוי פלעגט רחל וויינען אין יענע נעכט, ווען בערל פלעגט אין שטאט אוועקפארן.

נאר דאס, וואס איז פארגעקומען צום סוף, אף דעם האט זי זיך קיינמאל ניט גערעכט. וואס הייסט — בערל זאל זי איינגאנצן אוועקווארפן און אנטלויפן מיט דער אלמנה!... מילא, ער זאל איר פארלייגן א גט, וואלט זי טאקע אפשר מסכים געווען, נאר זי וואלט אפשר מיט אים אויך דורכגעקומען ווענן געלט פאר'ן קינד, — און דא איז ער אנטלאפן, איבערלאזנדיק זי מיט'ן קינד, ווי אפן וואסער...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

געשען איז דאס אומדערווארט פאר רחל'ן, גאר פשוט:

איינמאל קומט בערל פון שטאט און דערציילט א מעשה, א בוי־דעם, דאס נאך שבת וועט אים אויסקומען פארן אף א פאר טעג אין נאענטן שטעטל ריידן א שידוך חיים־בער דעם אקסנהענדלערס טאכ־טער. ווענן דער נסיעה האט בערל גערעדט מיט אזא תמימות, דאס רחל'ען איז גאר ניט איינגעפאלן חושד זיין בערלען אין עפעס... בפרט אז מיט א וואכן־צוויי צוריק איז חיים־בער אליין, וועלכן זי קען זייער גוט און ווייס פון זיינע דערוואקסענע מיידלאך, געווען אין דער עקאנאמיע ווענן קויפן אקסן און, זיצנדיק אין אוונט בא זיי אין וואוינונג פאר א גלאז טיי, האט ער א פרעג געטאן בערלען ווענן א שידוך פאר זיין עלטערער טאכטער, — בערל האט געענטפערט, דאס ער וועט א קלער טאן ווענן דעם... וואס האט זי, רחל, געזאלט איבער־קלערן, — בערל פארט צו חיים־בערן ריידן א שידוך, וויל ער פאר־דינען פון דער זייט עטלאכע רובל, זאל ער פארן. צעשיידן זיך מיט אים אף א פאר טעג איז איר גאר ניט געווען אזוי שווער. — די לעצטע צייט האט זי אים גאר ניט אזוי ליב געהאט.

פארט בערל אוועק.

גייען דורך א דריי טעג, און בערל קומט ניט. רחל ווארט נאך א טאג און נאך א טאג — בערל איז ווי אין וואסער איינגעזונקען גע־ווארן — ניטא אים... הייבט זיך רחל אן צו קימערן; אומאנגענעמע, שווארצע געדאנקען טונקלען אירע אויגן; ניט גוטעס פילט עפעס איר

האַרץ... פּלוצלינג צעוויינט זי זיך אַפן קול, לויפט אַוועק צום עקאָ-נאָם און שרייט: וואו איז איר בערל אַהינגעקומען?!... דער עקאָ-נאָם דערשרעקט זיך — ער האָט געטרויט בערלען העכער טויזנט רובל אַף צוצאָלן זיך מיט די אַרבעטער, און דער גביר האָט אים עטלאַכע מאָל אָנגעזאָגט ניט געטרויען בערלען קיין געלט... בערל איז מסתמא אַנטלאָפן מיט די געלט!.. ער, דער עקאָנאָם, איז פאַר שרעק אין איין אויגנבליק אויסגעניכטערט געוואָרן, געשריען, מ'זאָל שנעל שפּאַנען פערד, אום צו פאָרן עפּעס טאָן, לויפן, זוכן, כאַפּן בערלען!...

און בערל איז טאַקע אַנטלאָפן. שוין געווען ריכטיקע ידיעות. מ'האָט דערציילט אַף געוויס, דאָס ער האָט זיך עלעגאַנטיש אָנגעקליידט און איז אַוועקגעפאָרן צוזאַמען מיט דער יונגיטשקער אַלמנה, פון וועלכער ער פלעגט ריידן מיט אַזא התלהבות, — וואוהין, האָט מען ניט גע־וואוסט, נאָר מסתמא — קיין אַמעריקע... וואוהין אַלע אידן זיינען געלאָפן.

רחל האָט גע'חלוש'ט, געוויינט, געקלאָגט, געריסן אַף זיך די שיינע בלאָנדע האָר.

ניט בערל האָט זי געאַרט. זאָל ער לויפן, זאָל ער גע'הרג'עט ווערן אין וועג, — אָבער, גוואַלד, רבונו-של-עולם, — האָט זי גע'טענה'ט מיט אַ האַרצרייסנדיקן שטילן געוויין — וואָס איז דאָס קינד שול-דיק?!... מיט וואָס וועט זי אים האָדעווען, אַז דער גזלן, דער רוצח, האָט אפילו ניט איבערגעלאָזט קיין גראָשן געלט?!...

זי האָט פאַרגעסן, אַז זי אַליין וועט ניט האָבן וואָס צו עסן; זי האָט ניט גע'דאגה'ט, דאָס זי איז אַן עגונה געבליבן און וועט אפשר מוזן פאַרשוואַרצט ווערן דאָס גאַנצע לעבן אָן אַ מאַן; איר האָט ניט פיל געאַרט פאַר די יסורים, וואָס איר פאָטער וועט האָבן, דערהערנ-דיק וועגן בערלס אַנטלויפן — די מוטער אירע איז מיט עטלאַכע חדשים פריער אַוועקגעפאָרן אַף יענער וועלט, ניט דערלעבנדיק אַזא נחת פון דער טאָכטער, — זי, רחל, האָט ביטער געוויינט אַפן גורל פונ'ם קינד, וואָס איז נעבעך געבליבן אַ לעבעדיקער יתומ'ל, אָן אַ טאַטן... דאָס קינד, דאָס קינדן... וואָס וועט זיין מיטן קינד?...

איר טאַטע איז נאָך מער איינגעהויקערט געוואָרן, און, בלייבנ-דיק אָן אַלמן, האָט ער באַלד חתונה געהאַט מיט אַ פאַרזעסענער גראָבער פרישטשעוואַטער מויד פון אַ צווייטן דאָרף און נעציטערט

פאר איר, ווי פארן מלאך־המות. פארן צום טאטן מיט דער פרישטשע־וואטער שטיף־מוטער האט זי ניט געקאנט — בעסער זיין א דינסט בא פרעמדע...

דערווייל איז אבער ווינטער אין דרויסן — א שרעקלאכער ווינ־טער, מורא'דיקע פרעסט, גוואלדיקע שנייען — וואוהין וועט זי פארן מיט א פיצל קינד? ! פרילינג־צייט, נאך פסח, ס'וועט ווערן ווארימער אין דרויסן, וועט זי פארן אין שטאט, אין שטעטל, אפשר וועט זי קריגן א שטעלע אלס דינסט און וועט לעבן מיטן קינד...

אוודאי האט זי פארכאפט באם הארצן, קלערנדיק, דאס זי, רחל, וואס האט שטענדיק געלעבט אין דארף בא די עלטערן, ווי א פרייער פויגל, וועט דארפן זיין א דינסט בא פרעמדע, ראמען, וואשן פרעמדע פאדלאגעס, שלאפן אין קיך און עסן די שמוציקע שיריים פונ'ם באלע־באס מיט דער באלעבאסטע, מיט זייערע קינדער, וועלכע וועלן זיך באציען צו איר ווי צו א פערד, וואס מוז דערפילן אלע זייערע פארלאנגען און קאפריזן, — זי האט געהערט און געהאט א באגריף וועגן דעם לעבן פון די דינסטן בא פרעמדע, — נאר א ברירה האט זי געהאט? צום טאטן מיט דער שטיף־מוטער האט זי ניט געקאנט און ניט געוואלט פארן בשום אופן...

נאר ביז ס'וועט ווערן ווארים אין דרויסן וואס טוט מען?... מ'דארף דאך עסן!... דאס קינד וועט שטארבן פון הונגער!... און זי אליין?... פאר זיך האט שוין רחל'ען ניט געארט — מילא, שטארבן איז גאר ניט אזוי שרעקלאך. אבער דאס קינד?...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אינגאנצן איז אוועק א חודש, זינט בערל איז אנטלאפן — און רחל'ס פנים פאר דער צייט איז בלייך, איינגעצויגן געווארן; אף אירע פארשמאכטע, פארטריקנטע ליפן האבן זיך לייכטע קנייטשעלאך באוויזן, און אינגאנצן האט זי אויסגעזען ווי א לעבעדיקער זיפץ...

לאנגע, לאנגע נעכט האט זי ניט געשלאפן, געלעגן לעם קינד, אראפ פון בעט, געבלאנדזשעט איבערן שלאף־צימער און געוויינט, געקלערט, ווי צו אויסגעלייזט ווערן פון די צרות. ניט איינמאל האט

זי געקלערט זיך אויפהענגען און פּטור ווערן פון אַלץ, — נאָר אַ קוק-געבנדיק אַפן קינד, האָט זי זיך נאָך ביטערער צעוויינט: וואָס וועט זיין מיט אים, אַז זי וועט שטאַרבן?!...

און אַ טויט-קאַלטער יאוש האָט זי דורכגעדרונגען — שטאַרבן קאָן זי ניט, לעבן קאָן זי ניט... לעבן מוז זי צוליב'ן קינד...

קיין געלט האָט זי ניט. דער עקאָנאָם וועט זי מיט גוואַלד אַרויס-טרייבן די טעג פון דער עקאָנאָמיע, אויב זי וועט אַליין ניט אַוועק. נאָר וואוהין פאָרט מען, וואוהין רירט מען זיך מיט'ן קינד — אין אַזעלכע מוראדיקע פרעסט?!

איין „עצה" האָט זי געהאַט: אונטערגעבן זיך דעם עקאָנאָמס ווילן, זיינע שיכור'ע תאוות... איין־ניקע מאָל האָט ער איר שוין גע-זאָגט אָפן, דאָס אויב זי וועט ניט זיין קיין נאַר און קיין שלעכטע... וועט ער זי פון עקאָנאָמיע ניט טרייבן און געבן דערצו אויך עטלאַכע רובל...

איין „עצה" האָט זי געהאַט...

איז זי געלעגן אין בעט לעם קינד, און שטיל געטראַכט מיט טרערן אין די אויגן: ווער האָט איר יונגט באַרויבט?... אָט וועמען האָט ער איבערגעלאָזט דאָס קינד, אַ גזלן אַ פאָטער!... וואָס זאָל זי טאָן? הייגנען זיך, טרינקען זיך?... אָט וועמען וועט זי איבערלאָזן דאָס קינד?!... צום איינגעהויקערטן טאַטן מיט דער פרישטשעוואַטער שטיף-מוטער וועט זי בשום אופן ניט פאָרן!... וואוהין פאָרן?... זוכן אַ שטעלע אַלס דינסט?... ווי פאָרט מען מיט אַזאַ יונגיטשקען נפש'ל אין אַזעלכע פרעסט? און דער עקאָנאָם טרייבט פון וואוינונג...

איין „עצה" האָט זי געהאַט...

דער קאָפּ האָט זיך איר פאַרדרייט, ס'האָט זיך איר געדאַכט, דאָס דער שיכור'ער עקאָנאָם מיטן בלוי-גרויען נאָז זויגט אירע ליפּן און פון זיין מויל שלאָגט אַ ריח פון בראָנפן, פון וועלכן איר ווילט זיך מקיא'נען; מיט זיינע גראָבע שווייסיקע הענט טוט ער מיט איר קערפּער אַלץ וואָס זיינע שיכור'ע ווילדע תאוות גלוסטן, פאַראומ-רייניקט אירע הייליקסטע פרויען-געפילן, שליידערט זי אין אַ ים פון מיאוס'קייט...

מיט צוגעמאַכטע אויגן איז זי געלעגן איי ניקע מינוטן פאַר-חלוש'ט...

זי האָט ווידער געעפנט די אויגן, — איבערגעשראָקענע, מיט שטומען יאוש דורכגעדרונגענע, זײַנען זיי אפן קינד געפאַלן און גע־קוקט, געקוקט.

אַלץ שטאַרקער האָבן זי געשטיקט די מוטערלאַכע געפילן; אַלץ אָנגעשטרענגטער איז געוואָרן איר הארץ; אַלץ לייכטער, קלערער איז געוואָרן איר געדאַנק — אויסנוצן דעם איינציקן מיטל... זיך מקריב זײַן צוליבן קינד...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

שטיל האָט געאָטעמט דער יונגינקער קליינער נפש'ל. די מור־טער איז געלעגן לעם אים, איינגעקוקט זיך אין זײַן שלאָפנדיקן פּנימ'ל מיט די שיטערע בלאָנדע הערעלאך אפן קעפּעלע — און שטילע טרערן האָבן געפייכט אירע אויגן.

דער קליינער פייערל האָט געקוקט פאַר'יתומ'ט דורך און פון אונ־טער דעם בלויען אבאַזשור, וועלכער האָט ווי אַרומגענומען דעם לאָמפּ אפן טיש, ניט דערלויבנדיק אים צו באַלייכטן זייער שניידנדיק דעם שטומען אומעט, וואָס האָט שווער געאָטעמט אין צימער...

בענדעט־סולטאַן

פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין נאַכט פלעגט בענדעט־סולטאַן אַקערן מיט'ן נאָז, ברעכן זיך דעם קאָפּ, האָרעווען ווי אַ פערד, כדי צו פאַרדינען אַף אָנזעטיקן צען מאָגנס, וועלכע האָבן פון קיין זאַך ניט געוואָלט וויסן און געפּאָדערט שפּייז, שפּייז און שפּייז.

זיין מאַמע און זיין ווייבס מאַמע, די ווייב אַליין, דער ווייבס שוועסטער, אַ פינף־און־צוואַנציק יעריקע מויד, פינף טעכטער, ער, בענדעט זעלבסט, — אַ קיימאַ־לן פון צען נפשות, צען מאָגנס, וועלכע בענדעט־סולטאַן האָט געדאַרפט שפּייזן.

און אַלץ פון איין קלייטל.

בענדעט־סולטאַן האָט מען אים אין שטעטל אַ נאָמען געגעבן דערפאַר, ווייל זיין הויז, וואו ס'האָבן זיך געפונען ניין פרויענצימער אַף איין מאַנסביל, האָט אין זיך אָפּגעשפּיגלט עפּעס אַ מין מיניאַטור־האַרעם פון אַ טערקישן סולטאַן.

ווען דער אַלטער צדיק האָט נאָך געלעבט, און אין שטעטל פלעגן קומען צופאָרן הונדערטער חסידים פון נאָענט און ווייט, האָט בענדעט געצויגן די חיונה פון זיין הויז, וואוהין חסידים פלעגן פאַרפאָרן. דאָס קלייטל איז דעמאָלט געווען אַ דערביי־זאַך. אָבער זינט דער אַלטער צדיק איז נפטר געוואָרן און אין שטעטל פלעגט זעלטן פאַרבלאָנדזשען אַ לעבעדיקער מענטש פון דער פרעמד, איז בענדעטן אויסגעקומען ציען די גאַנצע פּרנסה נאָר פון קלייטל.

פלעגט בענדעט־סולטאַן אויסשטיין גאַנצע טעג אין זומערדיקע היצן און אין ווינטערדיקע פרעסט אין אַ קלייטל, און אַרויסגעקוקט אַף אַ פּריצ'ל, אָדער אַזוי אַף אַ גוי, פון וועלכן מ'זאָל קאָנען עפּעס פאַרדינען.

אַ טיפער אומעט פלעגט קוקן פון זיינע שוואַרצע אויגן; פיל דינע און קרומע קנייטשן האָבן באַטונקלט זיין בלאַסן שטערן; הילפלאָז איז זיין הויכער מאָגערער קערפּער געווען איינגעבויגן.

געדיינקט האָט בענדעט־סולטאַן זיינע יונגע יאָרן, ווען ער איז נאָך אַ בחור געווען. זיינע באַלעבאַטישע עלטערן האָבן זיך שטענדיק

געגרויסט מיט זייער בן-יחיד'ל. „איינס און א רעכטס" — פלעגן זיי זיך באַרימען פאַר גוטע פריינט — „שיין, קלוג, קען גוט א בלאַט גמרא און צו אַלע מעלות — א פרומער".

א כלה האָט מען פאַר אים געקליבן, פונקט ווי א פרומער גביר קלייבט אַן אתרוג — א צאַצקע, גאָט און לייט זאָלן טאַקע מקנא זיין.

אַלץ אין לעבן האָט זיך אים דעמאָלט אויסגעוויזן אַזוי לייכט, אַזוי מעגלאַך.

און וואָס מער ער פלעגט זיך פאַרשטעלן די פאַרגאַנגענהייט, זיי-נען זיינע אויגן געוואָרן אַלץ טרויעריקער, זיין לעבן אַלץ שווערער צו טראָגן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

בענדעט-סולטאַן פלעגט קומען שפּעט אין אָוונט אהיים איינ-געמאַטערט, ניט אַזוי פון פיזישע אַרבעט, ווי פון קאָפּדרייעניש און האַרץ-קלעמעניש. האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם לאַנגן, שמוציקן קאָרטענעם קאַפּטן און מיט אומעטיק-טריבע אויגן א זאָג געטאָן דער ווייב: „וועטשערע".

און טאַקע באַלד האָט זיך פאַרשפּרייט איבערן לאַנגן שמאָלן טיש א פאַרע פון דער גרויסער ווייסער ערדענער שיסל מיטן, פאַר-ווייסטן מיט מילך, הירזשענעם קרופּניק, אויף וועלכן ס'האָבן געקוקט הונגעריקע צען פּאָר אויגן.

און ס'איז געוואָרן א זופּעריי, א קייעריי.

בענדעט-סולטאַן איז געזעסן אויבן-אָן מיט פאַרקאַטשעטע ברוי-דיק-ווייסע אַרבל פון העמד, געקוקט אין טעלער, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים, געקייט שוואַרצן קאָרענעם ברויט און געזופּט האַסטיק דעם קרופּניק.

אויפהויבנדיק א ווײַלע דעם קאָפּ, און דערזעענדיק די נפשות, וואָס זיינען געזעסן אַרום טיש און געזופּט, און געקייט, פלעגט אים ווערן אומעטיק אויפן האַרצן, און ער האָט באַלד ווידער אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געקלערט: שווער איז צו זיצן באַם טיש און זען פאַר זיך די אַלע נפשות. און וואָס קאָן ער זיי העלפן, אַז ער פאַרמאָגט אינ-גאַנצן א קליין קלייטל, — און קונים איז אַזוי ווינציק?

איילנדיק האָט בענדעט-סולטאַן אָפּגעגעסן און גענומען זיך אויס-חשבונ'ען, וויפיל געלט עס קומט פון אים לייטן, און פון לייטן אים. ער האָט גע'חשבונ'ט — און האָט אָפט טעות'ן געהאַט. פון יעדער

שורה האָבן אַרויסגעקוקט אַף אים ניין פּאָר אומעטיקע אויגן און ניין מיילער.

שפּעט אין דער נאַכט פֿלעגט ער ענדיקן זיינע חשבונות.

אַלע אין שטוב שלאָפן שוין. בענדעטן נעמט ניט קיין שלאָף. תמ׳עוואָטע, ווי עמיצער פון יענער וועלט, דרייט ער זיך אַרום איבער די חדרים פון זיין הויז.

בלאָנדזשעט ער אַרום איבער די חדרים מיט אַ לאָמפּ אין דער האַנט; וואַרפט בליקן אַף די צוויי אַלטע אויסגעטחושכ׳טע פּרויען; זיין מוטער און זיין ווייבס מוטער, וועלכע שלאָפן אין דעם הינ־טערשטן פינצטערן חדר; שטעלט זיך אָפּ לעם דער עלטערער טאָכ־טער, קוקט זיך איין אין איר, פונקט ווי ער וואָלט זי זען דעם ערשטן מאָל, און קלערט: אַן אַכצן-יעריקע מיידל; שוין צייט איר אַ חתן געבן, — נאָר נדן באַדאַרף מען דאָך און דוקא היפּש נדן, וואָרום אַ שוסטער אפילו פאַרלאַנגט היינטיקע צייטן אַ פּאָר הונדערטער נדן-געלט.

און דאָס צווייטע מיידל איז שוין אַלט זיבעצן יאָר; דאָס דריטע — פופצן. בענדעט האָט געפילט דעם טעם פון דעם, — אָט קומען אָן צייטן זייער, זייער שלעכטע: אַ פולע שטוב מיט אַלטע מיידן — אַ חרפּה לייטן אין די אויגן צו קוקן.

אָט גיט ער אַ קוק אַף דער ווייבס שוועסטער, — און אין זיינע אויגן צינדן זיך אָן משונה׳דיקע פייערלאַך: וואָס האָט זיך נאָך די צרה אָנגעזעצט אַף אים? וואו זאָל ער נעמען נדן פאַר איר?

— — — — — — — — — — — — — — — — —

די לעצטע צייט אַרבעט בענדעט-סולטאַן צו באַקומען אַ דער־לויבעניש אַף צו עפענען אַ וויין־קעלער. אַף שמירן, געבן שוחד וועט מען מ׳באַדאַרף, האָט בענדעט ניט געהאַט קיין געלט, — האָט ער אָפּגעשלאָגן די פּיס אומלויפנדיק צו גוטע-פריינט פרעגן עצות. נאָר אָן געלט האָבן ניט געהאָלפן די בעסטע עצות, און אַ דערלויבעניש האָט ער ניט באַקומען.

נאָך שרעקלאַכער פלעגט ער פילן, ווען ער האָט געקלערט: וואָס וועט זיין, אַז מ׳וועט אים יאָ דערלויבן עפענען דעם וויין־קעלער? מיט וואָס וועט ער אים עפענען? לכל הפחות באַדאַרף מען אַף דעם האָבן אַ רובל טויזנט, — טאָ וואו וועט ער עס נעמען?

אָבער דערמאָנענדיק זיך אָן די צען מאָנגס, וואָס ער האָט באַ־

דאַרפט שפּייזן; אָן דער עלטערער טאָכטער, וועלכע איז געשטאַנען אין שידוכים; אָן זיין ביטערער קליינער פּרנסה פון קלייטל, האָט ער פאַרגעסן, דאָס ער האָט ניט קיין טויזנט רובל, און איז געלאָפן ווידער צו זיינע גוטע־פריינט פרעגן עצות, ווי אזוי צו באַקומען אַ דער־לויבעניש אַף אַ ווייַן-קעלער.

בענדעט-סולטאַן האָט שטאַרק אָנגעהויבן גלויבן אין דעם יונגן רבי'ן, מיינענדיק, אפשר וועט דאָס זיין אַ סגולה צו פּרנסה; אפשר וועט דער רבי ווייזן אַ דרך, ווי צו עפענען דעם ווייַן-קעלער.

כאָטש ער איז אַלט געוועזן ניט מער ווי אַ יאָר פערציק, האָט מען פון אים אָפּט געקאָנט הערן אַזעלכע מיינונגען וועגן קינדער־דערציאונג, אָדער וועגן דער באַציאונג פון בחורים צו מיידלאַך, פּונקט ווי ער וואָלט אַלט געוועזן אַ יאָר אַכציק. און בענדעט האָט ארויסגעזאָגט זיין מיינונג ניט דערפאַר וואָס ער האָט אַזוי פאַרשטאַ־נען די זאַך, נאָר ווייל ער האָט געמיינט מיט דעם איבערצייגן אַלע־מען, אַז ער איז אַ חסיד באמת.

און ווען עמיצער האָט אים אַמאָל געפרעגט: ר' בענדעט, פון ווען אָן זיינט איר דאָס געוואָרן אַזאַ פייערדיקער חסיד? — האָט ער, בענדעט, געשמייכלט, און זיינע אויגן האָבן גערעדט פון צען מאָננס, וועלכע האָבן פון קיין זאַך ניט געוואָלט וויסן, נאָר פון שפּייז, שפּייז און שפּייז...

ער קאָן ניט פאַרשטיין

ס'זיינען געווען צייטן, ווען משה־הערש האָט רואיק געלעבט און האָט הנאה געהאַט פון זיין לעבן.

אַ גאַנצע וואָך פלעגט ער זיין פאַרנומען, — האָט געהאָלפן זיין ווייב אין קראָם, איז אָפט געפאָרן אין דאָרף צום וואַסער־מיל, וואָס ער האָט געהאַט געהאַט אין ארענדע פון פריץ.

ניט ווייט פונם וואַסער־מיל איז געשטאַנען אַ קליין שטיבל מיט אַ נידעריקן גאַנעק, וועלכער האָט געפירט אין אַ פאַרשטוב אָן אַ דיל. אינם שטיבל האָט געוווינט דער מילנער פעטראָ, אַ געזונטער הויכער גוי, וועלכער האָט באַקומען פון משה־הערשן אכט רובל אַ חודש שכירות, מיט זיין יונגער ווייב פעאָדאָרא, אַ הויכע שטאַרק־גע־בויטע גויע, וועלכע האָט פאַר משה'הערשן דרך־ארץ געהאַט. אינ'ם שטיבל איז געווען אַ באַזונדער צימערל פאַר משה־הערשן, וואו ער פלעגט נעכטיקן, ווען ס'איז געווען פיל אַרבעט אין מיל, און ער האָט קיין צייט ניט געהאַט פאָרן אהיים שלאָפן. פעאָדאָרא פלעגט האַלטן דעם צימערל ריין, מיט ריינע בלויע פאַרהאַנגלאַך אויף די קליינע פענצטער.

משה־הערש פלעגט זיך פילן זייער גוט ארום מיל: דער גערויש פון וואַסער, וואָס איז שטענדיק געפאַלן פונם גרויסן מיל־ראָד; דאָס הוזשען פון די מילשטיינער, וועלכע האָבן זיך אָנאויפהער געדרייט און געמאָלן קאָרן, ווייץ און רעטשקע; דאָס סקריטשען פון רעדער פון די פורן, אויף וועלכע די פויערן פלעגן ברייננגען תבואה צו מאָלן, — אַלץ האָט געקלונגען אין זיינע אויערן, ווי זיסע מוזיק און האָט געגעבן אַן אינהאַלט זיין לעבן, דעם תכלית פון וועלכן ער האָט, דאַכט זיך, געפילט אין זיין גאַנצן וועזן.

אין די שבתים האָט דעמאָלט דער אינהאַלט פון זיין לעבן גע־האַט אַן אַנדער צורה, אַ מער קלאָרע. אין שול ביים מזרח־וואַנט האָט ער זיך געפילט, ווי איינער פון די חשוב'ע באַלעבאַטים, וועמען שישי און שלישי קומט על־פי־דין און על־פי־יושר.

זיין ווייב ציפּע אין דער ווייבערשער שול פלעגט זיך אָפט אויפ־

הויבן פון איר אָרט אין מזרח־וואַנט, זיך שטעלן מיט די קני אַפן באַנק, דורך די לעכער אין וואַנט אַריינקוקן צו די מאַנסבילן אין שול און שעפּן נחת פון איר משה־הערשן, אַף צולאַפּעניש אירע ניט־פאַרגינער און שונאים.

וויפיל פאַרגעניגן האָבן דאָס משה־הערש און זיין ווייב געהאַט אין די שבתים און יום־טובים פון יענער צייט. ווען משה־הערש פלעגט אויפשטיין פון זיין נאָכמיטאָג שלאָף שבת און זיך זעצן ביים טיש אין עס־צימער לערנען גמרא.

ציפּע איז געזעסן אַפן גאַנעק איבערן אָפענעם טייטש־חומש און האָט מיט פאַרגעניגן זיך צוגעהערט צו משה־הערשס גמרא־ניגון, וואָס האָט געפליסט פון שטוב דורכן אָפענעם פענצטער און איז צו־גאַנגען אין די וואַרעמע זון־שטראַלן. אירע אויגן האָבן געפינקלט און מיט שטאָלץ געקוקט אַפן מאַרק, ווי זיי וואָלטן זאָגן: וואָס פעלט מיר מיט משה־הערשן? פאַרוואָס זאָלן אונז לייט ניט מקנא זיין?...

אין יענער צייט האָט נאָך משה־הערש ניט פאַרזוכט דעם טעם פון דאגות וועגן קינדער. די מיידלאַך וועלן אויסוואַקסן, וועלן העלפן דער מאַמע אין קראָם, חתונה האָבן און לעבן, ווי ס'פּאַסט פאַר אידישע באַלעבאַטישע טעכטער. די זין, קלמנ'קע און שלמ'קע, וועלן לערנען אין חדר גמרא און נאָכדעם... משה הערש האָט זיך ניט אַריינגעלאָזן אין ווייטע חקירות וועגן דער ווייטער און ניט קלאָרער צוקונפט.

אין שול האָט ער זיך שטענדיק אינטערעסירט מיט קהל'שע זאַכן און האָט ליב געהאַט זאָגן זיין מיינונג, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ חשוב'ן באַלעבאָס. אַף שמחות ביי פיינע באַלעבאַטים פלעגט ער כאַפּן אַ פריילאַכס.

אַזוי איז געווען אַ צייט אין משה־הערשס לעבן, ווען אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער פאַרשטייט דאָס לעבן און האָט הנאה פון לעבן.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ פּופּצן הקפות האָט די ערד געמאַכט אַרום דער זון, זומערן און ווינטערן זיינען, ווי חלומות, צערונען, — און אין משה־הערשס לעבן האָט זיך פיל געענדערט.

קיין הכנסה פון וואַסער־מיל איז מער ניט געווען, ווי ער וואָלט

גאָר קיינמאָל קיין מיל ניט געהאַט. דער פּדיון אין קראָם איז געוואָרן קלענער: ס'זיינען אויפגעשטאַנען נייע קרעמער, וועלכע האָבן מיט אים קאָנקורירט און זיינען אים דערגאַנגען די יאָרן. די הוצאות זיינען געוואָרן גרעסער. אָבער דאָס זיינען ניט געווען די איינציקע סיבות, וואָס האָבן פאַרפינצטערט משה־הערשס לעבן, — נאָך אפילו איצט האָט ער פאַרדינט גענוג צום לעבן, און צו הונגער חלילה איז נאָך ניט געקומען.

זיין לעבן האָבן פאַרביטערט זיינע זין און זיינע טעכטער. ער האָט דערוואָקסענע זין און טעכטער און האָט פון זיי קיין נחת ניט. פּשוט, ער פאַרשטייט זיי ניט און פילט זיך צווישן זיי פרעמד.

זיין עלטערע טאָכטער שרה'קע איז שוין געווען א מיידל פון א יאָר זיבן־און־צוואַנציק מיט בלויליך־גרויע קנייטשן אַרום די אויגן, — און ס'איז שווער געווען קריגן פאַר איר א חתן. פריער מיט עט־לאַכע יאָר זיינען געווען בעלנים אַף איר, — אָבער דאַמאָלט האָט זי ניט געוואָלט חתונה האָבן. דער טאַטע און די מאַמע פלעגן מיט איר איינ'טענה'ן, אַמאָל מיט בייזן און אָפּט מיט גוטן, — אָבער ס'האָט ניט געהאָלפן. שרה האָט געהאַט איין ענטפער: זי וויל ניט קיין מאַן, זי וועט בעסער פאָרן אין דער גרויסער שטאָט אַף קורסן פאַר אַקושערקעס. איצטער איז זי שוין געווען א הייבאַם און האָט שוין געוואָלט חתונה האָבן, אָבער קיינער האָט זי שוין ניט געוואָלט, — צו אַלט... האָט משה־הערש ניט פאַרשטאַנען, וואָס האָט שרה'קע געוואָלט מיט אירע קורסן, — וואָס פאַר א נוצן האָט עס געבראַכט אין איר לעבן, — זי פאַרדינט דאָך פון דעם כמעט גאָר־נישט. זעלטן ווען, אפשר דריי־פיר מאָל אין יאָר, רופט מען זי צו א געווינערין און מ'שיינקט איר פאַר איר טירחה דריי אָדער פינף רובל.

און שרה'קע איז נאָך אַלץ אביסל אַן איבערקלייבערין: שטעלט מען איר פאָר א חתן, וואָס איז ניט אַזוי פאַרשפּיצט און היינטוועלטיק, אָדער ניט גענוג געבילדעט, נאָך איר מיינונג, וויל זי פון אים ניט וויסן. משה־הערש פאַרשטייט זי ניט. „מה־נפשך", —טענה'ט ציפּע צו שרה'קען, און משה־הערש שאָקלט מיטן קאָפּ, איינשטימענדיק מיט זיין ווייב, — ווילסטו חתונה האָבן, זאָלסטו צופיל ניט איבער־קלייבן, — אלא וואָס דו ביזט אַן איבערקלייבערין, וועסטו דאָך פאַר־זיצן ביזן גרויען צאָפּ..." שרה'קע וויינט זיך פאַנאַנדער און פאַר־שליסט זיך אין איר צימער.

אויך זיין נײנצן־יעריקע טאָכטער מלכה פאַרשטייט ער ניט. זי ווערט אַלעמאָל פאַרשוואונדן פון הויז ביז שפּעט אין דער נאַכט. וואו־הין?... וואָס איז מיט איר געשען?...

און אין שול האָבן מענטשן זיך אָנגעהייבן שושקען, אַז מלכה משה־הערשס פאַרברענגט גאַנצענע טעג און נעכט ביים דאַנטיסט. אייגנטלאַך האָט משה־הערש קיינעם אין שטעטל קיין שלעכטס ניט געטאָן, אָבער שונאים האָט ער געהאַט גענוג, — מ'האָט אים פּשוט ניט פאַרגונען, וואָס ער האָט פּרנסה... זאָל ער וויסן, ווער זיין מלכה איז, און זאָל ער צופּלאַצט ווערן... ..

און משה־הערש האָט זיך דערוואוסט וועגן מלכה'ן. פּייערלאַך האָבן זיך באַוויזן אין זיינע אומעטיקע אויגן און זיינען באַלד פאַר־שוואונדן. זיין מלכה פאַרברענגט גאַנצענע וואָכן ביים דאַנטיסט?... דערפאַר ווערט זי אַלעמאָל פאַרפאַלן פון הויז ביז שפּעט ביינאַכט!... ער קומט פון שול אַהיים. זיין ווייטאָק איז טיף. מלכה'ן אָבער זאָגט ער גאָרניט. וואָס זאָל ער איר זאָגן? פיל מאָל האָט ער שוין גע־הערט פון זיינע קינדער, אַז ציימן האָבן זיך געביטן, אַז ס'זיינען שוין אַוועק יענע יאָרן, ווען אַ מיידל האָט ניט געטאָרט ריידן מיט אַ בחור. היינט איז פריי, מיידלאַך זיינען אויך מענטשן און מעגן טאָן, וואָס און ווי זיי ווילן. די ערשטע צייט פלעגט משה־הערש זיך בייזערן אַף די קינדער פאַר זייער פירן זיך ניט ווי ער פאַרשטייט, — אָבער בטבע ניט קיין עקשן און שלעכטער, איז ער מיט דער צייט אַנטשוויגן געוואָרן. אפשר, — האָט ער געטראַכט — האָט זיך דאָס לעבן גע־ביטן... אפשר פאַרשטייען די קינדער מער פון אים... אפילו ער אַליין פאַרשטייט ניט, מיט וואָס איז דאָס לעבן אַנדערש געוואָרן. פאַר־וואָס זאָלן מיידלאַך היינט זיין הפקר...

און אַז ציפּע, וועלכע האָט שוין אויך פאַרשטאַנען, אַז מ'קאָן ניט פירן מלחמה מיט היינטיקע קינדער, האָט אים געפרעגט: „וואָס זאָג־סטו, משה־הערש, וועגן אונדזער מלכה'ן, וועלכע לויפט נאָך דעם דאַנטיסט?...“ האָט איר משה־הערש געענטפערט: איך וויים?... ס'איז ניט גוט...“

זיינע קינדער, קלמן און שלמה, זיינען שוין אויך אויסגעוואָקסן. זיי זיינען שטענדיק געווען פאַרטאָן אין טובת־הכלל, אין ביכלאַך און אין מיידלאַך, — ניט מיידלאַך, מיט וועמען זיי וואָלטן געקאָנט אָדער

געוואָלט חתונה האָבן, נאָר גלאַט מיידלאַך, מיט וועלכע מ׳קאָן זיך ארומדרייען אין די גאַסן ביז שפּעט אין די נעכט. און וואָס וועט זיין דער תכלית פון זיי? שטענדיק האָבן זיי צו אים געהאַט טענות, אַז דאָס לעבן היינט איז אינגאַנצן אַנדערש... אַז די גמרא, וואָס זיי האָבן געלערנט אין חדר, האָט זיי ניט געבראַכט קיין נוצן... פאַר־וואָס האָט מען זיי אין קינדהייט ניט צוגעגרייט צו די לימודים פון גימנאַזיע?!..

משה־הערש פלעגט זיך אויפרעגן פון אַזעלכע טענות, — אָבער ניט פאַרשטייענדיק, וואָס ווילן זיינע קינדער און צו וואָס זיי שטרעבן, האָט ער אָנגעהויבן טראַכטן, אַז אפשר זיינען זיי גערעכט... טאָמער האָב איך טאַקע באַדאַרפט זיי אַנדערש דערציען... אפילו וואָס הייסט אַנדערש?... ווי האָב איך זיי געזאָלט אַנדערש דערציען?..

ער האָט געפילט, ווי זיין צייט איז אַוועק, און עפּעס איז חרב געוואָרן אין לעבן... עפּעס נייעס איז אויפגעשטאַנען... אָבער וואָס איז דאָס נייע?... וואָס, וואָס ווילן זיינע קינדער?...

וואָס ווילן זיין זיבצן־יעריקע פעסל און זיין פופצן־יעריקע ברכה׳קע? שטענדיק היצן זיי זיך ווענן עקזאַמענעס און קורסן. צו וואָס טייגן זיי די עקזאַמענעס?...

ער האָט אַף אַלץ אָנגעהויבן קוקן מיט אומעט אין די אויגן, — אַן אומעט, וואָס האָט געדריקט זיין האַרץ און אַוועקגענומען פון אים דעם חשק צו ריידן, צו לאַכן און זיך מישן אין קהל׳שע זאַכן. די באַלעבאַטים אין שול ריידן ווענן נייעם רב, קריגן זיך ווענן באָד, אַמ־פערן זיך ווענן ליי־און שפּאָר־קאַסע, — זאָלן זיי ריידן, זאָלן זיי זיך קריגן, — וואָס זאָל דאָס אים אַרן? ס׳איז אַ נאַרישע וועלט — ריידן זיינע אויגן — אַ נייער לעבן איז אָנגעשטאַנען, — איר האָט זין און טעכטער, און איר פאַרשטייט זיי ניט... איך פאַרשטיי ניט מיינע קינדער... וואָס איז צו ריידן ווענן אַ באָד...

מ׳האָט שוין אים אויפגעהערט זען זיך פרייען אַף באַלעבאַטישע חתונות, — אַלע זיינען געווען פריילאַך, געטאַנצט, געהאָפּקעט זיך, און ער האָט אַף אַלץ געקוקט מיט פאַראומערטע אויגן.

אָפּטמאָל שבת בייטאָג איז ער געזעסן אין עס־צימער איבער אַן אָפענער גמרא פאַרזונקען אין געדאַנקען, ווען ער האָט זיך צוגעהערט צו די יונגע זינגענדיקע קולות, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון סאַילקע, וואו ס׳האָבן זיך פאַרזאַמלט ברכה׳קע, פעסל און זייערע חבר׳טעס.

אין אזעלכע מאָמענטן האָט זיך אים געדאכט, אז ער הייבט אָן עט־וואָס באַגרייפן זיינע קינדער.

ער הערט, ווי אַ ליד וויינט:

טענות צו גאָט, וואָס ער האָט צוזייט און צושפרייט די אידן צווישן אַלע פעלקער, ווי זאמד און ווי שטיינער, וואָס אַלע טרעטן מיט די פיס.

גיסט זיך אָן אנדער ליד:

יונגע הערצער בענקען נאָך ליבע... צאַרטע בלומען וויינען, וואָס זיי וועלקן אין קעלט און פינצטערניש, ניט וויסנדיק צוליב וואָס און פאַרוואָס...

הערט משה־הערש, — און אין אים וועקן זיך חלומות פון זיין יוגנט. זיין האַרץ הויבט אָן זיך באַוועגן שנעלער; זיינע געדאַנקען הייבן אָן ווערן קלערער, לויטערער... אָט, אָט, — און ער וועט באַגרייפן דעם אינהאַלט פון זיינע קינדערס נשמות, — אָט באַלד וועט ער פאַר־שטיין דעם סוד פון נייעם לעבן... אהאַ, דער גלות דריקט זיי... זיי ווילן זיין פריי און הנאה האָבן פון ליבע... אהאַ... אָבער באַלד הייבן אָן זיינע געדאַנקען זיך ווידער פאַרטונקלען, און ער טראַכט: זיי געפעלט ניט זייער לאַגע?... זיי ווילן ליבע?... נו, טאָ פאַרוואָס ווילן זיי ניט חתונה האָבן?... אלא וואָס זיי לאַכן זיך אויס פון חתונה, — טאָ נאָך וועלכער ליבע בייגקען זיי?... וואָס ווילן זיי?... מ'קאָן דאָך ניט זאָגן, אז זיי זיינען נאַראָנים אָדער משוגעים... מסתמא פאַרשטייען זיי דאָס לעבן אנדערש... וואָס?...

און מיט אַ טיפן זיפץ הויבט ער אָן לערנען די גמרא מיט אַן אומעטיקן ניגון:

כלל גדול אמרו בשבת, — אַ גרויסן כלל האָבן די חכמים גע־זאָגט וועגן שבת, — השוכח עיקר שבת, — דער וואָס פאַרגעסט דעם עיקר פון שבת...

און ביים פענצטער זיצט ציפּע און קוקט אַרויס אין דרויסן מיט טרויעריק־שטומע אויגן, — און אַלע ווילע ציט זיך פון איר האַרצן אַרויס אַ שטילער זיפץ.

טריאָ פרעס אינק., 28 איסט 4טע גאַס, נ. י. 266